STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06004

LITERARISHE ESEYEN

Jacob Aspiz

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב אַשפּיז

ליטעראַרישע עסייען

קוף פאַרלאַג

לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע

1978

אינהאַלט

זישע ווײַנפּער ... 7
לאַמעד שאַפּיראָ ... 18
ש. דייקסל ... 27
בער גרין ... 35
שרה פעל-יעלין ... 42
יוסף וויים ... 49
חיים שוואַרץ ... 56
י. א. ראָנטש ... 64
א. רייזין ... 74
כאַוער-פּאַווער ... 84
מרים פייערמאַן ... 90
ברוך מילער ... 97
רפאל פאַזנער ... 104
דר. חיים לובין ... 112
רחמיאל פאַרבער ... 118
דאָרא ביירעק ... 124
שלמה בעלסקי ... 130

LITERARIHSE ESSAYEN
(LITERARY ESSAYS)

By

JACOB ASPIZ

LOS ANGELES, CALIFORNIA

PRINTED IN THE U.S.A.

יעקב אשפּיז בוך קאָמיטעט

אהרן קוירטמאַן, פּאָרזיצער
חיים בוקרינסקי, קאַסירער

י. א. ראַנטש, פינאַנץ סעקר.
משה שעק, רעקאָרדינג סעקר.

ערן־ספּאָנסאָרס:

העראַלד און סילוויאַ אַשפּיז
מערי גאַרפילד
אין אָנדענק פון נייטן
העריס און רוט זייצעוו
נייטן קאַרפּילאָוו
אין אָנדענק פון איידען
אייב באַרנשטיין־לייטשע שוואַרץ
אין אָנדענק פון ליבען

אייב ווייזלמאַן
הערשל קאָהן
אין אָנדענק פון סאָניען
דזשאָ שאַכנאָוו
מרים און משה שעק
כאָווער־פּאָווער פאָנד

ספּאָנסאָרס:

עוועלין אַלעקסאַנדער
מאַקס און יעטאַ גראָס
ברוך און ליליען מילער
דזשאָ און ליליען קאָרן
ליאַ אָקון
אין אָנדענק פון דאָרען

סאָניע יאַבלאָן
אין אָנדענק פון מישאַ׳ן
אהרן קוירטמאַן
אין אָנדענק פון רבקה׳ן
סעם און ענא ראַטינאָוו
אין אָנדענק פון זייער טאָכטער
מילדרעט ראַטינאָוו ווייס

מיטגלידער:

אייב אַדלער
נייטן און מילי אַפּעל
חיים און חנה בוקרינסקי
יוסף און ראָוז גרינשפּאַן
סעם און סעלמאַ גרינבערג
מאיר און ראָוז גאָלדין
העראַלד גרין
לאָס אַנדזשעלעס פּאָלקס כאָר
שלמה מיכאַעלס קרייז
יוצי און ענא מאָרדן
אברהם און סאָניאַ סאָבעל
מענדל סלוצקי
חיים פּאַנמאַן
אייב קריימער
דאָרא ראַבינאָוו
י. א. און עלקע ראַנטש
נייטן און ענא שאַפּירא

קלאַרא און אייזיק שאַליט,
סענטשורי ווילעדזש, פלאָר.
נאַדיאַ לון
אין אָנדענק פון יעקב׳ן
מעקס גיטלין
אין אָנדענק פון רחלען
מ. איינסטאָם
י. אַלפּערט
נייטן און פרידאַ באָגאָד
דאָרא ביירראָק
בעקי בערגמאַן
משה און עלקע בלאָט
דזשאָ און איידאַ באַרנשטיין
יוסף גרינבערג
אייב און בעסי גרין
זשאַק און שרה גוטפרענד

שרה געלער
אין אָנדענק פון גדליה׳ן
חברים הוירשפילד
מאַקס וואַלדמאַן
נייטן און לילי טשערנאַי
ראָוז פּאַקס
איוואַ פראַנצבלוי, אָנדענק שמואל
משה פישמאַן
נייטן און פרענציס סענטער
אוירווינג פאנטין
סעם סטעף
פיל קאָופמאַן
רעגינאַ קאַטלער
דזשעק קאָהען
טעד קאָהען, אָנדענק סעראַ
חברים קליגער
פעי קראַמאַן
לאה קאַץ, אָנדענק אַלעקס
מיני ריפקין
בוזי ראָזענפעלד
סערא שאָר
חיים און פרידאַ סטיין
י. גערשענזאָן
דזשעק גראָסמאַן
יעטא און באָריס גורשטין
דייוו און בעלאַ דוואָרין
סעם און העלען דראַזנין
ביטריס וואַלמאַן
יוסף און פראַניאַ ווייס
פּאָולין ווייטמאַן
טשאַרלס וועקסלער
דר. חיים און פעי ליובין
אַ פריינט
רפאל און שרה פאַזנער
די קענדזערס
חיים און רוט שוואַרץ
וועסט עדעמס
עמאַ לאַזאַרוס קלוב
אסתר רייף אין אָנדענק
פון חיים׳ן, ב. י.

נייטן פּאַרמאַנסקי, מיאַמי, פלאָר.
רעגינאַ גאָלדראַט
אין אָנדענק פון הערין
סעם ראָטנבערג
י. א. ראָנטש לייען קרייז
שלום עליכם לייען קרייז
מאַניא בענדער
קלאַראַ בלומנפעלד
פּערל ביזאַנסקי אין אָנדענק
פון שאַיען
חברים סאל יעלען
לואי ליסט
מילדרעד לאָסניק, אָנדענק
פון חיים׳ן
דען און איידא מולאַטניק
בעלאַ מאַרקוס, אָנדענק פון היימן
פעי מאָזער
אָנדענק ב. מאָזער
מאָריס פעלאָו
אָנדענק שולמית
גבריאל און דזשאַנעט סאַנשיין
שולמית פיאוס
בערל און לינאַ פילד
סעם און ראָוז פעלדשער, פילאַד.
ליאָן און סימאַ טיסין, פילאַד.
ס. גאָלדמאַן, פילאַד.
ראָוז קאָהען
סעם און דאַיענאַ קוגלער
שרה קראַנץ
פישל און רחל קליינערט
פרידא קינג
לואי און רעגינאַ ראָטמאַן
מירל ראָטבלאַט, אָנדענק אָסקאַר
הערי און ציליע ראבינס
איוואַ גאָרדאָן
דייוויד און פרענציס פיזמאַן
ענאַ קרייצער
רחמיאל און לינא פאַרבער

יעקב אַשפּיז

אַ מתנה
מיין טייערער לעבנסבאַגלייטערין
נעלין

מיט ליבע

אַ וואָרט פון דעם מחבר

דאָס בוך „ליטעראַרישע עסייען“ איז מיין „ערשטלינג“, וואָס דערשיינט אויפן וואונטש פון מיינע חברים און פריינט אַדאַנק זייער ממשותדיקער הילף און מאָראַלישער קאָאָפּעראַציע.

זייער אויפריכטיקער וואונטש איז אין פולן הסכם מיט מיין פּרינציפּיעלער איינשטעלונג צו טיילן זיך מיט מיין באַשיידענעם וויסן, וואָס איך באַזיץ. אָט די געזעלשאַפטלעכע אחריות פיל איך אויס מינדלעך און שריפטלעך אין משך פון צענדליקער יאָרן.

מיינע עסייען זיינען געדרוקט געוואָרן אין פּראָגרעסיווע צייט־שריפטן אין אונדזער היימלאַנד, אַמעריקע, און זיי ווערן טיילווייז איבערגעדרוקט אין אויסלענדישע צייטשריפטן.

די 17 שרייבער און דיכטער וועמענס ווערק איך אַנאַליזיר אין מיין בוך, פאַרנעמען אַ בכבודיק אָרט אין דער בעסערער יידישער ליטעראַטור און זיי זיינען אַנערקענט פאַר באַרייכערן אירע אַנגעזאַמלטע אוצרות.

צוועלף פון די שרייבער און דיכטער וועמענס ווערק איך אַנאַליזיר, זיינען לאַנגיאָריקע איינוואוינער אין לאָס אַנדזשעלעס. זייערע ליטעראַרישע ווערק זיינען צום כבוד פאַר יעדן יידן וועמען דאָס בעסערע יידיש וואָרט איז ליב און טייער.

איך דריק אויס אַ האַרציקן דאַנק צום בוך קאָמיטעט, צום טאַלאַנטפולן שרייבער פוליע טשערנער, פאַר זיין אַקטיוון אָנטייל אין דער דערשיינונג פונעם בוך און צו אַלע חברים און פריינט פאַר זייער קאָאָפּעראַציע און דערמוטיקונג.

מיין האַרציקע דאַנקבאַרקייט און אַנערקענונג צום נאַציאָנאַל־באַוואוסטן שרייבער, דיכטער, ראָמאַניסט און עסייאיסט, יצחק אלחנן ראָנטש, פאַר זיין אַקטיווער באַמיאונג צו ברענגען מיין „ערשטלינג“ צום יידישן לייענער.

יעקב אַשפּיז

זישע וויינפער

דער דיכטער, עסייאיסט, קולטור בויער און קולטור משולח פונעם איקוף, זישע וויינפער, איז אין דער אייביקייט אוועק אין עלטער פון 65 יאר, — אינעם סאמע בלי פון זיין פילזייטיקן שאפן. (וויינפערס ליד איז אן ארגאנישע טייל פון זיין וועזן):

יעדע שורה פון מיינס א ליד . . . איז א טראט פון מיינע טריט . . .
— געזאנג . . . פון מיין גאנג . .

די 26 ביכער, וואס ער האט געשאפן זיינען א גרויסער צושטייער צום אנגעזאמלטן רייכן אוצר פון אונדזער מאדערנער יידישער ליטעראטור, וועלכע וויינפער האט באזונגען, אז ס׳איז

אזוינס, וואס איז צעלויכטענע ירושה
פאר אלע דורות לויטערע קדושה!

די קאלירפולע וויינפער פערזענלעכקייט האט אויסגעשטאלטיקט דער פארשטארבענער שרייבער, ליטעראטור קריטיקער און פארשער, י. ב. ביילין, דער מחבר פונעם בוך, „יידישע פערזענלעכקייטן אין דער געשיכטע פון אמעריקע". ביילין שרייבט: „ז. וויינפער, אן אינערלעכע און אויסערלעכע אויסגעטיילטע פערזענלעכקייט. ארום אים איז שטענדיק געווען דער שטראלן־רינג פון א קינסטלער. אויף אים האט זיך געשויבערט א כוואליע, ווי א גריווע אויפן קאפ פון א לייב. זיינס איז געווען א געשטאלט, ווי אויסגעגאסן פון בראנז... פון יעדער דימענסיע האט ארויסגעשפילט זיין אייגנארט. וויינפער, א יידישער דיכטער מיט ניט קיין יידיש פנים. וויינפערס קורץ־אויסגעשניצט נעזל איז געווען א שארפער קאנטראסט צו זיין זאפטיק פולמויליקן ווילנער יידיש".

דאס איז די שפראך, וועלכע וויינפער באזינגט אין זיין ליד „יידיש איז מיין לשון", אט אזוי:

לשון מיינס איז יידיש
פול מיט פשטות און רחבות נגידיש
ווארעם ווי די זון

לאָמפּ איז נאָך ניט פאַרלאָשן.
זע, ער גליט נאָך, גליט!
יידיש איז מיין לשון,
יידיש איז מיין ליד!

„דאָס עצמדיקע אין וויינפּערס ליד איז מער פון אַלץ גע־וועז לעבנס־פרייד, מוט און האָפענונג, פון מונטערן גאַנג און פון לויטערן געזאַנג” (בער גרין). איך בין זיך מודה, אַז איך הער זינגען, אָדער דעקלאַמירן וויינפּערס אַ ליד, צעבּרויזט זיך אין מיר מיין הארץ. אין דמיון זע איך דעם געזונטן, פריילעכן, זינגעדיקן וויינפּער, אין וועמענס אויגן ס'שטראַלט די אוקראַי־נער זון. איך זע אים ווי ער שטייט אַ צעלויכטענער בעת ער האַלט אַ לעקציע אָדער שמועסט וועגן וויכטיקע איקוף פּראָ־בלעמען און בשעת ער רעדט לאָזט ער אין גאַנג זיינע פינגער צו פאַרשאַרן זיינע צעשויבערטע האָר, וואָס קריכן אין זיינע טיף־בלויע אויגן. איך ווער מיטגעצויגן פון זיין דראַמאַטישן אופן פון רעדן, — רייד, וואָס זיינען געווען אָנגעהויכט מיט גלויבן און איבערצייגונג”.

וויינפּערס אָפּטימיסטישער געמיט האָט זייער שטאַרק אימפּאָנירט דעם באַרימטן ליטעראַט דוד בערגעלסאָן, ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט אין בערלין אין 1929. וועגן זיין טרעפן זיך מיט אים האָט בערגלסאָן מיט גרוים באַגייסטערונג געשריבן:

„ס'איז אַ גרויסער גענוס צו באַגעגנען אין לעבן אַ גע־זונטן מענטשן, — אַ געזונטן אין אַלע זיינע מענטשלעכע פונק־ציעס און באַרופן... אַ גענוס צו באַגעגנען אין דער ליטעראַ־טור אַן אמתן געבענטשטן דיכטער, וואָס זיינע שאַפונגען... קומען ווי אַן איבערפלוס פון געזונטן, כוחותפולן דאַ־זיין... וויינפּערס שאַפן, האָט בערגעלסאָן אָנגעוויזן, איז אַ רעזולטאַט פון מאָדנע. געזונטע אינוויניקסטע גערעטענישן”. זיין לויב־געזאַנג צו וויינפּערן, האָט בערגעלסאָן סומירט מיטן פאָלגנ־דיקן אויסצוג פון וויינפּערס אַ ליד:

... איך בין אַ מענטש, וואָס איז פאַרליבט אין אַלץ ביז גאָר,
און לעב זיך אָט אַזוי, צו אַלע גוטע יאָר.
איך גיי זיך מיין וועג, און טרעפט אַ גרוב, שפּרינג איך
אַריבער,
דאָס נעכטיקע איז קיינמאָל מיר פון היינט ניט ליבער...

ווײַנפּער, מיט זײַן פּולמוויליקן, וואָלינער יידיש האָט אין 1924 געצאָרנט קעגן די פאַלשע נביאים, וואָס האָבן פאָראויס־געזאָגט דעם אונטערגאַנג פון דער יידישער שפּראַך. אינם זשורנאַל „אויפקום", וועלכן ער און דער דיכטער ביאַלאָסטאָצקי האָבן אַרויסגעגעבן, בייזערט ער זיך אויף די אָנזאָגער פון לעצטקייט און ער וואָרנט:

„אין אונדזערע פענצטער קלאַפּן שוואַרצע קראָען און קראַקען „אומקום!, אומקום!"

מיר וועלן אָנשטעלן אונדזערע פייל־און־בויגנס אויף זייערע מײַלער און זיי צו ערד טויט וואַרפן; און אַנשטאָט זיי וועלן ווייסע פויגל זיך אַ הייב טאָן איבערן הימל און זינגען: „אויפ־קום,־אויפקום!".

ווײַנפּערס אַרויסטריט קעגן די פּריידיקער פון אומקום און לעצטקייט איז אויך היינט־צײַטיק און פריש.

פאַר דעם אָפּטימיזם אין זײַנע לידער איז ווײַנפּער גע־קרוינט געוואָרן מיטן נאָמען „דיכטער אָפּטימיסט". ווײַנפּער האָט דערקלערט, אַז פון אָט דעם טיטל פילט ער ווי „מ'וואָלט מיר אָנגעטאָן דאָס זוניקע היטעלע". דער האַפּערדיקער גע־זאַנג אין זײַנע לידער, האָט ווײַנפּער דערקלערט, איז ניט די געזונטקייט פונעם דאַמאָלסטדיקן יידישן לעבן, נאָר אַ בענק־שאַפט נאָך אַ לעבן אַ בעסערס, אַ שענערס, וואָס וועט קומען. אַזאַ לעבן, האָט ווײַנפּער אין יענע טעג געגלויבט, וועט פאַר־ווירקלעכט ווערן דורך אָנשליסן זיך אינם יידישן לעגיאָן אין צײַט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ווײַנפּער, אַזוי גוט ווי די אַנדערע יידישע לעגיאָנערן, האָבן געגלויבט, אַז די באַלפור דעקלאַראַציע וועט לייזן „די געזונטע בענקשאַפט נאָך אַ גאַנץ יידיש לעבן".

אַנטוישט אין דער באַלפור דעקלאַראַציע, איז ווײַנפּער נאָך זײַן אומקערן זיך קיין ניו יאָרק געווען איבערצייגט, אַז פאַר דער „געזונטער בענקשאַפט נאָך אַ גאַנץ יידיש לעבן" דאַרף מען פירן אַ קאַמף. אָט די איבערצייגונג דריקט אויס ווײַנפּער אין זײַן פאָלגענדיקער דערקלערונג:

„איך בין ניט מער אָף קיין זייטיקער סטעזשקע, נאָר אָף ברייטן טראַקט, וואו מ'זיצט ניט קיין ווײַנענדיקע און קרעכצנ־

דיקע און מ׳וואַרט אויף עפּס אַ משיח... מ׳רייסט פון זיך אַליין די קייטן און מ׳שפּאַנט פאָראויס מיט טריט, זייענדיק אַליין די אייגענע משיחים״.

ווײַנפער האָט אַנערקענט, אַז אַוועק איז שוין די צייט „צו זינגען ווי ס׳זינגט אַ פויגל״. אַ גרינטלעכע ענדערונג איז פאָרגעקומען דעמאָלט אין זיין דיכטונג. „דאָס איז צו פאַרדאַנקען דער אַנערקענונג״, שרייבט ווײַנפער, וואָס איך פיל זיך גוט צו זיין איינער פון דער מאַסע, — אַ פּעדימל אינעם גרויסן געוועב, וואָס הייסט יידיש לעבן. דער קאַמף פון דער מאַסע איז היינט מיין קאַמף. אירע האָפענונגען זיינען מיינע האָפע־נונגען״. ווײַנפער האָט געשלאָסן אַ גייסטיקן בונד מיט די יידישע פאָלקסמאַסן, וואָס שפּאַנען עקשנותדיק פאָרויס דעם ליכטיקן מאָרגן אַנטקעגן. ער האָט טיף באַנומען די טעגלעכע געשעענישן און פּאַסירונגען אינעם אַלגעמיינעם אַרום בכלל און אינעם ספּעציפיש יידישן לעבן בפרט. אַלע זיינע אימפּרע־סיעס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיין דיכטונג. אין אַ ליד, וואָס ער האָט געשאַפן אין 1934 פילט זיך די שאַרפע ענדערונג אין זיין האָפערדיק געזאַנג.

אין יענע גורלפולע פינצטערע היטלער טעג, וואָס זיינען געווען פאַרוואָלקנט מיט „כמאַרעס שווערע און גרויע״, האָט ווײַנפער זיך געווענדט צו די יידישע דיכטער, אַז זיי זאָלן אויפהערן „באַזינגען די זונענשיין אין די אייגענע פענצטער״, דערפאַר, וואָס „שוועריקייטן אַנטקעגן דאַרף מען זינגען גלי־ענדיקע לידער״. דער עיקר, דערקלערט ווײַנפער, איז ניט באַ־הערשט ווערן פון אַ געדריקטן געמיט. איבערצייגט, אַז דער געזיכערטער מאָרגן קומט, זינגט ער:

וועד ס׳שפּילט זיך מיט טרויער, ווי מיט אַ קרענק,
איך פאַרשפּיל זיך מיט דער האָפענונג אויף אַ זינגנדיקער
פרייד.
ווער ס׳זוכט די לייזונג אין דער משקה־פלאַש אין שענק,
איך אינעם עקשנותדיקן טראָט, וואָס גייט און גייט...
נאַכט איצט, אָבער איז דען נאַכט ניט אין גאַנג צום טאָג?
ליד, מיין ליד, זינג ביי אַלע צוגעמאַכטע לאָדנס, זינג און זאָג,
אַז דער חלום אונדזערער איז אין גאַנג צו ווערן וואָר!

װײַנפּער, דער גלױביגער, איז געװען טיף איבערצײַגט, אַז דער עם קשה־עורף, (דאָס ייִדיש פֿאָלק), װאָס האָט אױף זײַן פֿאָן אױפֿגעשריבן, „לא אָמות, כי אחיה" (כ'װעל ניט שטאַרבן, נאָר לעבן), װעט איבערלעבן די היטלערישע מערדער.

— — — —

צװײ דערשײַנונגען האָבן װײַנפּערן אַרױסגעפֿירט אױפֿן דרך המלך.

די ערשטע איז געװען, װען ער האָט אַלס דעלעגאַט צום אַלװעלטלעכן ייִדישן קולטור קאָנגרעס אין פּאַריז אין 1937, אַנט־דעקט זײַן פֿײיִקײט צו דראַמאַטיזירן זײַן אױפֿן פֿון רעדן. אַ דערמוטיקטער פֿון אַט דער דערשײַנונג האָט ער אין זײַן הײליקער מיסיע אַלס איקוף־אַמבאַסאַדאָר אין משך פֿון 20 יאָר מיטן כּוח פֿון זײַן לױטער ייִדיש װאָרט באַװירקט און באַ־װעגט ייִדישע מאַסן אין דער ריכטונג פֿון פּראָגרעסיװער ייִדי־שער קולטור. ער האָט אָרגאַניזירט איקוף צװײַגן און לײַען קרײַזן; ער האָט אינספּירירט זײַנע צוהערער זיך באַזאָרגן מיטן איקוף־זשורנאַל „ייִדישע קולטור" און מיט די ביכער פֿונעם איקוף פֿאַרלאַג. מיט זײַן שװערן איקוף „געפּעק", — אָנגעלאָדן מיט לשון ייִדיש, האָט װײַנפּער יאָר אײַן יאָר אױס, „עולה רגל" געװען פֿון שטאָט צו שטאָט און פֿון לאַנד צו לאַנד, װאו ער האָט בײַ יעדער פֿאַרזאַמלונג צעפֿינקלט אַ קולטור יום טוב. װײַנפּער, „דער שטענדיקער מענטש אין װעג", האָט מיט גרױס פֿרײד געטראָגן זײַן אחריות װי דער קולטור משולח פֿונעם איקוף.

אַט די ערשטע דערשײַנונג צו באַטרעטן דעם „דרך המלך" האָט װײַנפּערן געשטעלט אין דער פֿירערשאַפֿט פֿונעם איקוף צוזאַמען מיט אונדזער אומפֿאַרגעסלעכן נחמן מײַזיל. די 20 יאָר, װאָס װײַנפּער איז געװען דער איקוף־שליח האָבן זיך געצױגן דורך מאָמענטן פֿרײדיקע און פֿילדערגרײכנדיקע און אױך דורך שװערע מאָמענטן פֿון היסטעריע און פֿאַרלױמדונגען. סײַ די מאָמענטן פֿון נחת רוח און סײַ די אומצופֿרידענע מאָ־מענטן דריקט װײַנפּער אױס אין זײַן אַ ליד אַט אַזױ:

אַמאָל דערהױבן צעגליט,
אַמאָל מיט צעבראָכן געמיט.

פון זיין שווערן געמיט האָט ער מיר אין אַ בריוו, דאַ־טירט אַפּריל דעם 22טן, 1950, געשיקט פון מעקסיקאָ, וואו ער האָט פאַרבראַכט אין די אינטערעסן פונעם איקוף, געשריבן: „די אַרבעט איז איצט שווערער ווי אין די פריערדיקע יאָרן. די סיבות ווייסט איר גלייך מיט מיר. און דאָך טוט מען. מ׳נעמט די שוועריקייטן מיטן עקשנותדיקן גלויבן, וואָס מ׳טראָגט אין זיך און ס׳ווערט גרינגער. איך בין איצט אין אַ שווערער אָנ־געשטרענגטער אַרבעט. נעכטיגע נאָענטע זיינען היינט קעג־נער, אָבער די נאָענטע זיינען איצט דערפאַר אַסך נעענטער. איך האָף צו געפינען די זעלבע עקשנות אויף מיין באַזוך אין לאָס אַנדזשעלעס.

אייער חבר,

זישע וויינפּער.

וויינפּער איז מיט עקשנותדיקייט געגאַנגען קעגן דעם בייזן שטראָם זינגנדיק:

יאָ, עס לוינט זיך, עס לוינט, אַוודאי!
טואונג איז פאַר זיך אַליין אַ שכר.
וועגן זיינען ניט קיין גראַדע
אויך פרייד איז אויסגעמישט מיט צער.
אויסגעמישטע זיינעןביידע,
איינס דאָס אַנדערע דערגאַנצט...

וויינפּער איז באַטראַכטן דעם „דרך המלך״. מיט פרייד און גלויבן אין זיין שליחות איז ער געוואָרן דער טרעגער און פאַר־נאַנדערטרעגער פון דער יידישער קולטור.

די צווייטע דערשיינונג, וואָס האָט אויסגעפלאַסטערט וויינפּערס „דרך המלך״, ווייזט אָן דער דיכטער, ליטעראַטור קריטיקיר בער גרין, איז, וואָס „וויינפּער, דער דורך־און־דורך ליריקער איז שטופנווייז און נאַטירלעך געוואָרן אַ סאָציאַלער ליריקער, — אַ דיכטער, וואָס האָט זיין „איך״ מיט זיינע „איך־טרוימען״, און מיט זיינע „איך־געפילן״ און איבערלעבונגען, פאַרבונדן מיטן כלל, מיט דער גרויסער וועלט, און דער עיקר מיט זיין פאָלק. ער איז געוואָרן איינער צווישן די וויכטיקע פּאָעטן, וואָס האָבן צעאַקערט, פאַרזייט און פאַרפלאַנצט דעם באָדן פון דער יידישער פּאָעזיע אין דער ערשטער העלפט פו־

נעם היינטיקן יאָרהונדערט״. ווײַנפער האָט באַנומען, אַז פּאָ־עזיע האָט אַ סאָציאַלע שליחות. אָט די שליחות באַשטעטיקט ווײַנפער אַליין אין זײַנס אַ ליד. ער זינגט:

ער (דער דיכטער) טראָגט דעם גערעַנגל פון קלאַסן און ראַסן —
דעם עול פון זײַן אייגענער ראַסע און קלאַס,
און נישט איינמאָל צעהילט זיך אויף גאַסן
זײַן ברויזיגער צאָרן און האַס...

פון ווײַנפערס באַטרעטן דעם „דרך המלך״ אַלס איינער פון די וויכטיקסטע יידישע פּאָעטן, האָט דער פאַרשטאָרבענער ליטעראַטור קענער און פאָרשער, י. ב. ביילין געשריבן: „ווײַנ־פער, דער דיכטער, האָט באַוויזן, אַז ער איז גאָרנישט אַזוי באַגרעניצט צו לייכטקייט, צו שפּילעוודיקייט און צו אינזיכ־קייט. ווײַנפער האָט אָנגעהייבן צוטרעטן צו ברייטע פלאַכן, צו טיפע טעמעס, צו ערנסטע פּראָבלעמען ביז ער האָט דער־גרייכט צו אַזעלכע דיכטערישע, ליריש־עפּישע טיפקייטן ווי זײַן לידער־בוך „ביים גרענד קעניאָן״ אין 1947, און צו הויכ־קייטן אין דער איבערדיכטונג פון די נביאים״, אין 1951.

ווען דעם מאָנומענטאַלן דיכטערישן ווערק „ביים גרענד קעניאָן״, האָט דער ליטעראַטור קענער און פאָרשער, דער ער־שטער לאַנגיאָריגער רעדאַקטאָר פונעם איקוף זשורנאַל, פּאָר־פאַסער פון וואָגיקע ליטעראַרישע ווערק, נחמן מייזיל, געשריבן:

„ס'איז געווען אַ גרויס געשעעניש פאַרן דיכטער ווײַנפער צו קומען פּנים אל פּנים מיטן גרויסן וועלט־וואונדער.. ס'האָט אים געגעבן נייע מעגלעכקייטן אַרויסצוגראָבן פון זיך אומ־טערלישע געפילן, מערקווירדיקע טראַכטענישן, אַ גאַנצע גאַמע פאַרטיפטע מחשבות וועגן גאָט, וועלט, מענטש און נאַטור... ווײַנפער איז אַדורכגענומען געוואָרן מיט וויזיעס, ווי זיי שפּיג־לען זיך אָפּ אין זײַן געמיט און ברענגען אים אַרויף אויף די פאַרשידנאַרטיקע שטימונגען און געדאַנקען... דאָס בוך איז איינס פון די פאַרטיפסטע, דערהויבנסטע שאַפונגען אין דער יידישער דיכטונג...״.

אַז מיר טראָגן זיך אַריבער אין דמיון צום גרענד קעניאָן זעען מיר ווי ווײַנפער שטייט ביים גרויסן וועלט־וואונדער אַ

פאַרגאַפּטער, אַ צעלויכטענער און ער זינגט אַן אָדע צו זיין מאַמע:

> ווי ליב זי איז אין איר שבתדיקן קלייד...
> מיט דער בראָש און זילבער קייט
> און מיט איר קרבן־מנחה סידור!

ווײַנפער זינגט אויך אַ לויב־געזאַנג צו לענין פאַר:

> אַ קריץ טאָן דאָס לעבן אויף דער ערד און טיף אין דעם
> צעיורט אַ ניי געוויקס, וואָס בליט.

ווײַנפערס ברויזנדיקער געמיט, מיט וועלכן ער האָט אָנ־געהויבט זיין בוך „ביים גרענד קעניאָן" איז ליריש, ראָמאַנ־טיש און שטימונגספול. ס'איז געזאַנג צו דער וועלט, צום מענטשן, צו דער נאַטור מיט אירע וואונדער און מיסטיפיקאַ־ציעס.

דאָס צווייטע דיכטעריש ווערק, וואָס האָט ווײַנפערן דער־הויבן צווישן די וויכטיקסטע יידישע ווערק, איז זיין „פּאָעמע וועגן די נביאים".

מיטן רוח הקודש, וואָס עטעמט אין די רייד פון סאָ־ציאַלע נביאים איז ווײַנפערס איבערדיכטונג אָנגעהויכט. אין די גליאיקע שטראָף־רייד פון די נביאים, געווענדט צום ברו־טאַלן הערשער, וואָס אונטערדריקט זיין פאָלק, ווי אויך צום רייכן, וואָס באַרויבט דעם אָרעמאַן, די אלמנה, דעם יתום און דעם אַרבעטער, פאַרהיינטיקט ווײַנפער די פאַרברעכנס פון דער איצטיקער הערשנדיקער קליקע, און פון דער גביראָקראַטיע, וואָס אונטערדריקט און באַרויבט די פאָלקסמאַסן. אַ צעברויז־טער צאָרנט ווײַנפער אין דער איבערדיכטונג פונעם נביא עמוס: „פאַר זילבער קויפט איר גערעכטיקייט פאַר זיך... און דעם אָרעמאַן פאַרקויפט איר פאַר אַ פּאָר שיך..."

די שטראָף־רייד פונעם נביא עמוס, וואָס האָט געלעבט אַרי־בער 2,000 יאָר צוריק, שפּיגלען זיך אָפּ אין ווײַנפערס ליד „אַמעריקע". ווײַנפער צאָרנט קעגן דער אַזוי גערופענער אַמע־ריקאַנער גערעכטיקייט. אַ צעברויזטער דיכטעט ווײַנפער:

> אַ שטריק האָט זיך פאַרצויגן אויפן האַלדז פון אַן
> אומבאַשיצטן נעגער.

שופט דאָ און דאָרט אַ טויבער און אַ בלינדער...
האָט פריי געלאָזט זיין שטראָפנדיקע האַנט אויף
אומבאַשיצטע קינדער...

אין דער איבערדיכטונג פונעם נביא יחזקאל, — דער נביא פון הימלשע, ראָמאַנטישע וויזיעס, טראָגט זיך וויינפער אָף די פליגל פון זיין דיכטערישער פאַנטאַזיע און ער זינגט:

בית המקדש איז נישטאָ שוין דאָרט?
אָפּגעברענט, פאַרצערט?
וועט קדושה ווערן אונדזער וואָרט
אויף דער גאַנצער ערד,
אויפגיין וועט עס העל צעבלענדט
און באַלויכטן אונדזער גאַנג,
וועט עס ווערן פונדאַמענט אונדזערער אויף דורות־לאַנג...

וויינפער, דער גלויביקער, איז איבערצייגט, אַז אייביגער שלום און פעלקער־פריינטשאַפט וועט קומען.

צו אָט דעם ליכטיקן מאָרגן זינגט וויינפער „ווי שיין דו ביסט, דו וועלט פון ישעיה הנביא!", — די וועלט, ווען מענטשן וועלן מער קיין מלחמות ניט פירן און איינער מיטן צווייטן וועלן רעדן אין דער מענטשלעכער שפּראַך.

אינספּירירט פו ישעיה הנביאס רייד, דיכטעט וויינפער:

דאָס ברויט וועט זיין אין פולער מאָס,
דער וויין וועט שוימען אינעם קרוג,
און זיין וועט שוין פאַר אַלעמען גענוג.
אַזוי האָט ישעיה הנביא פאָראויסגעזאָגט.
איז ווען זשע, וועט דאָס געשען?
עס וועט! עס וועט!
זינגט אויך דער היינטיקער פּאָעט.

מונטער־געזאַנג איז געווען זיין געווער צו באַשטרייטן דאָס בייזע, דאָס שלעכטע אינעם היינטיקן סדר העולם. ער איז געווען טיף איבערצייגט, אַז די פרייד, וואָס קומט, וועט גובר זיין דאָס אוממעגלעכע. אָט דעם טיפן גלויבן דריקט וויינפער אויס אינם פאָלגנדיקן אויסצוג פון זיין באַלאַדע „בן אדם".
ער זינגט:

דער צער? נו, יאָ, ער איז פאַראַן
נאָר אַנדערש ווערט ער איצט פאַרשטאַנען

ס׳איז צער, וואָס גייט און גייט
צו ווערן אַ גרויסע פרייד.

מיטן אָנקום פון דער שטורמדיקער צייט, — דער גרוי־ליקער סטאַלין־בעריא קולט אין סאָוועטן פאַרבאַנד, און פון די אויפטרייסלענדיקע פינצטערע מעקאַרטי־טעג ביי אונדז אין לאַנד, האָבן זיך אין וויינפערס לידער צעקלונגען אומרו־איקע טענער. אין זיין אַ ליד פרעגט ער: „זיינען דאָס וואָלקנס, וואָס נאָך אַ שטורעם, אָדער וואָלקנס, וואָס ברענגען אַ נייעם שטורעם?״. אַ פאַרצווייפלטער שרייט ער אויס: „איך ברען פון שריפות... און קראַנק בין איך פון מגפות...״.

אין זיין בריוו צו מיר פון סעפּטעמבער, 1953, שרייבט ער:

„איך בין שוין 3 וואָכן אין ניו יאָרק, מוראדיק אויסגע־מאַטערט. כ׳קאָן זיך אָבער ניט פאַרגינען קיין אָפּרו. ס׳איז זייער היים. אָבער מ׳מוז יעדן טאָג זיין ביי דער אַרבעט. נו, מילא, כל זמן די פיס טראָגן — וועט מען. דאָס איז דער גורל פון אַ וואַנדעריקן מענטשן...

אייער חבר,
זישע וויינפער״.

און דאָך האָט די אומרואיקייט און די „מוראדיקע אויס־געמאַטערטקייט״ וויינפערן ניט גובר געווען. וויינפער, דער גרויסער בעל מאמין, האָט געזונגען: „מה טוב״, ווי גוט עס איז זיך אויפלייזן אינם גלי פון דער גרויסער וועלט. און ניט צו זיין אַ וועלטעלע פאַר זיך, וואָס איז ניט מער ווי אַ ווינקעל...״.

וויינפער איז געווען איבערצייגט, אַז יעדער שרייבער און דיכטער דאַרף זיך „אויפלייזן אינעם גלי פון דער וועלט״, כדי צו באַנעמען רעאַליסטיש אַלעס, וואָס קומט פאַר אינם טעג־לעכן לעבן פון די מענטשן. ווענדט זיך וויינפער צו די

עסטעטן און פּאָעטן, אַלע קומט אַהער,
צי לעכערט דען ניט אייער אידעלן געהער
דאָס שרייען פון דער גרויער, הוילער נויט
נאָך אַ דאַך אויפן קאָפּ, נאָך אַ מלבוש, נאָך ברויט?

וויינפער האָט דערהערט דאָס געשריי פונעם געקריוו־

דעטן, פונעם באַעוולטן, וואָס לעבט אין נויט, האָבן זיך אין זיינע לידער צעקלונגען טענער, וואָס פאָדערן סאָציאַלן יושר, גע־רעכטיקייט און אָפּשאַפן אָרעמקייט.

וויינפער, דער קענער פון דער יידישער 4,000 יאָריקער געשיכטע, וואָס איז פול מיט מגילות פון פייער, חורבן, הריגות און רדיפות, איז געווען טיף איבערצייגט, אַז דער קיום און המשך פונעם יידישן פאָלק וועט איבערלעבן די גרויזאַמע, פינסטערע היטלער־נאַכט. אָט דעם פעסטן גלויבן דיכטעט ער אינעם אויסצוג פון זיינס אַ ליד:

עס האָט נישט קיין פייער פון קיין שום גיהינום
צעשאָסט אין מיר מיין גלויבן
פאַרן לויטערן גלויבן,
וואָס טראָגט זיך דעם מאָרגן אַנטקעגן!

אין אָט דעם גייסט ווענדט זיך וויינפער צו זיין פען און ער בעט זי:

פען מיינע, שרייב און פאַרשרייב:
נעם דעם צעדרויבלטן איבערבלייב
און פורעם אים ווידער
אין גלויביגע לידער
און זאָלן זיי קלינגען נאָך העכער!

אין אַ בריוו צו אַ פריינט אין 1956, שרייבט וויינפער: „אין שעה פון גרויסן אומרו אין זיך, ראַטעווע איך זיך מיט דער פען איבער פאַפיר... צו די, וואָס פאַרלאַנגען פון מיר פרייד און האָפענונג אין מיינע לידער, זאָג איך זיי: וואו זאָל איך דאָס נעמען?...

למען האמת וויל איך זיך מודה זיין, אַז איך האָב בלויז „טועם טעם געווען”, ווי וויינפער האָט ליב געהאַט זיך אויס־דריקן, פון זיין דיכטונג, וואָס ער האָט געשאַפן אין משך פון 40 יאָר, — דיכטונג, וואָס ווירקט און באַגייסטערט.

גאָר אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמען אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור זיינע ווערק אין פּראָזע, וואָס שילדערן פאַסירונגען און סיטואַציעס פון געשיכטלעכע מאָמענטן.

— — — —

וויינפער האָט איבערגעלעבט שווערע צייטן. אפשר האָט

ער געפילט, אַז די שעה פון זיין אויפלייזן זיך איז שוין ניט ווייט. ער איז געווען איבערצייגט, אַז נאָך זיין אוועקגיין אין דער אייביקייט וועט פאַרגעסן ווערן דאָס מוטיקע וואָרט אין פראָזע און דיכטונג אין די ליטעראַרישע ווערק פון די שעפערישע כוחות. „עמיצער וועט אויפגיין, האָט וויינפער געזונגען אין זיין לעצטן ליד אָט אַזוי:

האַרץ מיינס, טו וואָס דיר איז ליב און טייער,
עמיצער וועט אויפשטיין און דערפרייען
מיט דעם האָב און גוטס פון אונדזער שייער,
ווייל אַזוינס וואָס איז צעלויכטענע ירושה
איז פאַר אַלע דורות לויטערע קדושה!

וויינפערס צעלויכטענע ירושה, וואָס ער האָט איבערגע־לאָזט איז פאַר אונדז און פאַר דורות נאָך אונדז איז לויטערע קדושה.

ס'גליט וויינפערס האַפערדיק וואָרט אין זיינע 26 ביכער, און ס'לעבט דער איקוף, וואָס ער האָט אין צייטן שווערע גע־טראָגן זיין שליחות מיט פרייד, מוט און גלויבן. דאָס איז דער נר התמיד, וואָס וועט אייביק באַלויכטן זיין נאָמען!

לאַמעד שאַפּיראָ

לאַמעד שאַפּיראָ איז געבוירן געוואָרן אין 1878 אינעם שטעטל רזשיטשעוו, קיעווער גובערניע. באַקומען האָט ער אַ טראַדיציאָנעל־יידישע דערציאונג. אין זיין גאָר פריער יוגנט האָט ער געמאַכט אַ פאַרזוך צו שרייבן דערציילונגען און לי־דער אין העברעיאיש, רוסיש און אין יידיש, וואָס ער האָט ניט באַטראַכט פאַר קיין שפּראַך. דער לייטמאָטיוו פון זיין שרייבן איז געווען אַ רעליגיעזער. ער האָט אַפילו פאַרפאַסט רעלי־גיעזע תפילות. צו דרייצן יאָר האָט ער אָנגעהייבן צווייפלען, צי ס'איז טאַקע דאָ אַ גאָט. באַהערשט פון אָט דעם געדאַנק האָט ער דאָס געשריבענע צעריסן. אָבער זיין דראַנג צו שאַפן האָט גובר געווען זיין פאַרצווייפלטן געפיל. אין 1896 איז לאַמעד שאַפּיראָ געקומען קיין וואַרשע מיטן באַשלוס „איינצונעמען די שטאָט״ מיט זיין שרייבערישער פען.

צוויי וויכטיקע פאַקטאָרן האָבן שאַפּיראָן אַרויסגעפירט אין וואַרשע אויפן ליטעראַרישן וועג: איינס, זיין אָנשליסן זיך אין די יידישע סאָציאַליסטישע קרייזן, און צוויי, זיין באַקענען זיך מיט י. ל. פּרצן, דעם פאָטער פון דער יידישער קלאַסישער ליטעראַטור. פּרץ האָט געליבט שאַפּיראָס דערציילונג „איציקל ממזר", וואָס איז געווען געדרוקט אין אברהם רייזענס שריפט „יאָרבוך פּראָגרעס", — דערשיינט אין 1904. אָט די דערציילונג, אין וועלכער שאַפּירא האָט רעאַליסטיש געשילדערט די סאָציאַלע פּראָבלעמען פונעם פאַרגליווערטן יידישן לעבנסשטייגער אינעם קליינעם שטעטל איז געווען שאַפּיראָס ערשטער ליטעראַרישער פּרואוו.

„איציקל ממזר" איז אויף דער וועלט געקומען אַן אונטערגעוואָרפענער הינטער אַ פּלויט. זיין ביטערער גורל איז געווען דער זעלבער ווי פון אַ סך ענלעכע פאַרוואָגלטע קינדער. אַלע האָבן אים פיינט געהאַט. אין קיין יידישער הויז און אודאי אין אַ „מקום קדוש" האָט מען אים ניט אַריינגעלאָזט. הונגער האָט ער געליטן יעדן טאָג. געניכטיקט האָט ער וואו נאָר ער האָט פּלאַץ געפונען פאַר זיין דאַרן קערפּער. פיל ערגער איז אים געווען ווינטערצייט, ווען די קעלט האָט זיך אַריינגעריסן אין זיין קערפּער דורך די צעפליקטע טראַנטעס, וואָס ער האָט געטראָגן. צו שלאָפן אין דרויסן איז געווען אומדערטרעגלעך.

אין אָט אַזאַ נאַכט האָט איציקל זיך איינגעבעטן ביים שמש פון דער קלויז, אַז ער זאָל אים לאָזן איבערנעכטיקן אויף אַ האַרטער באַנק. די עטלעכע קאַרטאָפליעס, וואָס איציקל האָט באַטאָג אָוועקגעגנבעט, האָט ער אין דער הרובע אַריינגעשאַרט צו בראָטן. ווען איציקל איז שוין געלעגן אַן אויסגעצויגענער אָף דער באַנק, האָט ער דערהערט דאָס וויינען פון 'אַרעלע דעם יתום', וואָס האָט זיך ביי אים געבעטן, אַז ער זאָל אים אַריינלאָזן אין קלויז, אויב ניט, וועט ער פון קעלט פאַרפרויערן ווערן. איציקל האָט אַרעלען, וואָס האָט אים ביי יעדער באַגעגעניש גערופן „ממזר", ניט געוואָלט אַריינלאָזן אין קלויז.

אַרעלעס פאַרצווייפלטער, ביטערער געוויין האָט ביי אי-

ציקלען אַרויסגערופן אַן אומפאַרשטענדלעכן געפּיל. אומבאַוואוסטזיניק פאַר אים אַליין, האָט איציקל באַנומען, אַז אויך אַרעלע ליידט פון דער ביטערער לאַגע, ווי ער און אַלע פאַרוואָרלאָזטע קינדער, וואָס ווערן פאַרהאַסט און פאַרשטויסט פון די פאַרמעגלעכע יידן מיט זייערע גאַטס-סטראַפּטשעם — די רעדל-פירער פון דער קהילה.

איציקל האָט אַרעלען ניט נאָר אַריינגעלאָזט אין קלויז, נאָר אַפילו אים מכבד געווען מיט די פאַרסמאַליעטע קאַרטאָפּליעס. נאָך דעם קאַרטאָפּליע-מאָלצייט, האָט זיך איציקלס שטימונג געענדערט. ער ליגט אַן אויסגעצויגענער אויף דער האַרטער באַנק און פאַרבענקט זיך נאָך כאַיקען, די שטוב-מיידל, וואָס רייצט זיין אינגלשן באַגער נאָך איר.

שאַפּיראָס ערשטלינג „איציקל ממזר" איז סאָציאַל-רעאַליסטיש. אָט די דערציילונג איז דערשינען אין אַ צייט, ווען אויף דער יידישער גאַס איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף צווישן דעם „בונדיזם" און דעם מאָדערנעם ציוניזם, ערב דער ערשטער רוסלענדישער רעוואָלוציע אין 1905.

שאַפּיראָס אַרטיקל: „צו דער פראַגע וועגן יידיש און העברייאיש (אין 1903 אין אברהם רייזענס יאָרבוך) האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם מיט דער קאָנסעקווענטקייט און נאָוואַטאָרישקייט. זיין קאַמף פאַר יידיש האָט שאַפּיראָ פאָרגעזעצט אין אַן אַרטיקל „דאָס יידיש וואָרט" (אין 1905), אין אברהם רייזענס אַ שריפט).

באַאיינפלוסט פון דער ניי-קלאַסישער און רוסישער ליטעראַטור און אויך פון י. ל. פּרצעס אַנערקענען זיין ליטעראַרישן טאַלאַנט, האָט שאַפּיראָ באַטראָטן דעם מאָדערנעם, וועלטלעכן ליטעראַרישן וועג.

— — — —

אַ שטאַרקן איינדרוק און אַ שאַרפע חלוקי-דעות האָט אַרויסגערופן זיין דערציילונג „דער צלם". ס'איז אַ שוידערהאַפטע בילד פון אַ נקמה-אַקט, וואָס אַ יידישער בחור פירט-דורך, נאָכדעם ווי אַ כוליגאַן פאַרגוואַלטיקט זיין מאַמע אין זיין אַנוועזנהייט און שניידט-אוים אַ צלם אויף זיין שטערן. צו שטילן זיין צאָרן און זיינע נקמה-געפילן, פאַרגוואַלטיקט

דער בחור זיין קריסטלעכע פריינדינע און ער דערשטיקט זי. די דערציילונג האָט שאַפּיראָ געשיקט צו דר. חיים זשיטלאָווסקי פאַרן זשורנאַל „דאָס נייע לעבן". אַ געוויסע צייט האָט דר. זשיטלאָווסקי ניט געקאָנט באַשליסן, צי ער זאָל דרוקן אָט־די פּראָבלעמאַטישע דערציילונג. דאָך, ווי אויפטרייסלענדיק די דערציילונג איז געווען, האָט דר. זשיטלאָווסקי זי אָפּגעדרוקט אין זיין זשורנאַל אין מאַי, 1909. „דער צלם" האָט אַרויסגע־רופן הייסע דיסקוסיעס און ליידנשאַפטלעכע קריגערייען.

די דערציילונג האָט שאַפּיראָ געשריבן אין שייכות מיטן פּאָגראָם אויף יידן אין זשיטאָמיר אין די טעג פון פסח 1905. די דערציילונג האָט באַווירקט אַ צאָל יונגע שרייבער צו שאַפן אויף דער זעלבער טעמע אינעם שאַפּיראָ נוסח.

אין 1931 האָט לאַמעד שאַפּיראָ אין זיין ראָמאַן „דאָק" (דאָקטאָר) געשריבן: „לאַמעד שאַפּיראָ לעבט אין זכות פון זיין אַמאָליקן 'צלם', וואָס איז פון אַלעמאָל געווען אַ פאַלשע, באַמבאַסטישע זאַך, געשריבן אויף אַ ביי־קול..."

שאַפּיראָ האָט געגלויבט, אַז זיינע פּאָגראָם־דערציילונגען: „אין דער טויטער שטאָט", „שפוך המתך", „דער קוש" און „דער צלם" שטאַרקן די הערצער פון די יידן, וואָס האָבן געליטן פון די פּאָגראָמען.

אינעם בוך כתבים (שריפטן, אַרויסגעגעבן נאָך שאַ־פּיראָס טויט פונעם „לאַמעד שאַפּיראָ כתבים קאָמיטעט" אין לאָס אַנדזשעלעס אין 1949 זיינען איינגעשלאָסן 15 פון זיינע לידער, וואָס ער האָט געשאַפן. אין זיין ליד „זעלבשוץ", וואָס ער האָט געשאַפן אין 1905 אין אָנדענק פונעם פּאָגראָם אין זשיטאָמיר, דיכטעט ער:

> אַ שוואַרצע נאַכט. אַ תהום אַ הימל
> ס'שלאָפט קיין מענטש ניט פון עק צו עק,
> קיין איינציק אויג פאַרמאַכט דער דרימל
> אין אָט דער נאַכט פון שאַנד און שרעק.
> אַ שוואַרצע נאַכט מיט טויזנט אויגן —
> פאַרקוקט דעם טויט צו אונדז אַהער,
> ער האָט זיין שווערד אַרויסגעצויגן
> און ציט אים שוין צוריק ניט מער.

גיט אַכט! גיט אַכט! — איר טרייע וועכטער!
איר הערט?
דורך נאַכט פון צייט צו צייט
דערגרייכט אַ ווילד געלעכטער,
אַ בייז געשפּעט פון שונא׳ס זייט.

שאַפּירא האָט געגלויבט, אַז שרייבן מיינט לעבן און איבערלעבן די אַנגסטן און די פרייד אינעם לויטערן געשרייבענעם וואָרט, וואָס „דאַרף זיין אַן אָפּשפּיגלונג פון דער ווירקלעכקייט... דאָס, האָט ער אָנגעוויזן, איז דער אמתער תוך פונעם טערמין סאָציאַלע איינשטעלונג".

ווי אַזוי דער שרייבער, אָדער דער דיכטער זאָל דערגרייכן צו אָט דער מדרגה, טעאָריזירט שאַפּירא אין זיין בוך „דער שרייבער גייט אין חדר".

געטריי צו אָט דער איינשטעלונג, זיצט שאַפּירא אַליין אויף דער חדר־באַנק און ער שטודירט ווי אַזוי צו שלייפן און קריסטאַליזירן די יידישע שפּראַך; ער לערנט פון זיינע אייגענע און אויך פון יענעמס דערפאַרונגען; ער אַנאַליזירט זיינע אייגענע, ווי אויך אַ צווייטנס פעלערן און דערגרייכונגען; ער אַנטוויקלט זיין געדאַנקען־גאַנג צו באַנעמען רעאַליסטיש געשעענישן און געראַנגלען צווישן קעגנערישע צדדים און מיט אינטעלעקטואַלער פייאיקייט שאַצט ער אָפּ אַ ליטעראַריש ווערק אין אַ רעצענזיע אָדער אַן עסיי.

לאָמיר שאַפּירא האָט זיך באַמיט „צו דערנענטערן די וואָרט־קונסט צו אַנדערע קונסטן, דאָס הייסט, „צו זייער קראַפט פון באַווירקונג".

ער האָט געפאָדערט פון זיך און פון אַנדערע שרייבער מקפּיד זיין אויפן געשריבענעם וואָרט, וואָס זאָל פאַרן לייענער באַזייניקן דעם תוך, דעם עצם־געדאַנק פונם וואָרט. אינעם בוך „דער שרייבער גייט אין חדר" האָט ער אָנגעוויזן די כּללים ווי אַזוי צו שאַפן אַ ראָמאַן, אַ דערציילונג, אַן עסיי, וועגן סטיל און מאַניר, וועגן טעמע און קינסטלעריש שאַפן. „דער תוך פון אַ קאָמפּאָזיציע", האָט שאַפּירא אונטערגעשטראָכן, זאָל עקזיסטירן נאָך דעם, ווי שרייבער אָדער דיכטער, זיינען שוין ניטאָ".

שאַפּיראָ האָט טיף באַנומען די אַלגעמיינע און די ספּע־ציפיש־יידישע סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע פּראָבלעמען. ער האָט רעאַגירט אויף יעדער געשעעניש אויף זיין אייגנאַרטיקן שטייגער.

זיינע גרויליקע פּאָגראָם דערציילונגען, ווי אויך די בילדער, וואָס ער מאָלט פון דער ערשטער וועלט מלחמה, זיינען טיף־טראַגיש. אַלע זיינע שריפטן האָבן געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די לייענער און פון די ליטעראַטור־קריטיקער. שאַפּיראָ איז אין דער ליטעראַטור־וועלט אַנערקענט אַלס „איינער פון די שפּראַך־מייסטער אין דער יידישער ליטעראַטור" האָט באַשטעטיקט נחמן מייזיל.

זעט איר, ביי אייב קאַהאַן האָט שאַפּיראָ ניט אויסגענומען, ווען ער איז געווען אַ מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס", האָט קאַהאַן געפאָדערט, אַז שאַפּיראָ זאָל שרייבן אַ „פּיפּיקע מעשה".

„אַזאַ מעשה", דערציילט שאַפּיראָ, „האָב איך אָנגעשריבן, אָבער אַזאַ הילצערנע, אַ דעמבענע". קאַהאַן האָט זי איבערגעלייענט און ער האָט אַ געשריי געטאָן: „אַ מענטש זאָל אַזוי ניט קאָנען שרייבן"!

אין שאַפּיראָס שילדערונגען, נאָוועלן, בילדער און דערציילונגען איז דאָ לעבן, קאָליר, פאַנטאַזיע וועגן אַ נייער וועלט, — אַ וועלט פון אַנדערשקייט; טראַגישע עפּיזאָדן, זכרונות, סאַטירע, שאַרפע קריטיק אויף יידישע שרייבער, אויף דער יידישער פּרעסע און שפּראַך, און „קיצורים" — קורצע ליטעראַרישע פראַגמענטן, מיינונגען, באַמערקונגען און פאַרשידענע געדאַנקען, וואָס זיינען לויט דעם פאַרשטאָרבענעם שרייבער ש. מילער (רעדאַקטאָר פון שאַפּיראָס בוך „כתבים"), זייער אַ וויכטיקער טייל פון שאַפּיראָס ווערק. איך וויל צוגעבן, אַז אין די „קיצורים" איז אויך פאַראַן שאַרפזיניקייט, חכמה און וויסן, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער אינהאַלט אין אַסך פון זיי איז שוין אָפּגעלעבט און צו ביטער־שאַרף.

שאַפּיראָ האָט אויף זיין אייגענעם שטייגער אַרויסגעבראַכט דאָס יידישע לעבן פונעם 19טן און פון 20טן יאָרהונדערט. גרויס אינטערעס האָט אַרויסגערופן זיין דערציילונג „די פאַמיליע געדער" (אין „צוקונפט" פון 1907). אין אָט דער דערציילונג

שילדערט שאַפּיראָ דעם קאָנפליקט צווישן עלטערן און קינ־דער, וואָס די נייע צייט מיט אירע נייע פרייהייט־ווינטן האָבן אַרויסגערופן.

אין אַט דער דערציילונג רופט זיך שאַפּיראָ איבער מיט טור־געניעווס מייסטערווערק „אָטצי אי דיעטי" און מיטן זיידן מענדעלעס „האבות והבנים" — די צוויי גיגאַנטן פון דער קלאַ־סישער ליטעראַטור אין דער רוסישער שפּראַך און אין דער העברייאיש־יידישער שפּראַך.

די פיר דערציילונגען, „ניו־יאָרקיש", „נסיעה דורכן מילכ־וועג", „געגעסענע טעג", „ממה נפשך" און דער ראָמאַן „דאָק" (פאַרקירצט פונעם וואָרט דאָקטאָר), וואָס שאַפּיראָ האָט איינ־געשלאָסן אין זיין ביכל „ניו־יאָרקיש", זיינען אויסגעדראָשענע טעמעס. דאָס וויכטיקסטע אין אַט־דער שריפט איז זיין שרייב־מאַניר, זיין ריינע, פּליסיקע יידישע שפּראַך, און זיין קינסטלע־רישער אופן פון שילדערן די אַרומיקע סביבה און די האַנדלונגען פון די פּערזאָנען, וואָס ער פירט אַרויס.

די ניי־וועלטלעכקייט, וואָס שאַפּיראָ אידעאַליזירט אין זיין דערציילונג „די פאַמיליע געדער", האָט אויך אים אַליין באַ־ווירקט. אין 1920 האָט ער זיך איבערגעשריבן מיטן סאָוועטיש־יידישן שרייבער, משה טייטש, וועגן באַזעצן זיך אין מאָסקווע. ער איז געוואָרן דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון דעם זשור־נאַל „פונקען", געדרוקט אַרטיקלען אין די זשורנאַלן „סיגנאַל" און „ניי־לעבן", און האָט אויך געדרוקט אַ טייל פון זיין ראָמאַן „דער אַמעריקאַנער שד" אין דער „מאָרגן־פרייהייט" אונטערן פּסעוודאָנים „סוזי".

אין 1933 האָט ער אַרויסגעגעבן זיין פערטל־יערלעכן זשורנאַל „סטודיאָ", אין וועלכן ס'האָבן זיך מיט זייערע דער־ציילונגען און עסייען באַטייליקט אָנערקענטע יידישע שרייבער. ער אַליין האָט געשריבן אונטערן אייגענעם נאָמען, לאַמעד שאַ־פּיראָ, און אונטער די פּסעוודאָנימען „ז. זאלאט" (זיין מוטערס מיידלשער נאָמען) און „יוד זאַאין".

לאַמעד שאַפּיראָ האָט „געזוכט" אַ געשעפט אָדער אַ שטע־לע, וואָס זאָל אים פאַרזאָרגן מיט פּרנסה, כדי ער זאָל קאָנען פאָרזעצן זיין ליטעראַרישע שעפערישקייט. צו רעאַליזירן אַט־

דעם פּלאַן, איז ער אין 1912 געקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס. די קליינע צאָל יידישע אינטעליגענטן האָט אים ניט געקאָנט פאַרזאָרגן מיט אַ באַשעפטיקונג אָדער מיט אַ געשעפט. זיינע פריינט האָבן אַראַנזשירט אַ באַנקעט צו שאַפן „אַביסל געלט" פאַר אים. אַנטוישט און פאַרביטערט, איז ער צום באַנקעט ניט געקומען. ער איז צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק. אויך דאָרטן האָט זיין רעסטאָראַן און דאָס געשעפט מיט אַלטע ביכער אים ניט באַגליקט.

פון 1921 ביז 1928 האָט שאַפּיראָ מיט זיין פרוי און מוטער געוואוינט אין לאָס אַנדזשעלעס. פאַרנומען האָט ער זיך צו דערפינדן אַ מעטאָד פאַר קאָלירטע פילמס. ניט געקוקט אויף דער פינאַנציעלער הילף, וואָס ער האָט באַקומען פון זיינע פיל־צאָליקע פריינט, איז דאָס אָבער געווען ווי גיסן וואַסער אין אַ צעלעכערטער כלי. שאַפּיראָ האָט געלעבט אין גרויס דחקות. זיין געטרייע פריידל האָט ביי פריינט און באַקאַנטע געבאָרגט דרייערלעך אויף שבת. דער טויט פון זיין ליבער פריידל האָט שאַפּיראָן שטאַרק דערשיטערט. אַ צעבראָכענער אין געמיט, האָט ער פאַרלאָזט לאָס אַנדזשעלעס, וואוהין ער איז צוריק־געקומען אין 1939. אין טיפן טרויער, בענקעניש, פאַרלאָזנקייט און מיט אַ געפיל פון שולד צו זיין פריידלען, האָט ער אין זיין קליין ביכעלע לידער „קרבן מנחה" געבעטן:

> ווען די טעג זיינען גרוי און די נעכט שוואַרץ,
> אַביסל רו פאַר מיין האַרץ...

די רו איז ניט געקומען. געזוכט האָט ער זי אין דעם ביי־טערן טראָפּן...

„איך בין צווישן אייך... איך זע אייך דורך די רויכן פון אַלקאָהאָל און ניקאָטין", זינגט ער אין איינעם פון זיינע לידער. אין אַ מאָמענט, ווען דער טשאַד פון אַלקאָהאָל און ניקאָטין האָט זיך אויסגעוועפּט, האָט אין שאַפּיראָן אויפגע־לעבט דער באַגער צו שאַפן. אין אַ ליד בעט ער רחמים ביי גאָט:

> מיין גאָט, איך בעט נישט פיל פון דיר,
> אַלע באַגערן זיינען פאַרלאָשן.
> די איינע זאַך, וואָס לעבט אין מיר,
> איז — יידיש לשון.

אין 1945 האָט ער געשאַפן אַ זאַמלונג עסייען וועגן לי־טעראַטור, וועגן שרייבער און „קיצורים", רעיונות און מחשבות אינעם ביכל „דער שרייבער גייט אין חדר". אין אָט־דעם ביכל, האָט נחמן מייזיל געשריבן, „איז דאָ מער חכמה, מער קלוג־שאַפט, מער עמקות ווי געוויינלעכער ליטעראַטור־שטאָף, פון וועלכן לאַמיד שאַפּיראָ האָט ממש געווייכט".

פּערזענלעך האָב איך זיך געטראָפן מיט שאַפּיראָן, ווען איך בין געקומען אים איינלאַדן אַרויסטרעטן מיט אַ לעקציע ביי אַ פאַרזאַמלונג פונעם איקוף אין לאָס אַנדזשעלעס. גע־טראָפן האָב איך אים אין שלאָפראָק, אַ ניט־ראַזירטן, אַ פאַרנעפּלטן. דער צימער איז געווען אַנגעוואָרפן מיט ניקאָ־טין, און ער אַליין איז פונעם אַלקאָהאָל געווען פאַרטשאַדעט. פאַר מיר איז געשטאַנען ל. שאַפּיראָ, איינער פון די שפּראַך־מייסטער אין דער יידישער ליטעראַטור, אינגאַנצן אַן אויס־געשעפּטער, אַן אויסגעטאָנענער פון דער וועלט, פון וועלכער ער האָט גענומען אַפּשייד דעם 25טן אויגוסט, 1948.

לאַמעד שאַפּיראָ, דער טרוימער פון „אַ וועלט פון אַנדערש־קייט", האָט באַרייכערט אונדזער יידישע ליטעראַטור אין די ערשטע צענדליקער יאָרן פון הייַנטיקן יאָרהונדערט מיט זיינע ליטעראַרישע ווערק, מיט זיין שאַרפזיניקייט, און מיט זיינע עסייען און קריטיק. זיינע אידייאישע איבערוואַנדלונגען פון עקסטרעמער רעליגיעזער איינגלויבעניש אין דער יוגנט צו אַטעאיזם און פון סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע צו נאַציאָ־נאַליסטישע שטרעבונגען האָט שאַפּיראָ אָפּגעשפּיגלט אין זיינע ווערק.

שין דייקסל

„די אויפגאַבע פון אַ שרייבער איז אַראָפּנעמען די מאָס פון דער ספּעציפישער סיטואַציע, פּינקטלעך אַרויסברענגען אירע אַנטיילנעמער, זייער געדאַנקען־גאַנג דורך צוגעפּאַסטן דיאַלאָג־מאָנאָלאָג, אַרויספירן די סאָציאַלע עלעמענטן און די סביבה, אין וועלכער די פּערזאָנען באַוועגן זיך”, אַזוי האָט אין אַ קריטישער אָפּהאַנדלונג אונטערשטרייכט דער סאָוועטיש־יידישער עסייאיסט חיים מעלאַמוד.

מיט אָט דעם אַריינפיר לאָמיר אויפנעמען דאָס אייגנאַרטיק אָרט פון שין דייקסל אין דער יידישער ליטעראַטור. דייקסל באַנעמט די מענטשן, וועלכע ער שילדערט אין זיינע ווערק מיט אַ חוש, וואָס דרינגט אַריין אין דער טיפעניש פון זייער געדאַנקען־גאַנג. זיין ערנסטע באַציאונג צו די מענטשן־געשטאַלטן, וועלכע ער מאָלט, שפּיגלט ער אָפּ רעאַליסטיש. אויך זיינען זיינע נאַטור־בילדער קינסטלעריש געשילדערט. ער באַנעמט קאָנקרעט די נאַטור מיט אירע דערשיינונגען. „איך ווער פאַרוואַנדלט אין אַ לעבעדיקער טייל פון דער נאַטור, און איך הייב אָן פאַרשטיין אירע ווענן און איר שפּראַך”, שרייבט דייקסל אין זיין דערציילונג „די גלאַדיאָלאַ בלום”.

דייקסל'ס ערשטער אַרויסטריט איז געווען אין דער צייטונג „בעסאַראַבסקאַיאַ זשיזן” אין דער רוסישער שפּראַך, וואָס איז דערשינען אינעם אַלטן קישעניעוו. ווען ער האָט זיך באַזעצט אין ניו יאָרק אין 1912, האָט ער מיטגעאַרבעט אין די צייטונגען „נאָווי מיר” און „רוסקי גאָלאָס”.

דייקסל האָט זיך איבערצייגט, אַז אויסלעבן זיך גייסטיק און געזעלשאַפטלעך דאַרף ער אין אַ יידישע סביבה און אין דער יידישער שפּראַך. זיין לערער פון יידיש איז געווען **אברהם ליעסין**, רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „צוקונפט”, אין וועלכן ס'איז דערשינען דייקסל'ס ערשטע דערציילונג „צוויי שוועסטער”. דער געלונגענער בראשית האָט דייקסלען אַרויסגעפירט אויפן ליטעראַרישן שעפערישן וועג. פון זיין פּליסיקער פּען האָט ער אונדז באַשאָנקען מיט אַ גרויסער צאָל דערציילונגען,

10 אײנאַקטערס און מיט אַ קרעפּטיקער דראַמע „דער צאָרן פון דער ערד", וואָס אינסצעניִרט דאָס לעבן פון די קוילנגרע־בער אין אַמעריקע. אַט די דראַמע איז אין משך פון צוויי יאָר אויפגעפירט געוואָרן אינעם סאָוועטישן מלוכה־טעאַטער אין קיעוו.

די ליטעראַטור־קריטיקער, וועלכע האָבן דייקסל'ס ווערק כמעט ווי פאַרשווינגן, זײַנען איבעראַשט געוואָרן ווען זײַן בוך „אַזיאַטישע דערציילונגען" איז דערשינען. די נײַקייט פונעם אינהאַלט, די אַזיאַטישע לאַנדשאַפטן, די ראָמאַנטישקייט, די אַוואַנטוריסטישע העלדן, דער גאַנצער קאָלאָריט פונעם אַזיאַטישן לעבן געשריבן אין דער יידישער שפּראַך האָט פאַר דייקסל'ן געשאַפן דאָס פאַרדינטע בכבודיק אָרט אין אונדזער ליטעראַטור.

די מענטשן, וועלכע דייקסל שטאַלטיקט־אויס אין זײַנע דערציילונגען, זײַנען זייער באַרעדעוודיק. ס'איז אַ כלל, אַז מענטשן, וואָס זײַנען איבערגעלאָדן מיט צרות, וואָס לײַדן דחקות, דיסקרימינאַציעס און ווערן פונעם „אַרויפגעאַרבעטען" באַטראַכט ווי „שלימזלען", זײַנען גענייגט זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן.

לאָמיר זיך באַקענען מיט די „שלימזלען" אין דער דער־ציילונג „צוויי בעטלער" וועמען דייקסל שילדערט אין זײַן בוך „באַרג אַרויף".

אין אונדזער יידישער ליטעראַטור זײַנען דאָ וואָגיקע ווערק, וואָס שפּיגלען־אָפּ די יידישע אָרעמלײַט, וואָס האָבן געוואַנ־דערט פון שטעטל צו שטעטל, געקלאַפּט אין טירן און געבעטלט נדבות (ווערק פון מענדעלען, ספּעקטאָר, אַ. אַנד.).

וואָס שייך דייקסלס „צוויי בעטלער", זײַנען זיי פון גאָר אַן אַנדער מדרגה. זיי וואוינען אין ניו־יאָרק. די גרעסטע שטאָט פון דער רײַכסטער מדינה אין דער וועלט. די בעטלער זײַנען שותפים פון אַ „געשעפט". איינער איז טאָטאַל בלינד, דער צווייטער איז בלינד אויף איין אויג. שפּאַצירן זיי איבער די גאַסן. איינער דרימדזשעט אויף אַ גיטאַר. ביידע זינגען זיי האַלב־הייזעריק און בעטלען נדבות. דייקסל שילדערט פאַר אונדז די צוויי „שותפים", זייערע ווײַבער און קינדער, וואָס

וואוינען אין קעלער־שטיבלעך אינעם טומלדיקן, שמוציקן געסל, וואו דער שטויב ווערט פון רעגן אין בלאָטע פאַרוואַנדלט. דייקסל מאָלט דאָס בילד פון די אָרעמעלייט אַזוי רעאַליסטיש, ווי ער אַליין וואָלט געווען איינער פון זיי. ער טיילט־מיט גע־פילפול זייער גורל. ער פירט אונדז אַריין אין די היימען פון די בעטלער און דעקט פאַר אונדז אויף, ווי אַזוי זיי און זייערע פרויען נעמען־אָן זייער סאָציאַלן באַשטאַנד אָן פּראָטעסט קעגן דער געזעלשאַפט, וואָס דערלאָזט, אַז אָט־די מענטשן זאָלן דאַרפן בענעפיטירן פון זייער קערפּערלעכן מום.

אויך דייקסל פּראָטעסטירט ניט. דאָס איז דערפאַר, וואָס דער עצם מאָטיוו פון דער דערציילונג איז דער שאַרפסטער פּראָטעסט קעגן דער געזעלשאַפט, וואָס דערלויבט, אַז מענטשן זאָלן געשטויסט ווערן צו אַזאַ מדרגה.

אין דער דערציילונג „מעק און מאַיק‟, נעמט אונדז דייקסל אויף אַ שפּאַציר איבער דער „ריזיק־גרויסער און מעכטיקער שטאָט ניו־יאָרק‟. אויף די קעגנזייטיקע גאַסן־ראָגן שטייען צווי בייטל־גנבים. ביידע זוכן „פּרנסה‟. אינסטינקטיוו פאַרדעכטיקן זיי איינער דעם צווייטן אין בייזע כוונות. איבערצייגט, אַז ביידע באַשעפטיקן זיך מיט דער זעלבער „פּראָפעסיע‟, רייסן זיי אַרויס אַ בייטל פון אַ פרוים הענט און טראָגן זיך אויף שנעל אָפּ צו פייערן דעם „דערפאָלג‟ פון דער אונטערנעמונג אין דער היים פון איינעם פון די גנבים. ביי אַ גלעזל בראָנפן ווערן צונגען לויז. פון זייער געשפּרעך דערוויסן מיר זיך, אַז ניט לאַנג צוריק האָט יעדער פון זיי פאַרנומען זיין באַרעכטיקט פּלאַץ אין דער סביבה פונעם דורכשניטלעכן אַמעריקאַנער בירגער, וואָס וויל לעבן רואיק און נאָכקומען זיינע פליכטן צו זיין פאַמיליע, צו דער געזעלשאַפט, צו זיין פאָלק און לאַנד. האָבן זיך אָבער געשאַפן באַדינגונגען, וואָס זיינען אויסערן קאָנטראָל פונעם יחיד — באַדינגונגען, וואָס גראָבן־אונטער דעם עקאָנאָמישן מצב פון דעם אָרעמען פאַרמער, אַרבעטער, און קליינעם געשעפטסמאַן, — באַדינגונגען, וואָס שטויסן דעם וואַקלדיקן, דעם שוואַכערן צו דעמאָראַליזאַציע. ווען אַזאַ איינער ווערט שטאַרק פאַר־צווייפלט, איז ער מסוגל צו באַגיין אַ פאַרברעכן. ער ווערט באַשטראָפט, פאַרהאַסט און פאַרשטויסן פון דער געזעלשאַפט.

אַט אַזעלכע זיינען דייקסלס מעק און מאַיק, וועמען ער פירט אַרויס אַלס עדות, וואָס זאָלן עפּנטלעך אַרויסטרעטן מיט אַן אָנקלאַגע קעגן דער קאָרופּטער געזעלשאַפט, וואָס שטויסט מענטשן צו דעגראַדאַציע. אין אַט-דער און אַנדערע דערציילונגען שילדערט דייקסל סאָציאַל-עקאָנאָמישע סיטואַציעס, וואָס פאָדערן אַ לייזונג צו דעגראַדאַציע פונעם מענטשן-מין און אים העלפן שטייגן „באַרג-אַרויף!”

— — —

די איינדרוקספולע דערציילונג „פּראָספּעריטי” האָט דייקסל אָנגעהויבן מיט געפילן פון ייִד-און-מענטש. די האַנדלונג קומט פאָר נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה אין אַ קליין שטעטל אין אַמעריקע. דער פּערסאָנאַזש, וועמען דייקסל פירט אַרויס, איז די פאַמיליע קאָנוויי, די יידישע משפחה וויינשטיין און דער אַנטיסעמיט-היטלעריסט, בראַון. דאָס לעבן ביז דער מלחמה איז אינם שטעטל געווען רואיק און מאָנאָטאָן. אַז די מלחמה האָט אויסגעבראָכן איז אינם שטעטל איינגעאָרדנט געוואָרן אַן אַמוניציע פאַבריק. די יונגע בחורים, דזשאַני קאָנוויי און פּאָול וויינשטיין, האָבן זיך פרייוויליק אָנגעשלאָסן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי צו באַפרייען די וועלט פון היטלערן מיט זיינע אַליאירטע שותפים-מערדער. פּאול וויינשטיין איז אין אַ שלאַכט מיטן שונא אומגעקומען.

מיט זיין חבר מילטאָן

אומגעקערט זיך אַהיים, האָט דזשאַני מיט גרויס נייגעריקייט באַטראַכט די נייע טעפּיכער אַפן דיל און די נייע עלעגאַנטע מעבל אין דער הויז. דער אַלטער קאָנוויי האָט באַמערקט דזשאַנים נייגעריקייט, מיט וועלכער ער האָט באַוואונדערט די אויסשטאַטונג. ער דערקלערט דעם זון, ז ס'איז אַדאַנק דער „פּראָספּעריטי”, וואָס האָט אין צייט פון דער מלחמה אים און אַ סך אַנדערע אינעם שטעטל רייך געמאַכט. ביידע סאָלדאַטן זיינען געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט און זיי האָבן עפנטלעך פאַרדאַמט דעם אַלטן קאָנוויי און אַלע אַנדערע אינעם שטעטל פאַר אָנזאַמלען רייכטום אין צייט פון דער מלחמה אַפן חשבון פון די לעבנס פון זייערע זין, וועלכע האָבן פאַרטיידיקט אַמעריקע. נאָכן מאָלצייט האָט דזשאַני און זיין חבר מילטאָן, דער גאַסט, פאַרלאַנגט, אַז קאָנוויי זאָל איינלאַדן די וויינשטיינס,

וועמענס זון, פּאָול, האָט פאַר זיין טויט געבעטן איבערגעבן זיינע עלטערן עטלעכע זאַכן. איבעראַשט זיינען ביידע סאָלדאַטן געוואָרן, ווען דער אַלטער קאַנוויי איז באַשטאַנען צו איינלאַדן דעם מר. בראַון און ניט די יידן, וואָס זיינען, לויט מר. בראַונס באַהויפּטונג, שונאים פון אַמעריקע און ווילן פאַרכאַפּן דאָס לאַנד מיטן גאַנצן פאַרמעגן. אַ קריגערייַ האָט אויסגעבראָכן. מיט שאַרפע רייד זיינען אַרויסגעטראָטן ביידע סאָלדאַטן, די מרס. קאַנוויי און די יונגע טאָכטער, — אַלע האָבן אָנגעגריפן דעם אַלטן קאַנוויי פאַר זיין ראַסיסטישן אַרויסטריט קעגן זיינע לאַנגיעריגע יידישע פריינט, — די איין-און-איינציקע יידישע משפחה אינעם שטעטל. דער אַלטער קאַנוויי האָט חרטה געהאַט אויף זיין שטעלונג. ער האָט ניט נאָר איינגעלאַדן די וויינשטיינס, נאָר ער האָט זיי פריינטלעך אויפגענומען. דער אינהאַלט און די האַנדלונגען אין דער דערציילונג „פּראָספּעריטי" האָט דייקסל רעאַליסטיש געשילדערט.

———

אין 1926 האָט דייקסל זיך אַרויסגעלאָזט וואַנדערן איבער אַמעריקע. ער האָט באַשלאָסן צו פאַרברענגען מיט די אינדיאַנישע שבטים: מיט די „האָפּים" אין אַריזאָנאַ, מיט די „נעוועהאָס" אין ניו מעקסיקאָ, און מיט די „יעסעמיטים" אין קאַליפאָרניאַ. דייקסל איז געווען פאַראינטערעסירט צו שטודירן זייער לעבנסשטייגער, הערן זייערע וואונדער-צויבערלעכע לעגענדעס, וואָס גייען איבער פון דור-צו-דור, באַנעמען זייער צאָרנדיקן אויפברויז קעגן די ווייסהויטיקע אַריינדרינגער, וואָס האָבן מיט שווערד און פייער אָנעקסירט זייער לאַנד און אומברחמנותדיק אומגעבראַכט צענדליקער טויזנטער אינדיאַנער. די דערפאַרונגען, וואָס דייקסל האָט אָנגעזאַמלט פאַר דער צייט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט מיט די אינדיאַנער שבטים, האָט ער אַריינגעוועבט אין זיינע „אינדיאַנישע דערציילונגען", וואָס פאַרנעמען אַ נייַ-וויכטיק אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור.

„אין אָט דער טעמע", דערקלערט דייקסל, „זיינען אַריינגעוועבט היסטאָריש-אמתע קאַפּיטלען פון דער בלוטיקער געשיכטע פון דעם רויטן מענטשן".

אָט די דערציילונגען זיינען געבויט אויף געשיכטלעכע

פראַגמענטן פון אַ פאָלק, וואָס האָט געלעבט, געשאַפן אַן אייגע־נע קולטור, געפירט מלחמות מיט פרעמדע אַריינדרינגער, גע־פייערט אייגענע נאַציאָנאַלע יום־טובים, רעליגיעזע צערעמאָ־ניעס, געזונגען נאַציאָנאַלע לידער און געטאַנצט נאַציאָנאַלע טענץ, — ס׳איז געשיכטע פון אַ פאָלק, וואָס געפינט זיך ביים ראַנד פון אונטערגאַנג.

אין זכרון פון די לעבנסגעבליבענע אינדיאַנער איז ניט אוים־געלאָשן געוואָרן דער טרוים פון דער לעגענדאַרער פאַרגאַנגענ־הייט. ס׳לעבט נאָך די בענקשאַפט נאָך די ברייטע „פרעירים", אויף וועלכע טאַטע און זון האָבן מיט געזאַנג אויסגעטאַנצט דעם זיג איבער אַ שונא, געבורטן געפייערט און טויטע באַ־וויינט. דערציילט אונדז דייקסל, ווי אַזוי די רעשטלעך פון די אינדיאַנער אין אַמעריקע לעבן זיך אוים אין די לעגענדעם פון דער מיט־בלוט־פאַרשווענקטער פאַרגאַנגענהייט. מיט זיין קינסטלערישער פען האָט אונדז דייקסל אַריינגעפירט אין די געצעלטן פון די אינדיאַנער. ער באַזועצט אונדז אַרום די פלאַ־מענדיקע פייערן, וואָס די אינדיאַנער צעצינדן אין די אָוונטן, און מיר „הערן" זייער געזאַנג און די שיינע לעגענדעס. לייענען מיר דאָס און ס׳טראָגט אונדז אַוועק אין די ספערן פון אונדזער אייגענער יידישע פאַרגאַנגנהייט, ווען יעדער פריידיקער אָדער טרויעריקער מאָמענט האָט געלייגט זיין אייגנאַרטיקן שטעמפּל אויף אונדזער לעבנסגאַנג, — מאָמענטן פון וועלכע מיר אויך האָבן לעגענדעס געוועבט.

אין די „אינדיאַנישע דערציילונגען" האָט דייקסל געשיל־דערט דעם קאָלירפולן לעגענדאַרישן אַמאָל און דעם רעאַליס־טישן היינט פון די אינדיאַנער. מיר באַקענען זיך מיט דעם דור, וואָס פאַרגייט, — דער דור, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן דורך די ווייסהויטיקע הערשער פון לאַנד צו איזאָלאַציע אין די אויסגעטיילטע פאַר זיי רעזערוואַציע־געטאָס, זיי זיינען גע־צוואונגען צו דערנערן זיך פון די צדקה־ברעקלעך, וואָס דער גרויסער, באַרמהאַרציקער, „אָנקל סעם" וואַרפט־צו, — און מיר טרעפן זיך שוין מיט רעוואָלטירנדיקער יוגנט, וואָס פאַרמעסט זיך דורכברעכן די געטאָ־ווענט פון דער רעזערוואַציע, זיך באַ־פרייען פון דער סעקטאַנטישקייט, וואָס זיי האָבן אַריינגעזויגן

מיט דער מוטערס מילך. אָט־די אינדיאַנער יוגנט קעמפט צו באַפרייען זיך פון די איזאָלאַציע־צוימען און זיך פאַראייניקן מיט אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן, וואָס באַטרעטן דעם וועג צו אויסלייזונג און צו אַ גליקלעך לעבן.

לאָמיר אַדורכבלעטערן עטלעכע פון די „אינדיאַנישע דער־ציילונגען״:

די דערציילונג „אין לאַנד פון צען טויזנט אַזיערס״ איז געבויט אויף דער אינדיאַנישער לעגענדע, ווי אַזוי ס׳האָבן זיך אינעם שטאַט מינעסאָטאַ אויסגעפאָרמירט צען טויזנט אַזיערס.

דער אינדיאַנער טשיף, פּאַקאַניז, דערציילט דייקסל, האָט גאַנצע טעג באַוועגלאָז נאָכגעקוקט ווי די יוגנט שאַלט אין פעלד, ווי אַזוי דאָס לעבן צעפּראַלט פאַר זיי טיר־און־טויערן פון פרייד און גליק. וואָס מער זיין בליק איז געווען געווענדט צו דער שטיפערישער יוגנט, אַלץ מער האָט ער געפילט דאָס לאַנגזאַמע אָפּשטאַרבן פון זיינע גלידער. אַ טיפער טרויער האָט אים געדריקט, און אַ בענקשאַפט נאָך די פאַרגאַנגענע יאָרן האָט אים געפייניקט. זיין צעבראָכענער געמיט האָט דער־גרייכט „עד לב השמים״, צום סאַמע „גרויסן גייסט״. צו טרייסטן דעם אַלטן טשיף איז דער „גרויסער גייסט״ (גאָט) מיט צוויי קלענערע געטער געקומען. אינעם געשפּרעך מיט די געטער איז דער טשיף פּאַקאַניז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן זיי פאַר באַשאַפן אַלטקייט. „דער טרויער פון מיין עלטער, האָט פּאַ־קאַניז מיט צאָרן געזאָגט, איז פּונקט אַזוי גרויס ווי די פרייד פון מיין יוגנט. אַלטקייט איז די שאַנד פונעם גרויסן באַשאַפער פון דער וועלט... דאָס לעבן טאָר זיך ניט פאַרענדיקן דורך אויסגיין אין אַ לאַנגזאַמען פּראָצעס פון טאָג־טעגלעכן אויסלעשן זיך... אויסגיין דאַרף דאָס לעבן ווי אַ העלער פונק, ווי אַ בליץ... אַזוי איז פיל לייכטער, פיל שענער, פיל גערעכטער״.

די געטער האָבן פאַרלאָזט מיט געבויגענע קעפּ. זיי האָבן ביטער געוויינט. „הייסע טרערן האָבן פון זייערע אויגן גענומען פאַלן און יעדע טרער איז אין אַן אָזערע פאַרוואַנדלט געוואָרן, — אין אַן אָזערע פון געטלעכן צער און מענטשלעכן טרויער״, דערקלערט דייקסל.

— — — —

די ניין דערציילונגען און די פיר מעשהלעך (לעגענ־דעס) אין דייקסלס בוך „אינדיאַנישע דערציילונגען”, זיינען בילדלעך געשילדערט די טראַדיציעס, די קולטור, רעליגיעזע ריטואַלן, איבערגלויבנס און פאַראורטיילן, קאַמפן און געראַנג־לען און איבערלעבונגען, טרויערדיקע אָדער פריידיקע. יעדער דערציילונג, אָדער לעגענדע, פאַראינטערעסירט דעם לייענער מיט דער אַנדערשקייט פונעם אינהאַלט און מיט דייקסל׳ס אויפן פון שילדערן.

אַ שטאַרקן איינדרוק מאַכט דייקסל׳ס דערציילונג „מיין אינדיאַנישע מאַמע”. דייקסל דערציילט, אַז אַן אינדיאַנישע משפחה אין יאָסעמיטי האָט אים באַפריינדעט.

די אַלטע אינדיאַנער פרוי פון דער משפחה, ביי וועמען דייקסל האָט פאַרבראַכט, האָט געליטן פון רעוומאַטיזם. זי איז געווען געצוואונגען צו ליגן אין בעט. דער איין־און־איינציקער באַזוך פונעם ווייסהויטיקן דאָקטאָר האָט דורך זיין ראַסיסטי־שער באַציאונג צו איר נאָך מער פאַרשאַרפט איר שנאה צו די „ווייסע”. מיט דער צייט האָט די אינדיאַנער פרוי צוגעשטימט, אַז דייקסל זאָל מאַסאַזשירן איר קערפּער. די שטייפע גלידער זיינען שטופנווייז געוואָרן בויגעוודיקער. די קראַנקע פרוי האָט ענדלעך פאַרלאָזט דאָס בעט און אָנגעהויבן זיך באַוועגן. ענדלעך האָט דייקסל באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די אינדיאַנער רעזערוואַציע אינעם יעסעמיטי טאָל. ביים געזעגענען זיך האָט די גאַנצע פאַמיליע זיך באַזעצט אויף אַ בערגל. אַלע האָבן געשוויגן. ס׳איז געווען שווער דורכצומאַכן דעם צעשיידונג־מאָמענט. דאָס שווייגן האָט איבערגעריסן די אינדיאַנישע אַלטע פרוי. צו דער גרויסער איבעראַשונג פון דייקסלען האָט זי גענומען רעדן אין דער ענגלישער שפּראַך.

האַרצרייסנדיק זיינען געווען אירע רייד. זי האָט געפאָ־דערט אַן ענטפער אויף דער פראַגע: „... פאַרוואָס האָט דער גאָט פון די ווייסע מענטשן אַנגעשיקט אויף אונדז ניט קיין מלאכים, נאָר בלוטדורשטיקע גאָלד־זוכער, ווייסע מענטשן, וועלכע האָבן אונדז אַרויסגעטריבן פון אונדזער גן־עדן?”. זי האָט פאָרגעזעצט איר השתפכות־הנפש און זי האָט געזאָגט: „... אמת, אייער גאָט איז שטאַרקער, אָבער בלויז ווייל ער

איז גרויזאַמער; אונדזער „גרויסער גייסט" איז געראַכטער, מענטשלעכער...".

זי האָט אויסגעווישט די טרערן און זיך צוגעבויגן צו דייקס־לען, אים אַ קוש געטאָן אין קאָפּ און געזאָגט: „אַ דאַנק דיר, זון מיינער, פאַר אַלץ! טראָג מיך אַוועק אין דיין האַרצן, פּונקט ווי דיין פּנים וועט בלייבן אין מיינעם..."

אין אָט דער דערציילונג האָט דייקסל אַריינגעהויכט אַ סך האַרציקייט, בענקשאַפט נאָך מוטערלעכער ליבע, משפּחה־גע־טריישאַפט און פיל מענטשלעכע דערהויבענע געפילן אין דעם גאַנג פונעם טאָג טעגלעכן לעבן.

אָט־די פּרינציפּיעלע איינשטעלונגען זיינען דער לייט־מאָטיוו אין אַלע זיינע ווערק און ביז גאָר אינם בוך „אינדיאַ־נישע דערציילונגען", וואָס איז דורכגענומען מיט געפיל פון ברידערלעכקייט און פעלקער־פריינטשאַפט.

בער גרין

אין זיין קרעפטיק ליד „דער פונק", האָט דער באַוואוסטער דיכטער, זשורנאַליסט, עסייאיסט, ליטעראַטור־קריטיקער, שעף־רעדאַקטאָר פונעם ליטעראַרישן זשורנאַל „זאַמלונגען", מחבר פון אַ צאָל וויכטיקע ליטעראַרישע ווערק, בער גרין, אַריינ־געדיכטעט זיין יחוס:

פון דורות קדושים שטאַם איך
מיט כבוד טראָג איך זייער ירושה;
טיף אין מיין געביין האָב איך פאַרהיט
אַ פונק פון זייער קדושה.

דאָס ברענט יענער פונק אין מיין ליד,
אַ נר־תמיד נאָך מיין הייליגן זיידע —
זינט די רוצחים האָבן פאַרברענט זיין גוף,
טליט אין מיר אַ פונק פון דער עקדה...

אינעם אויבנדערמאָנטן ליד האָט גרין ניט נאָר באַזונגען זיין יחוס־עצמו, נאָר ס'איז אויך געווען אַ פאַרזיכערונג צו זיינע לאַנדסלייט פונעם דאָרף יאַרוגע, וואו ער איז געבוירן געוואָרן,

וואָס ער האָט פאַרלאָזט אין 1923 אויף זיין וועג קיין אַמעריקע, אַז ער וועט בלייבן געטריי צו זייער אָנזאָג: „בלייב דער וועכ־טער פון אונדזער געשיכטע".

די ירושה, וואָס גרין האָט מיטגעבראַכט קיין אַמעריקע, איז געווען אָנגעלאָדן מיט **„יאָרן פון שוויס און טרערן, פון ציטער און קעלט... ליבשאַפט צו מענטשלעכקייט און פשטות..."** און אויך מיט עשירות פון די אָנגעזאַמלטע יידישע קולטור־אוצרות, וואָס ער האָט איינגעזאַפּט **„ביים שטילן הונ־גער מיט אַ פּרק משניות"** און דורך שטודירן וועלטלעכע לימו־דים. מיט אָט דער ירושה באַרייכערט גרין אונדזער פּראָגרע־סיווע יידישע ליטעראַטור מיט זיין יאַרוגער יידיש לשון, וואָס ער באַזינגט אין זיין „מיין יידיש ליד":

מיין יידיש ליד
ווי אַ רויטע רויז
האָט זיך אין מיר צעבליט
ווי אַ וואונדער אַ ליכטיקער
האָב איך זיך אין דיר צעבליט...

בער גרין איז געבענטשט מיט אַן אומאויסשעפּלעכן ליטע־ראַרישן טאַלאַנט, וואָס שפּרודלט מיט רייפקייט. די רייכטימער פון דער העברייאישער, רוסישער און פון אַנדערע שפּראַכן, אין וועלכע ער איז גוט באַהאַוונט, שענקט ער אונדז פּרעכטיקע איבערזעצונגען פון זייערע דיכטערישע ווערק אין דער יידישער שפּראַך.

בער גרינס ליטעראַרישע עסייען זיינען עסטעטיש. זיי שפּיגלען אָפּ די וועלט אַנטשוויאונגען פונעם שרייבער, דעם היס־טאָרישן מאָמענט, ווען דאָס ווערק איז געשאַפן געוואָרן. גרין פאַרבינדט זיינע עסייען מיט די געשאַפענע ליטעראַרישע ווערק פונעם היינט און פונעם נעכטן, כדי „צו ווייזן דעם שעפערישן גאַנג, די אַנטוויקלונג פון אונדזער יידישער ליטעראַטור אין משך פון דורות, ווי אויך צו ווייזן דעם עכט־הומאַניסטישן כאַ־ראַקטער פון אונדזער ליטעראַטור".

דער ליטעראַטור־קריטיקער בער גרין זעצט אונדז אַוועק אויף דער חדר־באַנק און ער קנעלט מיט אונדז איין קאַפּיטלעך פון זיין ווערטפולן בוך „פון דור צו דור", — ליטעראַרישע עסיי־

עז. די שטודיע איז לויטן בוך איינגעטיילט אין דריי (3) קלאַסן: „ערב קלאַסיקער"; „די קלאַסיקער", און „דורות און תקופות". אין זיינע ליטעראַטור-קריטישע אָפּהאַנדלונגען באַציט זיך בער גרין צו די שרייבער און דיכטער, וועמען ער האָט אין זיין בוך עסייען אַריינגענומען מיט מידת הבינה, לויט זייער בכבודיק אָרט, וואָס זיי פאַרנעמען צו באַרייכערן אונדזערע יידישע ליטעראַרישע אוצרות.

אַ ליטעראַריש ווערק באַטראַכט גרין, דער קריטיקער, אָפּהענגיק פון דער צייט, ווען ס'איז געשאַפן געוואָרן, לויט דעם אידייאישן און סאָציאַלן פאַרנעם פונם שאַפער וועגן וועלטלעכקייט און הומאַניזם, — די טרעגער פון נייע אוניווערסאַלע אידייען צו העלפן לייזן די פּראָבלעמען פון וועלט און מענטש.

אין זיינע אַנאַליזן איז בער גרין, דער ליטעראַטור-קריטיקער, שטאַרק מקפּיד אויפן פאָרגעשריטענעם אידייאישן געדאַנק-גאַנג פון אַ ווערק אין פּראָזע אָדער פּאָעזיע. ער פאַרלאַנגט פון די שרייבער און דיכטער, אַז אין זייערע ווערק זאָלן זיי אָפּשפּיגלען די אַספּיראַציעס פון די יידישע מאַסן, וועלכע האָבן:

דורך חושך געשפּרייזט דור צו דור
געלויכטן מיט אייגענעם פלאַקער:
יהי אור!, יהי אור!... (זאָל זיין ליכט! זאָל זיין ליכט!)

דער דיכטער רופט זיך איבער מיטן נביא ירמיהו, וואָס האָט געזאָגט, ווען ער איז צעזאַמען מיט די יידן פון ארץ ישראל געטריבן געוואָרן קיין בבל: „אותי נהג אור ולא חושך" (געפירט האָט מיך דאָס ליכט און ניט די פינצטערניש).

בער גרין, דער צאַרטער לירישער דיכטער, איז באַשאָנקען מיט ליידנשאַפטלעכן גלויבן, — אַ גלויבן, וואָס שטאַמט פון זיין סאָציאַלן באַוואוסטזיין. ער זעט דעם אויפגאַנג פון דער זון אָף יענער זייט באַרג, וואָס איז לעת עתה פאַרהילט אין געדיכטע גרויע וואָלקנס.

אין זיין ליד „גלויבן" באַשטעטיקט גרין ווי פעסט ס'איז זיין גלויבן:

אַלץ קאָן מען פון מיר רויבן:
די מי פון מיינע טעג,

די רו פון מיינע נעכט —
נאָר ניט מיין גלויבן.
מיין גלויבן ווייסט ניט פון קיין שרעק:
ער בלייבט ריין און אומבאַפלעקט.

זיין גלויבן פליסט אין זיינע אָדערן פונם יידישן לעבנס־שטראָם, וואָס קיין שונא האָט אין משך פון 4,000 יאָר מיט פייער און שווערד ניט געקאָנט צוימען. אָט דעם אמת אַקצענטירט גרין אין זיין ליד „צו די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ":

זינגען שירה זאָל יעדער שורה,
צו אייער קדושה, אייער גבורה,
געהייליקט זאָל זיין מיין יעדער אות
צום פייער פון אייער יעדן שאָס.

אָט דאָס ליד, דערקלערט גרין, „איז ניט קיין קינה־ליד, נאָר אַ קלאַנג פון פייער־שפּראַך (וואָס) רופט צום לעבן אונדזער האַרץ, אונדזער בלוט". ס'איז אַ לויב־געזאַנג צו די וואַרשעווער־געטאָ קדושים, וואָס האָבן מיט זייערע לעבנס פאַרטיידיקט זייער אייגענעם כבוד און דעם כבוד פונעם יידישן פאָלק.

דער ייד און מענטש בער גרין איז איבערצייגט, אַז אין אַן אויסגעלייזטער וועלט וועט דער מענטש, אָן אויסנאַם פון נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם זיין פריי. דאָס איז דער מאָטיוו פון זיין ליד „אויף מיין אייגענער הויט", געבויט אויף אַ קאַפּיטל פונם ספר איוב. גרין זינגט:

אַלע קראַנקהייטן פון דער וועלט
זיינען מיינע קראַנקהייטן:
אַלץ וואָס איר טוט וויי, וואָס איר פעלט —
טוט וויי אויך מיר, פעלט אויך מיר.

אויף מיין אייגענער הויט
פיל איך דער וועלט'ס וואונדן,
מיט אירע אומגליקן, קללות, פּלאָגן
בין איך אויף אייביג געבונדן.

ווען צו שחיטות, חיה'שקייטן, הונגער,
בלייבט וועלט אַרום מיר קאַלט און בלינד
בין איך אויך מיט בלינדקייט געשלאָגן,
בין איך אויך ניט ריין פון רשעות, פון זינד.

דער דיכטער רופט זיך איבער מיט אברהם רייזענס ליד „איך און די וועלט". דער מאָטיוו איןביידע לידער דאַרף פאַרשטאַנען ווערן ווי אַ רוף צום מענטשן צו ענדערן זיין באַשטאַנד אין דער וועלט.

אוהב את המלאכה", — האָב ליב די אַרבעט, — האָבן אונדזערע אַלטע חכמים אָנגעזאָגט. בער גרין, וואָס איז אַ קענער אין די לימודים פון אונדזערע חכמים, האָט זיין דרך ארץ פאַר מלאָכה און פאַרן בעל מלאָכה, אויסגעזונגען אין זיין ליד, „דאָס העמד":

עס לעבט נאָך דאָס העמד,
וואָס מיין פריינט, דער שניידער,
האָט פאַר מיר גענייט.
ער איז פון אונדז שוין אָפּגעשיידט.
דאָך לעבט ער.
דאָס העמד איינגענייט דערמאָנט.
דאָס גענייַ רעדט פון זיין מי,
פון זיין לעבן דאָ־הי,
פון זיין לעבן־סטיל:
אַרבעט־זאָס, מענטשלעך, שטיל.

אין דעם ליד „דאָס העמד" רופט זיך בען גרין איבער מיט י. ל. פּרצעס פּאָעמע „דריי נייטאָרינס", מיט ש. אַנסקים ליד „דער שניידער", מיט מ. ראָזענפעלדס „דער בלייכער אָפּערייטאָר". דער מאָטיוו אין זייער דיכטונג איז פּראָטעסט קעגן עקספּלואַטאַציע. דער מאָטיוו אין גרינס ליד „דאָס העמד" איז גלאָריפיקאַציע פאַרן שניידערס „מי, לעבנס־סטיל: אַרבעטזאָם, מענטשלעך, שטיל".

פון גאָר אַנאַנדער זשאַנער איז זיין ליד „דער לעצטער בריוו פון אַ קוילן־גרעבער, וואָס שרייבט צו זיין טייערער ווייב:

... אין ערדס געדערים
איך פאַרבלייב —
אַ שפּייז פאַר ווערים
מיין לייב...

אַ, ווייב, פאַרשרייב מיין לעצט וואָרט:
„איך בין ניט געשטאָרבן...
— איך בין פון מאָרד אַ קרבן".

אין זיין לעצטן בריוו צו זיין ווייב בעט ער איר:

וועו מיט בינטל בלומען
צו מיין קבר וועסט קומען —
בליען אין זיי זאָל מיין צאָרן
און פלאַמען זאָל ער איבער מיר
און מיינע ברידערס קברים.

בער גרינס נעקראָלאָג אויפן אומגעקומענעם קוילן-גרע־בער איז אַ השתפּכות הלב אויף אַלע אַנדערע קוילן גרעבער, וואָס זיינען „מאָרד קרבנות". אין זיין שטילן לירישן נעקראָלאָג פאַרמשפּט ער די באַראָנען פון די קוילן מינען איבער וועלכע ס'שוועבט די קללה „בנפשו יביא לחמו" (דורך איינ־שטעלן דאָס לעבן זאָל ער דאָס ברויט פאַרדינען).

בען גרין טיילט מיט אונדז זיינע קענטענישן אין דער פרעמד-שפּראַכיקער ליטעראַטור. אין זיין טיפער אָפּהאַנדלונג פון „נעגער-מאָטיוון אין דער יידישער פּאָעזיע", איבערדיכטעט בען גרין אַן אויסצוג פונעם נעגער-פּאָעט קלאָוד מעקעי. ער זינגט:

איך טרוים פון אַ וועלט, וואו שוואַרצע און ווייסע,
פון וואָסער אַ ראַסע איר זאָלט ניט זיין,
וועלן טיילן די אוצרות פון דער ערד
און יעדער מענטש וועט פריי זיין.

ביידע דיכטער, מעקעי און גרין, זיינען געטרייע זין פון זייער אייגענעם פאָלק; ביידע האָבן איינגעזאַפּט דעם דורות־אַלטן גלויבן פון זייערע פעלקער, אַז אַ מענטש וועט אין אַ צווייטן אַ מענטש דערקענען און וועלן רעדן די לויטערע מענטש־לעכע שפּראַך (פּאַראַפראַזירט פון י. ל. פּרץ).

גרין באַקענט אונדז מיטן נוסח פון דער אַזיאַטיש-אַמע־ריקאַנער ליטעראַטור. סיי די וואָס איז געשאַפן אינעם נוסח פון די אַלטע אַזיאַטישע טראַדיציעס און אויך די, וואָס איז שוין בעאיינפלוסט פון דער אַמעריקאַנער טראַדיציע.

אינעם ציקל „לידער פון דער מאָדערנער העברעאישער פּאָעזיע", וואָס בער גרין האָט איבערזעצט אויף יידיש, טראָגט

זיך אַ מזמור־שיר צום אַלט־נײַעם לאַנד מדינת ישראל. אין אַט די דיכטערישע געזאַנגען קלינגען טענער פון פרייד, וואָס „גע־וואָלט האָט מײַן גורל"... כ׳זאָל צוריקקומען צו דיר פונעם טויטן בעט... פונעם טרויער פונעם טויט..."; פונעם פאַר־ווירקלעכטן חלום „האַרעוועז מיטן שוויים פון מײַן פּנים... אין די לאַנגע ברענענדיקע טעג פון שניט"; צו באַזינגען דעם באַרג חרמון, פון וועלכן ס׳פליסן „רווישיקע טייכן איבער יעדן פעל־זיקן באַרג אַראָפּ", און, פון ליד: „אין די בערג פון ירושלים", וואו די דיכטערין ליגט „ווי אַ שטיין צווישן אַט די באַרג־שפּאַלטן" און זי טראָגט זיך אויף פליגל פון חזיונות.

די מאָטיוון אין בער גרינס דיכטונג זײַנען יידיש־וועלט־לעכע פּראָבלעמען: נאַציאָנאַל־טראַדיציאָנעלע, בונטאַרישקייט און העלדישער קאַמף פאַרן קיום פון אונדזער פאָלק און פאַרן המשך פון אונדזער יידיש־וועלטלעכער קולטור.

ער פילט אוים די שליחות צו פאַרזעצן די גרויסע אחריות פון די אומגעקומענע שרײַבער און דיכטער, וועמענס יידיש וואָרט איז פאַרשטומט געוואָרן.

פאַראַן ביים דיכטער בער גרין לידער לאַקאָנישע. אין קור־צע עטלעכע שורות הערן מיר אַ געזאַנג, וואָס באַגײַסטערט אונדז. אַזעלכע לידער זײַנען אָנגעלאָדן מיט זײַן דיכטערישער חכמה, וואָס קוועלט פון זײַן „כל עצמותי תאמרנה" (זײַן גאַנ־צער וועזן רעדט אין זיי). דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין זײַן „מײַן ליד", וואָס באַשטייט פון צוועלף קורצע שורות, אין וועלכע ער זינגט, אַז „**מײַן יעדער גליד... שרײַבט מײַן ליד**", וואָס איז „**איינס מיט מײַן געביין**". גרינ׳ס ליד „**בליט דורך מײַן לייב**" און ס׳פאָדערט פון אים: „זינג! פאַרשרײַב". אפילו ווען ער שלאָפט איז: „**דורכן חלום פאַרטאָג... זינגט אויף מײַן ליד:... זינג און זאָג**".

אין אָט דעם ליד באַשטעטיקט ער דעם אָנגענומענעם כלל, אַז באַגאַבטע דיכטער זײַנען אין דער בחינה פון אַ נביא. דער פּאָעט, אַזוי ווי דער נביא, איז באַשאָנקען מיט חזיונות, וואָס דריקן זיך אוים אין אַ לירישער פאָרמע.

לאַקאָניש און פיל באַדייטנדיק איז זײַן ליד „עלטער". גרין האָט שוין אַריבערגעשפּאַנט דעם זיבעטן צענדליק ביז הונ־

דערט און צוואַנציק געזונטע שעפערישע יאָרן. זינגט ער אינעם ליד „עלטער":

עס זאָגט מיין פּאַספּאָרט,
אַז עלטער איך ווער.
יונג בלייבט מיין וואָרט
און שמייכלט מיט אַ טרער...

דער לעבעדיקער נוסח אין בער גרינ'ס ליטעראַרישער שאַפונג שטראָמט פון די סאָציאַלע נביאים און פון זייערע נאָכפאָלגער, וואָס האָבן איינגעזאַמלט די ווערק פון די נביאים, און וואָס האָבן אַליין מיט זייער שעפערישקייט באַרייכערט אונדזערע וועלטלעכע קולטור אוצרות פאַר דער אייביקייט.

צווישן זיי אַלע פאַרנעמט בען גרין, דער פילזשאַנערדיקער שאַפער פון אונדזער יידישער ליטעראַטור, אַ בכבודיק אָרט!

שרה פעל־יעלין

און קומען וועט אַ טאָג
ווען איך וועל מער ניט זיין...
(אויסצוג פון שרה פעל־יעלינס אַ ליד)

שרה פעל־יעלין איז געווען שטאַרק פאַרליבט אין לעבן. אין דעם אַריינפיר צו איר בוך „מענטש און צייט", האָט זי געשריבן: **איך האָב ליב דאָס לעבן. מוט און בטחון איז דער לעבנס־דעוויז פון אונדזער קיום".**

זי האָט צוריקגעוויזן דעם געדאַנק פון „ניט זיין", נאָכדעם ווי זי וועט אין דער אייביקייט פאַרגיין. זי האָט זיך געוואונטשן:

אַ בלימעלע איך וויל ווערן...
ס'וואָלט עמיצער דאָס בלימל
אויף אַ טישל אַוועקגעשטעלט
און ווידער כ'וואָלט זען הימל,
און ווידער כ'וואָלט זען וועלט!...

שרהס וואונטש איז מקוים געוואָרן: זי לעבט ניט בלויז אין אַ „בלימעלע", נאָר אין אַ **בלומענקראַנץ**, וואָס זי האָט איינגע־

פלאַנצט אין אירע זעקס ביכער לידער און דערציילונגען פאַר גרויס און קליין.

דער „בכור" פון שרה'ס זעקסטלינג איז דאָס ביכל לידער „טריט נאָך טריט". אין זיין אַריינפיר צו אָט-דעם בוך שרייבט משה נאַדיר: „איך וויל אָפּשאַצן דעם קוואַל פון זויבער גוטס-קייט צו מענטש און וועלט, וואָס עס שלאָגט פון אייער דיכט-ווערק, און בפרט צום אַרבעטנדיקן און אונטערדריקטן . . ."

צו אַרויסגעבן א בוך האָט שרה באַטראַכט אַלס „אַ גע-וואַגטע אויפגאַבע צו איבערזעצן געפילן, שטימונגען, אידעאַלן אין פּאַסיקע ווערטער, וואָס זאָלן באַרירן די פיינסטע סטרונעס פון מענטשלעכער נשמה, ברעכן דעם גלייכגילט צום לעבן..."

אין שרה'ס לידער אַנטפּלעקט זיך איר דיכטערישע פּער-זענלעכקייט דורך איר קרעפטיק וואָרט, וואָס האָט אַ שייכות צו די סאָציאַלע מענטשלעכע גורלות פון אַ באַשטימטן מאָ-מענט.

איר דיכטונג האָט שרה אָנגעלאָדן מיט געדאַנק און אינ-האַלט, מיט פרייד און טרויער, מיט נשמהדיקייט און צאַרט-קייט, מיט ליבע צו מענטשן און מיט חנעוודיקער, מאַמעשער שפּילעוודיקייט צו קינדער, מיט האָפענונג און מיט וויזיע פאַר דעם ליכטיקן מאָרגן, וואָס זי אימפּראָוויזירט בעת זי טראָגט זיך „אויף פליגל פון חלום". געטראָגן האָט זיך שרה אויף די פליגל פון חלום צו זען דעם אויפגאַנג פון דער זון אויף יענער זייט באַרג, וואו ס'איז פאַרחתמעט די מאָרגנדיקע ווירקלעכ-קייט, וואָס „ווערט פאַר יעדן דור ניי-געבוירן דורך דעם דיכ-טער, דעם זינגער פון לעבן און שלום, וואָס טראָגט זי אוים ווי אַ מאַמע אויף די פליגל פון חלום".

צו פאַרווירקלעכן די דערנעענטערונג פונעם גליקלעכן פריי-דיקן, פרידלעכן טאָג פאַר יענע, וואָס ליידן פון דער „פרעכער נויט", האָט שרה געטראָגן איר בונטאַריש-דיכטעריש וואָרט: „אויף גאַסן פונעם לעבן, וואו ס'איז אינמיטן טאָג קיין זון ניטאָ, וואו ס'איז קיין ברויט ניטאָ, וואו ס'איז פאַר הונגעריקע הענט קיין פּלאַץ ניטאָ..."

אויפבראויז קעגן נויט און אונטערדריקונג האָט שרה גע-ירשנט פון איר פאָטער, עליע דער בלעכער. אין איר ליד מיטן

זעלבן נאָמען גלאָריפיצירט זי איר פאָטער, עליע, וואָס „... שטייט מיט קעמפער אויפן פרייהייט-פראָנט מיט ציגל אין די הענט אַנטקעגן צאַרס קאָזאַקן צו ראַטעווען דעם כבוד פון זיין קלאַס". פאַר זיין ווידערשטאַנד איז עליע פאַרשפּאַרט געוואָרן אין פעטראָ-פּאַוולער פעסטונג. פון איר פאָטער, וואָס „האָט אַפילו שרייבן ניט געקענט", האָט שרה געלערנט קלאַסן-אָנ-געהעריקייט, קאַמף קעגן פינצטערער ממשלה, און ריטם פאַר אירע לידער. שרה'ס דיכטערישער חוש, וואָס האָט זיך אין איר קינדהייט נאָך ניט אַנטפּלעקט, האָט אויפגענומען די:

ריטם־קלעפּ פון בלעך אונטערן (פאָטערס) האַמער,
מיט פריילעכן געזאַנג צום טאַקט,
וואָס טראָגט זיך פון זיין קעלער־וואַרשטאַט...

געזונגען האָט שרה מיט פלאַמיקער עמאָציע, מיט צאָרן און האַס קעגן די מלחמה-צינדער, קעגן שווידערלעכער עקס-פּלואַטאַציע, קעגן רעאַקציע, קעגן ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם, קעגן יעדער פאָרם פון סאָציאַלן אומרעכט.

שרה'ס דיכטערישער חוש האָט איר דיקטירט, אַז די וועלט מוז אויסגעלייזט ווערן פון אומרעכט מיט איר מיטווירקונג:

שטיי איך ביי דיין זייט, מיין וועלט.
איך בין דיר גרייט צו העלפן...

די אחריות צו העלפן באַפרייען די וועלט פון רשעות, וואָס שרה נעמט אויף זיך, איז אין דער טראַדיציע פון אַ פאָלקס-דיכטער, וואָס שליסט אַ בונד מיט די פאָלקס-מאַסן, פון וועמען ער שעפּט פּאָעטישע וויזיע פאַרן גורל פון די מענטשן.

באַשירעמט מיט פּאָעטישער וויזיע, דערקלערט שרה קריג צו דער „פרעכער בייטש פון נויט", פאַר וועלכער זי האָט פאַר-לאָרן די מורא:

איך בין מעכטיקער פון דיר —
איך, דער אָרעמער גביר!

די טעמפּעראַמענטפולע דיכטערין האָט איינציייטיק באַ-זונגען מענטשלעכע דערהויבונג, ליבע צום פאָלק און לאַנד, און צו דער נאַטור מיט אירע שיינקייטן. ביז גאַר ראָמאַנטיש זיינען

אירע לידער, וואָס באַזינגען דעם פרילינג. „ס'איז דער יום־טוב פון מיינע יאָרן", זינגט שרה אין איר ליד „געבוירן אין פרילינג", לכבוד איר 70טן געבוירנטאָג. ס'איז אויך אַ חשבון הנפש פון אירע זיבן „וואונדער־דעקאַדן".. שרה איז געווען איבערצייגט, אַז די דערפאַרונגען און איבערלעבונגען פון אירע פאַרגאַנגענע זיבן „וואונדער־דעקאַדן" האָבן באַרייכערט איר באַנעם צו העלפן אויסברייטן איר שעפערישקייט. דאָס איז דערפאַר: „ווייל אינגער, אימפעטדיקער ווי מיין גוף... איז מיין געמיט...".

אין אירע נאַטור־לידער נעמט אונדז שרה פאַר אַ שפּאַציר איבערן מדבר, אַרום די ים־ברעגן, צו די בערג, צו די בלומען־גערטנער. זי זינגט פאַר אונדז איר ליריש געזאַנג צו דער נאַטור מיט אירע שיינקייטן און רחבותן. אַן אַראָמאַטישע לופט דופּ־טעט פון שרה'ס ביימער־לידער. זי באַזינגט דעם פייגן־בוים, דעם יאַפּאַנעזער עפּל־בוים, די וויינענדיקע ווערבע, און דעם בוים ביי איר פענצטער, איר „רייפער צווילינג", וועמענס קאַרבן אַרום זיין שטאַם זיינען ענלעך צו די „קנייטשן אויף מיין אויס־געדינטן פּנים".

גרויס איז געווען איר טאַטנס פרייד פון דעם, וואָס „גע־וואַקסן בין איך מיט מיין בוימעלע צוזאַמען". שרה באַזינגט אי־רע זאָרגלאָזע יונגע יאָרן, ווען דאָס בוימעלע איז געווען „מיין טרייער, שטומער עדות, ווען כ'האָב מיין ערשטן קוש פון שכנס אינגעלע געגנאָסן".

פאַרטונקלט ווערן די אַלע ראָמאַנטישע זכרונות דורך דער אויפטרייסלונג, אַז דער נאַצי: „האָט (מיט) מבול־בלוט פאַר־שווענקט די היימישע וועגן... און בוים און היים און ליבסטע אויסגעראָטן". צעוויייטיקט פונעם גרויזאַמען גורל, פרעגט שרה: „איז אפשר עמיצער פון מייניקע נאָך דאָרט פאַרבליבן? ... וועט אפשר שפּראָצל פון מיין בוימעלע נאָך ערגעץ לעבן?"

אין אַט דעם ליד איז שרה מקונן ניט סתם איר פערזענ־לעכן פאַרלוסט, נאָר דעם שרעקלעכן בראָך, וואָס אונדזער יידיש פאָלק האָט געליטן אין די פינצטערע היטלער־יאָרן.

צו שטאַרקן איר געמיט, בלעטערט שרה אין איר ליד „מיין פאָלק" קאַפּיטלעך פון דער יידישער געשיכטע, פון וועלכע זי שעפּט טרייסט, האָפענונג, גלויבן און מוט פאַר אויסלייזונג און

באַפרייאונג. צוזאַמען מיט דורות, פונעם יידישן פאָלק לעבט זי איבער די שוידערלעכע מאַרטירער־תקופות און קומט „ווי געפּרעסטער שטאָל אַרויס פון קלעם". דאָס געוועק, וואָס באַשיצט איר אומאונטערגעבראָכענעם גאַנג זינגט שרה אין: „מיין פאָלק־קולטור — ס'האָט יעדעם פאָלק פון לאַנד געגאָסן פון איר גלאַנץ...".

— — — —

שרה'ס צוואַנציק „נעגער־לידער" זיינען לידער פון קאַמף, לעגענדע, צאָרן און באַגער צו לעבן אַלס גלייכבאַרעכטיקטע.

שרה וואָרנט די „ווייסע" נעגער־האַסער, ניט צו זיין גלייכגילטיק צו דער שענדלעכער לאַגע פון די נעגער. די נעגער ווען מער ניט פאַרשווייגן די ווילדע רציחה, וואָס ווערט קעגן זיי באַגאַנגען. נעגער האָט די שרעק פאַרלאָרן.

אין די לידער „פיר פייגעלעך" און „זיבן שוואַבלען" צאָרנט שרה קעגן די ווייסע ראַסיסטן פאַר אויסלעשן די לעבנס פון די אומשולדיקע 11 נעגער־קינדער.

גלאָריע־טענער קלינגען פון שרה'ס לידער: „העריעט טובמאַן"; „סאָדזשוירנער טרוט"; „דזשאָן בראַון און אייברעהעם לינקאָלן". ס'איז האַפערדיק געזאַנג צו די פירער פונעם קאַמף צו באַפרייען די נעגער פון שקלאַפעריי אין אַמעריקע. אין די אַלע אַנדערע „נעגער־לידער" האָט די טאַכטער פונעם יידישן פאָלק אַריינגעאָטעמט האַרציקייט, נשמה־צאַפּל, שאַרפן פראָטעסט קעגן אַלע גרויזאַמקייטן, וואָס ווערן באַגאַנגען קעגן דעם נעגער־פאָלק ביי אונדז אין לאַנד.

— — — —

כ'האָב קיינמאָל ניט געוואוסט ווי מיד אַ מענטש קאָן זיין,
ווי שווער ס'איז אויסביטן אַ טאָג אויף דאַך און ברויט.

ניט ווי קיין „הרויסנדיקע" האָט שרה באַזונגען דעם אַרבעטער־קלאַס. די דערפאַרונג צו אַרבעטן אין אַ שאַפּ, די צווייטע אין איר לעבן, איז געקומען אין לאָס־אַנדזשעלעס, ווען איר געזונט איז געווען אָפּגעשוואַכט און ווען איר „זיבעציקער" האָט שוין געקלאַפּט אין טיר. דער גערויש פון די ניי־מאַשינען, דאָס קלאַפּעריי פון די פּרעס־מאַשינען, דער גאַנצער הו־האַ מיט דער

יאַגעניש אין דעם שאָפּ האָט שטאַרק געווירקט אויף שרהן. אין אַ געדריקטער שטימונג זינגט זי אין איר ליד:

כ׳האָב היינט מיליאָנען שטעך און שטעכעלעך געגעבן...
פאַרנייט האָב איך אין אייביקייט אַ טאָג פון מיין לעבן.

אַהיים קומט שרה אַן אויסגעשעפּטע „מיט שווערן קאָפּ און פאַרטעמפּטע גלידער". צוזאַמען מיט דעם נעמט זי אויך אַהיים „עקשנות און אויסדויער".

שרה, די פּאָליטיש-באַוואוסטזיניקע, פאַרגעשריטענע דיכטערין, האָט געפּאָדערט גערעכטיקייט פאַר פּאָליטישע קרבנות, באַשעפטיקונג פאַר „הונגעריקע הענט", גלייכבארעכטיקונג פאַר בירגער, אַן אויסנאַם פון ראַסע און הויט-קאָליר, אויסוואָרצלען ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם, און אַ סוף צו „פּרעכער נויט". ניט נאָר מיטן שאַרף-דיכטערישן וואָרט אַליין האָט שרה באַקעמפּט די סאָציאַלע איבלען. זי איז אויך געווען אַן אָרגאַניזאַטאָרין פון פּראָטעסט-דעמאָנסטראַציעס, ביי וועלכע זי איז אַלס רעדנערין אַרויסגעטראָטן קעגן די שעדלעכע מעשים פון דער פינצטערער רעאַקציע מיט אירע באַדינער.

— — — —

שרה האָט געשאַפן פאַר גרויס און קליין. אין איר ליד „טריט נאָך טריט" זינגט שרה פאַר דערוואַקסענע אַזוי גוט ווי פאַר קינדער:

אויף אַ באַרג אַ הויכן
וואַרט אַ נייע וועלט
פּרעכטיקע פּלאַנצן
זיינען דאָרט צעשטעלט...
זי וואַרט געשמידט אין קייטן,
אויף מיר און אויף דיר
הינטער שווערע טויערן
הינטער גאָלדן טיר...
דאַרף מען האַק און זעגן
דאַרף מען שטיגן אויסהאַקן
צום באַרג.

— — — —

דער לויפנדיקער מאָמענט מיט זיינע געשעענישן, וואָס דאָס לעבן האָט אַרויסגערוקט איז געווען דער קוואַל, פון וועלכן שרה

האָט געשעפּט איר דיכטערישע אינספּיראַציע. צאָרן, צער, פרייד, גלויבן און רוף צום קאַמף, איז דער תמצית פון איר דיכטונג.

צעברויזט געגן דער נויט, פון וועלכער ס׳ליידן מיליאָנען מענטשן אין אונדזער לאַנד, אַמעריקע, דאָס רייכסטע אין דער וועלט, צאָרנט שרה געגן דער „פרעכער נויט" און זי וואָרנט:

כ׳וועל מיין אומרו־דינאַמיט
אויסשפּרייטן פאַר דיינע טריט...

אין צייט פון דער צווייטער וועלט מלחמה, ווען די וועלט איז געווען אין פלאַמען, האָבן אירע ביידע זין אָנטייל גענומען אין דעם בלוטיקן געראַנגל צו צוימען היטלער׳ן מיט זיינע מחבלים אומצוברענגען מיליאָנען מענטשן און אַנעקסירן לענדער. דאָס איינציקע, וואָס זי האָט פאַרלאַנגט איז געווען, אַז: „דו, מיין לאַנד, נעם אויף מיין טייערסטן פאַרמעג... אונטער דיין גרויסער השגחה... דו ווייסט זיי אַ מאַמע זיין... זיי באַזאָרגן און זיי באַשיצן..". אפילו, „ווען הערצער צאַפּלען זיך אין ווייטאַגדיקע קלעמען" און מאַמעס הארץ „איז ביז פּלאַצן אָנגעצויגן" האָט שרה געהאָפט, אַז קינדער וועלן קיינמאָל פון קיין קריג ניט וויסן, בלויז אין מעשה־ביכעלעך לייענען פון דעם".

אין איר ליד „אונדזער בראָך" פילט זיך איר טיפער צער פון די אומגעבראַכטע זעקס מיליאָן יידן. גלייכצייטיק זינגט שרה מיט בטחון:

„מיין פאָלק איז ווי אַ געפרעסטער שטאָל אַרויס פון יעדן קלעם... מיין פאָלק, וואָס האָט דער מענטשהייט זין פון אומדויער און אייניגקייט געגעבן, וועט נייע שפּראָצן אויפציען מיט טריפענדיק בלוט, מיט ניט־געוויינטע טרערן...".

יאָרן לאַנג האָט שרה געטרוימט צו איבערזעצן אַ טייל פון איר דיכטונג אין ענגליש. פאַרווירקלעכט איר טרוים האָט איר לעבנס־באַגלייטער מענדל יעלין. די 46 לידער, וואָס זיינען איבערזעצט אין ענגליש זיינען געדרוקט אינעם בוך „סאָנגס אָוו דייעס ענד ייערס" (געזאַנגען פון טעג און יאָרן). דער אַריינפיר צום בוך האָט געשריבן דער באַוואוסטער ליטעראַטור־קריטי־

קער, דזשאַן ה. האַוואַרד לאַוסאַן, וואָס האָט באַקרוינט שרה'ן מיטן נאָמען: „עי פּאָעט אָוו אַוור טאַים" (אַ דיכטער פון אונדזער צייט).

איך אני מאמין, — איר קרעדאָ, האָט שרה צאַרט און האַפּערדיק אויסגעזונגען אין איר ליד „לעב". דאָס ליד איז אַ מאַנדאַט ווי אַזוי דער מענטש זאָל זיין לעבנס-וועג דורכגיין. דער שטאַרקסטער אָנהאַלט און אין איר אינהאַלט, ווייזט אָן שרה, דאַרף זיין: „לעב... שאַף... גלויב... האָף!"

— — — —

מיט דער דערשיינונג פון איר יעדן נייעם בוך, האָט שרה אַרויסגעוויזן איר שטייגענדיקע סאָציאַל-געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע רייפקייט. זי האָט רעאַגירט מיט טיפן פאַרשטאַנד אויף יעדער וויכטיקער געשעעניש פון דער צייט.

מיט איר שעפערישן קינסטלערישן וואָרט, אין פּאָעזיע און פּראָזע, האָט זי אויסגעדיכטעט און אָפּגעשפּיגלט די טרוימען פון יידישע אַרבעטער און פאָלקס-מענטש.

שרה'ס ליטעראַרישע ווערק זיינען דער מאָנומענט, וואָס זי האָט ביי איר לעבן זיך געשטעלט.

יוסף ווייס

אין זיין ביאָגראַפישן בוך „אין לויף פון יאָרן", דערציילט יוסף וויים פון זיין לעבנסגאַנג און שעפערישקייט.

ער באַשרייבט די סביבה אין וואַרשע. וואו ער איז דערצויגן געוואָרן, זיינע וואַנדערונגען, זיין פּאַך ווי אַ שניידער און פון זיין שעפערישקייט אויפן ליטעראַרישן געביט. אין דער יידישער ליטעראַטור, דערציילט יוסף וויים, איז ער אַריינגעטראָטן מיט ווינציק בילדונג. זיין שטייגן באַרג אַרויף איז דער רעזולטאַט פון אַנטוויקלען זיין שרייבער-טאַלאַנט.

די דערציילונגען פון יוסף וויים שפּיגלען אָפּ פּאַסירונגען פון שאַפּ; פון מענטשן, וואָס זיצן אויף די בענק אין פּאַרק און באַטראַכטן דעם „שטייגער העולם", און פון יענע, וועלכע ער באַגעגנט ביי אַ יוניאָן מיטינג, אָדער ביי אַ פאַרזאַמלונג פון אַ

קולטור־געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, וואו ער איז אָנגעשלאָסן אַלס מיטגליד.

אַרבעטער־קאַמפּן פאַר ברויט און קולטור, פאַר איבערבויען דאָס לעבן אויף נייע געזונטע סאָציאַלע יסודות, איז די טעמאַטיק אין ווייס׳ס דערציילונגען.

זיין שרייב־מאַניר איז פּשוט און זיין שפּראַך איז פאָלקסטימלעך.

די מענטשן, וועלכע ווייס שילדערט אין זיינע ווערק זיינען ניט קיין פיקטיווע. מיר קענען זיי. אויך די סביבה, אין וועלכער זיי באַוועגן זיך איז אונדז ניט פרעמד. ס׳איז די סביבה פון נויט און פון געראַנגל פאַרן לעבן. אין אָט דער וועלט מיט אירע קאָמפּליצירטע סאָציאַלע פּראָבלעמען באַקומען די מענטשן אין ווייסעס דערציילונגען אַ דערהויבונג אַדאַנק זייער טיף־מענטשלעכער באַציאונג צו אַנדערע מענטשן.

אַז פריינטשאַפט איז אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין מענטש־צו־מענטש באַציאונג באַשטעטיקט יוסף ווייס אין זיין דערציילונג „אַ געבוירנטאָג״.

ער דערציילט, אַז מאַרטאַ, אַ שאַפּ אַרבעטערין האָט באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד. פּיטער, מיט וועמען זי האָט געהאַט חתונה האָבן, איז אומגעקומען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. זי פילט, אַז איר לעבן איז פּוסט. זי ווערט פאַרפאַלגט פון טיפער בענקשאַפט. די איינציקע לייזונג זעט זי אין מאַכן אַ סוף צו איר פאַראומערטן לעבן. די גאַז־רער, וואָס זי האָט אויפגעדרייט שעפּטשעט אין אירע אויערן אַריין: „שרעק זיך ניט... שלאָף איין... דאָרטן, אויף יענער וועלט, וואַרט אויף דיר פּיטער, דיין געליבטער: „ער איז אין שלאַכט געפאַלן און ער האָט דיין האַרץ מיטגענומען״. מאַרטאַ ווייסט, אַז אָן אַ האַרץ קאָן קיין מענטש ניט לעבן. זי ליגט אויפן בעט און אָטעמט אַריין די טויטלעכע גאַזן. אין איר דמיון שטעלט זי זיך פאָר, אַז זי איז שוין טויט. זי פילט, ווי מ׳לאָזט שוין אַראָפּ איר טויטן קערפּער אין דער גרוב. אַ שוידער איז איבער איר גאַנצן קערפּער דורכגעלאָפן. זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און פאַרשלאָסן די גאַז־רער. זי האָט אָפּגעלייגט אויף מאָרגן באַגיין זעלבסטמאָרד, ווען ס׳פאַלט אוים איר געבוירנטאָג. אויסגעמאַטערט און אוים־

געשעפּט פֿון די באַנאַכטיקע שווידערלעכע איבערלעבונגען, איז מאַרטאַ אויף מאָרגן געזעסן ביי דער אַרבעט און זי האָט איר מיטאַרבעטערין, דער שכנה דערציילט בסוד, אַז היינט איז איר געבוירנטאָג.

דער „סוד" איז פֿונאַנדערגעטראָגן געוואָרן צווישן אַלע שאַפּ־אַרבעטער. מיטאָג־צייט האָבן זיי אומדערוואַרט פֿאַר מאַרטאַן אַרומגערינגלט זי און איר געזונגען „עי העפּי בוירטדעי". זיי האָבן זיך געפֿרייט מיט איר, ווי מיט אַן אייגענער שוועסטער. די פֿריינטשאַפֿט פֿון די שאַפּ־אַרבעטער האָט מאַרטאַן איבערצייגט, אַז זי איז ניט אַליין אין דער וועלט. איר באַוואוסטזיין האָט איר דיקטירט, אַז די אַלע, וואָס האָבן זיך היינט געפֿרייט מיט איר, אַזוי גוט ווי די צענדליקער טויזנטער מענטשן, וועלכע זי באַגעגנט אין גאַס, לעבן אויך איבער שווערע מאָמענטן; פֿונדעסטוועגן באַשליסן זיי ניט צו מאַכן אַ סוף צום לעבן. אין מאַרטאַס געמיט איז פֿאָרגעקומען אַ שאַרפֿע ענדערונג.

— מאַרטאַ — דערציילט דער מחבר ווייס — האָט נאָך אַלץ ניט באַגריפֿן, וואָס ס'האָט באמת פּאַסירט מיט איר אין עטלעכע געציילטע מינוטן. טיף האָט זי געפֿילט, אַז „די פֿאַרגעסענע פֿרייד כאַפּט זיך ווידער אויף".

אָט־די דערציילונג איז טיף־מענטשלעך. ס'איז אַ בילד פֿון שאַפּ־לעבן, אָנגעלאָדן מיט דראַמאַטישקייט. דער שרייבער דרינגט־אַריין אין די אינערלעכע עמאָציעס פֿון אַ מענטשן, וואָס ראַנגלט זיך אין אַ מאָמענט פֿון פֿאַרצווייפֿלונג, — אין אַ מאָמענט ווען אַ מענטש שטייט פֿאַרן נסיון צו מאַכן דעם אויסוואַל צווישן לעבן און טויט. און ס'איז צו פֿאַרדאַנקען דער אויפֿריכטיקער פֿריינטשאַפֿט פֿון מיטמענטשן, וואָס באַפֿאַנצערט דעם פֿאַרצווייפֿלטן מיט גייסטיקער גבורה צו באַקעמפֿן אַלע שטרויכלונגען.

די דערציילונג „אַ געבוירנטאָג" איז איינע פֿון 26, וואָס ווייס האָט איינגעשלאָסן אין זיין בוך „זון און וואָלקנס". שוין דער נאָמען אַליין פֿון דעם בוך איז אַן אָנדייטונג, אַז די סיטואַציעס אין די דערציילונגען שפּיגלען־אָפּ זוניקע פֿרייד אָדער

פאַרוואָלקנטע געשעעענישן אינעם לעבן פון די מענטשן, וועלכע ווײַזט פירט אַרױס.

— — — —

די דערציילונג „קינדער" איז אַ שאַרפער פראָטעסט קעגן דער „פּראַיוועט ענטער־פּראַיז" סיסטעם מיט איר געלטגייציקייט.

ווײַזט שילדערט טאַטע־מאַמע, וואָס זיינען געבענטשט מיט קינדערלעך. שלעפּט זיך די פאַמיליע אין אַן אַלטן אויטאָמאָביל איבער די גאַסן פון שטאָט צו געפינען אַ וואוינונג. די אייגנטימער פון די הייזער ווילן ניט אַריינלאָזן פאַמיליעס מיט קינדער אין אַ וואוינונג. זיי זאָגן, אַז קינדער זיינען אַ קללה פאַר אַ הויז, אַז זיי זיינען נאָר פייאיק צו ברעכן, צעשטערן און באַשמוצן.

אַנטוישט פון לאַנג אַרומשלעפּן זיך, באַזוכט דער פאָטער אַ שענק, וואו ער כאַפּט אַן „איבעריקן" טרונק. פאַרטשאַדעטער פונעם שטאַרקן געטראַנק, פאַסירט מיט אים אַן אומגליק ביים טרייבן דעם אויטאָמאָביל. ער ווערט אָפּערירט אין אַ שפּיטאָל. בעת ער איז נאָך אונטערן עפעקט פונעם „שלאָף—געטראַנק". ווייזט זיך אים אוים, אַז ביי די קינדער זיינען אויסגעוואַקסן פליגל און זיי שוועבן אַלץ העכער און העכער. ער הערט, ווי די קינדער שרייען צו אים: „טאַטע, קום צו אונדז. אין הימל זיינען דאָ אַ סך שיינע וואוינונגען און מ'לאָזט אויך אַריין מיט קינדער". פון די קינדערס ווענדונג צום טאַטן טראָגט זיך אַ שאַרפער פראָטעסט קעגן די געלט־זעק, וואָס בויען צענדליקער טויזנטער נייע הייזער ניט פאַר אָרעמע מענטשן.

— — — —

אין די גאַסן, געסלעך און הינטערגעסלעך, וואו די אָרעמע מענטשן וואוינען, איז אַרבעטלאָזיקייט, נויט און הונגער דער פאַקטאָר, וואָס שטויסט איינעם צו באַגיין אַ פאַרברעכן. דאָס איז דער מאָטיוו אין יוסף ווײַז'ס דערציילונג: „אַ פלאָנטער". דער אַרבעטלאָזער, דזשערי, איז אין שרעקלעכע אַנגסטן. שוין עטלעכע טעג, אַז דער הונגער מאַטערט אים. ער וואַלגערט זיך אין אַ פּאַרק אויף אַ באַנק. די קעלט שניידט ווי מיט מעסערס זיין קערפּער. געטריבן פון הונגער און קעלט לאָזט זיך דזשערי איבער די גאַסן צו בעטלען נדבות. די פאַרבייגייער איילן זיך

גייען אהיים, וואו ס'איז ליכטיק,ווארעם, לויפן זיי פארביי דזשערין און זיי צאָלן אים ניט קיין אויפמערקזאַמקייט.

מיטאמאָל האָט דזשערי דערזען פון וואַנען ער וועט ווערן געהאָלפן. פונעם אָפענעם אויטאָמאָביל, וואָס איז געשטאַנען ביים ראַנד פונעם טראָטואַר, גנבעט ער אַרויס צוויי פּעקלעך, אין וועלכע ס'זיינען געווען איינגעפּאַקט אַ נייער ווארעמער אויבערמאַנטל און אַ נייער הוט.

דזשערי האָט זיך אויסגעפּוצט און זעצט פאָר בעטלען נדבות. דאָס שיין אויספּוצן זיך האָט אָבער ניט געשטילט זיינע הונגער-קראַמפּן. פאַרשטייט זיך, אַז דעם אויסגעפּוצטן דזשערין וועט קיינער קיין נדבה געבן. פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען דערפילט דזשערי, אַז עמיצער האָט אָנגעשטעלט אויף אים אַ רעוואָלווער מיט אַ באַפעל: „גיב אָפּ דיין געלט". דער באַפעל איז געקומען פון אַן אַרבעטלאָזן, הונגעריקן, ווי דזשערי אַליין איז. אינגיכן איז דער „פּלאַנטער" אויסגעפּלאָנטערט געוואָרן. דער באַשלוס איז געווען צו פאַרזעצן די גנבה אין אַ לאָמבאַרד און פאַרן געלט קויפן שפּייז צו שטילן דעם הונגער. אויפן וועג צום לאָמבאַרד זיינען ביידע אַרעסטירט געוואָרן. זיי וועלן באַשטראָפט ווערן פאַרן פאַרברעכן. דער ריכטער וועט זיך ניט רעכענען מיט די סיבות, וואָס האָבן געטריבן ביידע אַרבעט-לאָזע, הונגעריקע צו באַגיין דעם פאַרברעכן.

די דערציילונג „אין פּלאָנטער" איז טעמאַטיש אַ פאַרזעצונג פון דער סקיצע „כאַפּט אַ גנב", וואָס יוסף ווײַס שילדערט אין זיין בוך „אין לויף פון יאָרן". אין יענער סקיצע דערציילט ער, אַז ער איז אויפגעשוידערט געוואָרן פון די מערדערלעכע קלעפּ, וואָס מ'האָט דערלאַנגט דעם יונגן גנב אינעם הויף, וואו ער און זיינע עלטערן האָבן אין וואַרשע געוואוינט. ווײַס האָט געטראַכט, אַז יענער גנב שטאַמט פון אָרעמע עלטערן, וואו די נויט איז גרויס און דאָס האָט אים געצוואונגען צו גנבענען. דער לייטמאָטיוו אין ביידע דערציילונגען איז דער זעלבער. די אַנדערשקייט באַשטייט אין די געגנטן.

דורכגעדרונגען מיט סאָציאַל-באַוואוסטזיניקייט און מיט ציל-געוועגדקייט שילדערט ווײַס זיינע מענטשן, ווייסע, שוואַר-

צע, וואָס זיינען פאַרפלאָנטערט אינעם געדריי פון אַרבעטלאָזי־קייט, נויט און הונגער.

— — — —

ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש איז זיין דערציילונג „אָפּגע־ברענט". אָט־די דערציילונג האָט ער געשריבן, ווען מיליאָנען אַמעריקאַנער בירגער האָבן געקעמפט פאַר „מעדיקער". ווייס פירט אַרויס דעם שאַפּ אַרבעטער, אָשר, וואָס שפּאָרט אַ „דאָ־לער" פון זיינע פאַרדינסטן. ער און זיין פרוי שפּאָרן געלט פאַר דער צייט, ווען ס'וועט, חלילה, זיין אַ נויט, אָדער גאָר פאַר דער עלטער, ווען ס'איז שוין קיין כוח ניטאָ צו אַרבעטן. ווען דאָס „רייכטום" האָט שוין באַטראָפן זעקס טויזנט אָפּגעשפּאָרטע דאָלאַרן האָט אשר און זיין פרוי אָנגעהויבן פּלאַנירן, וואָס זיי זאָלן אונטערנעמען מיט אַזוי פיל געלט.

נאָך לאַנגע שמועסן באַשליסן זיי באַזוכן זייער אַלטע היים אויף יענער זייט ים. פּלוצלונג האָבן די אַלע חלומות אָנגעהויבן אויסרינען. אשר ווערט קראַנק, מאַכט דורך אַן אָפּעראַציע און דאָס ביסל אָפּגעשפּאָרטע געלט ווערט פאַנאַנדערגעטיילט צווישן דעם שפּיטאָל, די דאָקטוירים, לאַבאַראַטאָריעס און „דראָג סטאָרס".

אַלץ איז ווי מיט רויך אַוועק. „אָפּגעברענט", האָט אשר אַ צעווייטיקטער אַ זאָג געטאָן, ווען ער איז אַהיים געקומען פון שפּיטאָל. מרה שחורה־געדאַנקען האָבן אָשרן באַהערשט. מיטאַמאָל האָט ער דערפילט, אַז די כלומרשטע זיכערקייט, אויף וועלכער ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט, איז צוזאַמענגעבראָכן, און אַז אַלע זיינע זיסע חלומות זיינען צערונען געוואָרן.

— — — —

אין דער דערציילונג „אויפגעגעבן" שילדערט ווייס אַ מענטשן, וועמען דער דאָקטאָר זאָגט, אַז זיינע לעבנסטעג זיינען געציילטע. אַ מוראָדיקע ווירקונג האָט דעם דאָקטאָרס דיאַגנאָז אָנגעוואָרפן אויף זיין פּאַציענט פּייוול.

די שרעק, אַז ער, פּייוול, וועט אינגיכן שטאַרבן פאַרפאָלגט אים אויף יעדן שריט. מיט לאַנגזאַמע טריט און אַ געבויגענעם קאָפּ שפּאַצירט פּייוול איבער די גאַסן. ער זעט זיך, ווי ער גייט צו זיין אייגענער לוויה. אַלץ אַרום אינטערעסירט אים שוין מער

ניט. קינסטלעריש שילדערט וויים פּייוולס געדריקטע שטימונג, נאָך דעם ווי ער פאַרלאָזט דעם דאָקטאָרס אָפיס. אין יעדער דער־שיינונג האָט פּייוול געזען, ווי דער טויט פאַרפאָלגט אים און פאַרמעסט זיך אויף אים. די פאַרבייפאָרנדיקע לויה האָט אים געמאַכט צו פילן, אַז גאָר אינגיכן וועט ער אַליין ליגן אינעם טויטן־קאַסטן. דאָס טרויעריקע געזאַנג פונעם חזן, וואָס האָט געוואוינט אין דער צווייטער דירה, האָט אויף אים שרעקלעך געווירקט. אין אָט דעם געזאַנג האָט זיך צו זיינע אויערן דער־טראָגן דאָס געוויין פון זיין פרוי און קינדער, וועלכע באַגלייטן אים אַרויס צו זיין אייביקער רו.

אומדערוואַרט האָט פּאַר פּייוולען אויפגעבליצט אַ שטראַל פון האָפענונג. פּאַסירט האָט דאָס ביי אַ באַגעגעניש מיט אַ שאָפּ־מיטאַרבעטער. פונעם געשפּרעך מיטן באַקענטן האָט זיך פּייוול דערוואוסט, אַז זיין געוועזענער, נאָך־גאָר־יונגער באַלע־באָס, איז פּלוצלינג געשטאָרבן. דער פריינט האָט אים דער־ציילט, אַז ניט די דערפאַרענע פּראָפעסאָרן, וואָס האָבן אויפ־געפּאַסט אויפן באַלעבאָס, און ניט דאָס געלט, האָבן געקאָנט ראַטעווען דעם באַלעבאָס פונעם טויט. אויפן וועג אַהיים האָט פּייוול געטראַכט, אַז לעבנס־צייט קאָן מען אפילו פאַר געלט ניט איינהאַנדלען. דאָס מיינט, אַז שטאַרבן איז אַ פּראָצעס, וואָס קיינער קאָן ניט אויסמיידן.

אַדאַנק דער געענדערטער שטימונג, וואָס איז אין פּייוולס געמיט פאָרגעקומען, באַשליסט ער צו דערציילן זיין ווייב די איבערלעבונגען, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, נאָך דעם ווי דער דאָקטאָר האָט אים „אויפגעגעבן".

צעשראָקן און אויפגערעגט טעלעפאָנירט פּייוולס ווייב דעם דאָקטאָר אים „אויסלאָזן" איר ביטער האַרץ פאַר אָנוואַרפן אַ טויט־שרעק אויף איר מאַן. אַ פאַרטעמפּטע בלייבט זי זיצן מיטן טעלעפאָן־טרייבל אין איר האַנט, ווען מ'זאָגט איר, אַז זי קאָן ניט רעדן צום דאָקטאָר: **דער דאָקטאָר איז טויט.**

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער מחבר האָט זיך ניט באַ־דאַרפט „אָפּרעכענען" מיטן דאָקטאָר, מינימיזירט דאָס אָבער ניט דעם פאַקט, אַז ער „ספּראַוועט" זיך זייער גוט מיטן עצם־

מאָטיוו פון דער דערציילונג: צי דאַרף אַ דאָקטאָר אויסזאָגן דעם פּאַציענט, אַז זיינע טעג זיינען געציילטע?

צו ענטפערן אויף דער פראַגע פאַרלאָזט זיך וויים אויף דער אויפנאַמספּייאַיקייט פון די לייענער. ער זוכט ניט צו באַאיינפלוסן דעם לייענער דורך זיין אייגענער מיינונג. זיין אויפגאַבע איז צו אָפּבילדן אַזאַ איינעם, ווי פּייוול, און קלאָר אַרויסברענגען דעם צושטאַנד און די איבערלעבונגען פון אַט־דעם מענטשן אינעם געגעבענעם פאַל.

— — — —

וויים׳עס דערציילונגען שפּיגלען אָפּ געשיכטלעכע מאָמענטן, וואָס האָבן געענדערט אונדזער לעבנסשטייגער. ער איז נאָך שעפעריש פּראָדוקטיוו. ער שולדערט אָפּ דעם נעכטן און דעם היינט אין אונדזער היימלאַנד אַמעריקע, און אויף יענער זייט ים. ער מאָלט סאָציאַלע סביבות, דאָס פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע פונעם לעבנסשטייגער, די געראַנגלען פונעם אַרבעטער, פונעם פּאָלקס מענטש, פונעם אָרעמאַן, דעם נויטבאַדערפטיקן און פונעם געקריוודעטן און באַ׳עוולטן. יוסף איז כל ימיו אַן האָרעפּאַשניק.

זיין אָרט איז צווישן די פּאַרדינסטפולע שרייבער, וואָס האָבן באַרייכערט אונדזער פּראָגרעסיווע ליטעראַטור אויף דער יידישער שפּראַך אין אַמעריקע.

חיים שוואַרץ

דער באַוואוסטער דיכטער חיים שוואַרץ שאַפט לידער און פּאָעמעס אין משך פון ניין־און־פערציק יאָר. זיינע פּאָעטישע ווערק זיינען איינגעזאַמלט אין אַ צאָל ביכער און זיי דערשיינען אויך אין צייטונגען און אין ליטעראַרישע זשורנאַלן, וואָס זיינען שטאַרק מקפּיד אויף דער לירישקייט פון דער ליד און אויף דער ריינקייט פון דער יידישער שפּראַך.

אַדאַנק דער ריטמישקייט און דער מעלאָדישקייט פון חיים׳ס דיכטונג זיינען אַ גרויסע צאָל פון זיינע לידער איינגעשלאָסן אינעם מוזיקאַלישן רעפּערטואַר פון די כאָרן איבערן לאַנד.

חיים שאַפט ניט בלויז צוליב דיכטונג. זיינע לידער זיינען סאָציאַל און באַוואוסטזיניק. זיי זיינען אָנגעלאָדן מיט מאָטיוון פון אינהאַלט און געדאַנק און אַ בילדלעכקייט, וואָס שפּיגלט אָפּ די געשעענישן און די פּראָבלעמען פון דעם לויפנדיקן מאָמענט. **חיים איז אַ דיכטער פון אונדזער צייט!**

באַטש די לידער אין חיים׳ס ערשטלינג „ערשטע בליט״ זיינען דעקלאַמאַטאָריש, שפּירט זיך שוין אין זיי סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע אימפּולסן, וואָס האָבן געלייגט זייער שטעמפּל אויפן ווייטערדיקן גאַנג פון זיין דיכטערישער שעפערישקייט.

דער דיכטער חיים שוואַרץ באַנעמט מיט ערנסטקייט און פאַרשטאַנד וועלט־און־פאָלק פּראָבלעמען. ער באַזיניקט און באַזינגט זייער באַדייט אין אַ ליד, אָדער פּאָעמע, וואָס ער טראָגט אויס ביז רייפקייט.

חיים׳ס אָנגעהעריקייט איז דער אַרבעטער־קלאַס, צו וועלכן ער באַלאַנגט סיי לויט זיין פאַך אַלס טאַפּעציער (פּעיפּער־הענגער) און סיי לויט זיינע אידעאָלאָגישע, פּרינציפּיעלע איינשטעלונגען. אין זיין ליד **„כ׳צייל שוין מער ניט״** ברענגט חיים אַרויס דעם אינערלעכן קאָנפליקט, וואָס קומט פאָר צווישן חיימען, דעם פּעיפּער־הענגער און חיימען דעם דיכטער, ווען ער **„טאַנצט אַרויף און אַראָפּ״** די טרעפּ פונעם רוקלייטער ביים באַצירן מיט שפּאַליר אַ צימער. פון אָט דער קאָנפליקט זינגט חיים:

כ׳באַקלייד פּאַפּיר מיט בלומען, מיט קוויטן
און צעהענג זיי אויף די ווענט,
ווערט אין האַרצן ענג ביז ווייטאָק,
ווערט אין האַרץ אַ ליד פאַרברענט.

חיים׳ס לידער זיינען אָנגעהויכט מיט בטחון, גלויבן, צאָרן קעגן אומרעכט, קאַמפלוסטיקייט און אָפּטעמיסטישער וויזיע פאַרן ליכטיקן מאָרגן.

אַז אָט די איינשטעלונגען זאָלן אָנהויבן זיין געזאַנג דריקט חיים אויס אין זיין תפילה־ליד, „אַ געבעט״. ער זינגט:

אָ, האַלט מיינע אויגן ברייט אָפן
צו אַלץ, וואָס געשעט אַרום מיר,

כ׳זאָל קאָנען דעם צער און דאָס האָפן
צעשמעלצן אין גאָלד אין מיין שיר.

חיים׳ס געזאַנג איז אַמאָל ליריש-צאַרט, אַמאָל נשמה-ציטער-דיק און אַמאָל צאַפּלדיק אומרואיק. זיין יידיש לשון איז ריין און לויטער. זיין פאַרהערלעכן די יידישע שפּראַך דריקט חיים אויס אין זיין פּאָעמע „יידיש לשון מיינס״. ער זינגט:

עס שוועבט פאַרליבט מיין נייגעריקער בליק
און צערטלט די פירקאַנטיקע געשטאַלטן . . .
עס דיינען, לשון מיינס די וואָרצלען דיינע
טיף אין ערדן איינגעאַנקערט
און איבער גרעניצן דיין בלוט־זאַפט
טריפט אויף ליפּן דאָרשטיקע, ווי אויף היימישע געטראַנקען.

חיים, דער געטרייער זון פון אונדזער פילגעליטענעם יידישן פאָלק האָט טיף באַנומען דעם צער און פּיין פונעם וויעטנאַמער פאָלק, פון וועמען וואַשינגטאָן האָט אין די צענדליקער טויזנטער אומגעבראַכט. אין זיין סאַטירישן ליד „בען טרע״, דאָס וויעט-נאַמער שטעטל, וואָס דער וואַשינגטאָנער מחבל האָט אָפּגע-ווישט אונטערן אויסרייד צו ראַטעווען דאָס פונעם אַזוי גערו-פענעם שונא, שרייט חיים אויס:

בען טרע, פייער דיין באַפרייאונג,
יובל איבער דיינע חורבות!
דאַנק די הענט,
וואָס האָבן דיינע דעכלעך און ווענטלעך,
דיינע כאַטקעלעך און געסעלעך מיט דינאַמיט
באַרעגנט און פאַרברענט.

טראָגט זיך דער דיכטער חיים אויף די פליגל פון ייד-און-מענטש טרוימען און פון וויזיעס וועגן פעלקער-פאַרברידערונג, נאָך לעבנספרייד און מיט בענקשאַפט נאָך אייביקן שלום אויף דער וועלט, אין וועלכער די אַספּיראַציעס פון אַ געזיכערט לעבן פאַר אונדזער יידיש פאָלק וועלן פאַרווירקלעכט ווערן. די ליידנ-שאַפטלעכע בענקשאַפט פון די מענטשן פאַר שלום באַזינגט חיים אין זיין ליד: „שלום טויב״.

פון די דזשאַנגלס וויעטנאַמער, ביז די בערג־שפּיצן
פון ציון

בלאָנדזשן שלום־טויבן
ס׳גלוסט זיך (זיי) נידערן אויף אָפּרו
צווישן אויפגעגרינטע צווייגן
שרייט די שרעק מיט שאַרפע קולות
פון צעשטעלטע פייגל־שטייגן.

חיים גלויבט אינם כוח פון די פעלקער, אַז זיי וועלן פאַר־טרייבן די שונאים פון שלום. רופט ער די פעלקער פון פרידן צו שפּאַנען מוטיק פאָראויס צום אויסגעבענקטן טאָג פון שלום אין זיין ליד „אין שיין פון באַגינען״:

הויב זיך אויף און טו אַ פלאַטער
איבער אַלע וואַלקנס העכער;
אויב דער וועג איז ניט קיין גלאַטער,
מיט געדולד פיל אָן דעם בעכער:
פיל איט און ליידיק אים אויס!
פליגל דיינע ברייט צעפּאַכע!
קומט אַ צווייפל אָן, פאַרשטויס אים,
גלעט אַ ווינטל, מאַך אַ ברוכה!...

עמאַציאָנעלע לידער האָט חיים געשאַפן אין אַ מאָמענט פון פּערזענלעכע איבערלעבונגען. די מעלה פון אַזעלכע לידער איז, וואָס ער וועבט ניט אַריין דאָס פּערזענלעכע. אַזאַ ליד איז „דער פרעמד־געבאָרענער״, דריקט אויס די שטימונג פון אַ סך, וואָס זיינען פאַרפאָלגט געוואָרן פונעם שענדלעכן „מעקאַרטי אַקט״. חיים ווענדט זיך צו די פאַרפאָלגטע פרעמד־געבאָרענע, און וואָרנט זיי:

קיינער זאָל ניט אַראָפּשלאָגן פון וועג זיין גלויביק האַרץ,
ביז ס׳וועט די זון אַ פלייץ טאָן פון טאָל
און וועט איבערשמעלצן ווענט און קייטן...

די מכשפה־יעגער האָבן חיים׳ס ליבשאַפט און געטריישאַפט צו אונדזער און זיין היימלאַנד, אַמעריקע, ניט אָפּגעטעמפּט. זיין געטריישאַפט צו אַמעריקע באַזינגט חיים אין זיין ליד „מיין היים אין מיין לאַנד״, וואָס האָט: „אויף תמיד מיין האַרץ מיט מיין היים באַהעפט״. אַ פאַרפאָלגטער איז חיים ניט געלאָפן „ווי ס׳לויפט אַ בלעטל אַ פאַרדאַרטס״. ער איז געוועזן און איז גע־בליבן איבערצייגט, אַז אינעם לאַנד פון פרייע און בראַווע „וועט

די זון אויפגיין אויפן הימלשן ראַנד... און וועט פאַרפלייצן יעדן טאָל פון לאַנד".

פעסט איז חיימ'ס גלויבן, אַז די ליכט פונעם טאָג וועט די פינצטערניש פון דער נאַכט פאַרטרייבן. אַ געקרעפטיקטער זינגט ער:

רייס אַרונטער דעם פאַרהאַנג!
די זון ניט פאַרשעם!
זאָלן קיינע שאָטנס ניט שטערן מיין גאַנג,
ווייל דאָ איז מיין היים און דאָ איז מיין לאַנד!

דורכגעדרונגען מיט ליבשאַפט צו מענטשן און מיט ערנסטער זאָרג פאַרן גורל פון אונדזער יידיש פאָלק, איז דער דיכטער שטאַרק אַלאַרמירט פונעם שטייגנדיקן נאַציזם אין מערב־דייטשלאַנד. שאַלט ער זיין אַלאַרם־רוף צו דער מענטשהייט פון דער וועלט אין זיין ליד „די טרער פון טרעבלינקע". אַ קרבן פון נאַצישער אכזירות פרעגט פון זיין צעפּראַלטן קבר ביים דיכטער, חיים שוואַרץ:

פאַרוואָס איז דער מערדער
וואָס גרייט זיך ווידער אויף שריפות און תליות
נאָך אַלץ ניט פאַרבאָטן?
ווען וועט די שטראָף קומען?
שטראָפן וועט ווער?

אויפגעשוידערט פון די גרויליקע אַקטן, וואָס דער נאַצישער מערדער איז באַגאַנגען קעגן צענדליקער מיליאָנען מענטשן, זעקס מיליאָנען פון אונדזערע יידישע שוועסטער און ברידער אַריינגערעכנט, צאָרנט דער דיכטער קעגן דער אַזוי־גערופענער „פרייער וועלט", דער עיקר קעגן וואַשינגטאָן, וואָס העלפט די הערשער פון מערב־דייטשלאַנד זיך ווידערבאַוואָפענען.

אַ צעברויזטער שרייט ער אויס: „שטעקט ניט קיין מעסער אין האַנט אים אַריין". ער וואָרנט, אַז אין אַ צייט ווען:

די וועלט איז אין פלאַמען,
שטייען אין קאָן די פרילינגס פון קומענדע יאָרן!

אָנגעלאָדן מיט עפּישער געשיכטלעכקייט איז חיימ'ס „מיין

פאָלק" — מיט וועמען ער וואַנדערט־אַרום, אָנהויבנדיק „פון חומשדיקן בראשית איבער לענדער". ער „וואַגלט־מיט מיטן פאָלק/אויף גרויסן בלוט־דורכגעווייקטן קיילעך...".

דער דיכטער טראָגט זיך אויף די פליגל פון זיין פאָעטישן כוח־הדמיון איבער דער 4000־יאָריקער יידישער געשיכטע און ער ווינטשט זיך, אַז די מוזע זאָל אים באַזיניקן:

ווי צו זינגען שירה צו מיין פאָלק
פאַר דער גבורה פון דיינע זין אויף אַלע שלאַכט־פעלדער,
פאַר דער באחרית הימים־טרייהייט ביזן טויט געשוואָרן;
דו ביסט צום ירדן־ברעג דערגאַנגען
און מיטגעבראַכט אַ שפע פון געזאַנגען,
אַז ס'זאָל די אָנגעטרונקענע ערד פון אַלע שווייסן
געווירקט און געהייליקט ווערן מיטן נאָמען ישראל!

אין דער קרעפטיקער פּאָעמע „ביים ברעג פון מיסיסיפּי" דיכטעט חיים פון „פרעמדער פוס, (וואָס) האָט די ברעגן פון מיסיסיפּי באַטראָטן... אוצרות קוואַלן פאַרשן". אַזוי שנעל ווי דער פרעמדער האָט די מיסיסיפּי־ברעגן באַטראָטן, האָט זיך וואָרט צווישן אינדיאַנער פאַרנאַנדערגעטראָגן, אַז „ווייסהויטיקער באַהערשט דעם טויט... מיט אים איז אייביקייט פאַראַן"...

ניט געשטילט האָט פרעמדער זיין דאָרשט נאָך גאָלד און רייכטום מיטן בלוט פונעם אינדיאַנער אַליין. דער ווייסהויטיקער, צאָרנט דער דיכטער, האָט:

פון לענדער ווייטע איבערן ים
פון שטרעקעס הייסע אַפריקאַנער
די זין פון שוואַרצן שטאַם
געבראַכט אין קייטן־קלאַמער
און זיין שטומען ווי אויף גאָלד און רענדלעך אויסגעביטן...

ווענדט זיך דער דיכטער אין זיין ליד „מיין נעגער־ברודער":

זאָל זיין אַז אַנדערש זיינען די קאָלירן
וואָס שפּילן פריי אונדז אין די הויטן,
נאָר וויטיקן די זעלבע מיר דערשפירן
ווען ס'טוט אַ שפּריץ דאָס בלוט דאָס רויטע.

אין זיין קרעפטיקער ליד „וואו ביסטו נביא?", צאָרנט ער

קעגן די סוחרים פון טויט, וואָס פריידיקן, אַז שלום אויף דער וועלט הענגט אָפּ פון דער צאָל אַטאָמישע באָמבעס, וואָס אַ לאַנד פאַרמאָגט, — דאָס געווער, וואָס קאָן חרוב מאַכן לענדער, אומברענגען די מענטשן און אַלץ, וואָס לעבט און באַוועגט זיך אָף דער ערד, אין דער לופט און אין וואַסער. צו פאַרמיידן אָט די סכנה ווענדט זיך דער דיכטער חיים צום סאָציאַלן נביא פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט „פון שייטער, פון תליה, פון לייבן־גרוב און פון שניידינדיקע קייטן" געפאָדערט, אַז שלום, יושר און פריינטשאַפט צווישן פעלקער זאָל אויף דער וועלט הערשן. ער רופט אים:

קום, שאל אויס דיין צאָרן איבער געקרוינטע קעפּ
אַז גליוועה זאָל האַנט פון טויזנטפאַכיקן פאַרברעך,
ווי ס׳גליוועה טרערן איבער קברים באַווייִנטע
און שרייען צו אונדז איבער ימים אין שווייגנדיקע נעכט.

דער נביא איז ניט געקומען און האָט אויך ניט געענטפערט אויפן רוף, ווענדט זיך חיים צום פאָלק און ער זאָגט:

זיי דו דער נביא און פּראָפעט!
ס׳האָט די צייט אַליין דיך אויסגעקליבן
צו שטעלן זיך אויף דער וואָך איבער די שטעט!

— — — —

אין זיינע דיכטערישע ווערק באַזינגט חיים היסטאָרישע מאָמענטן. דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין זיין ליד „דער לאַמטערן". ס׳איז געווען די צייט פון דער רעוואָלוציע צו באַפרייען די היינטיקע אַמעריקע פונעם בריטישן קאָלאָניאַליזם. אין אַ שלאַכט, וואָס איז אָנגעגאַנגען אַרום באָסטאָן, איז אויפן שפּיץ פון אַ קירכע־טורעם געהאָנגען אַ לאַמטערן צו געבן סיגנאַלן צו די רעוואָלוציאָנערע קעמפער. דער לאַמטערן הענגט נאָך היינט, נאָר דאָס ליכט איז אויסגעלאָשן. רופט דער דיכטער:

צינד ווידער אָן דעם לאַמטערן דעם פאַרלאָשענעם
און זאָל איבער דיינע שטעט, אויף הפקר ווינט פאַרלאָזענע
אַרויסשיקן סיגנאַלן.

חיים ווענדט זיך צו „די זין און טעכטער, די פאַרשלאָפענע... אָנצינדן דעם, לאַמטערן, דעם צעווייהונדערט יעריקן...

מיט אויפֿשאַל פֿון טרוימען... (כּדי דער) טויזנט מאָל פֿאַר גוואַלדיקטער יושר... זאָל באַקרוינען דיינע ליכטיקע נבֿי־אות...".

חיים'ס קרעפֿטיקע ליד איז אַ רוף צו אַלע פֿרייהייט־ליבנ־דיקע אַמעריקאַנער בירגער צו מאָביליזירן זיך קעגן די רעאַק־ציאָנערע כּוחות פֿון לאַנד, וואָס פּאַרמעסטן זיך צו אַנולירן די דעמאָקראַטישע פֿרייהייטן, וואָס די קאָנסטיטוציע און דער „ביל אָוו ראַיטס" גאַראַנטירט יעדן בירגער און ניט־בירגער פֿון אַמע־ריקע.

די הונדערטער לידער, וואָס חיים שאַפֿט אין משך פֿון 49 יאָר זיינען איינגעזאַמלט אין 5 ביכער, אין דער „מאָרגן פֿריי־הייט", אין דעם איקוף־זשורנאַל „יידישע קולטור" און אינעם ליטעראַרישן זשורנאַל „זאַמלונגען". חיים איבערזעצט מייסטער־האַפֿט לידער פֿון העברעאיש, רוסיש, שפּאַניש און ענגליש אין דער יידישער שפּראַך.

הומאַניזם און סאָציאַלער יושר, מיט וועלכע זיינע לידער זיינען אָנגעלאָדן שטאַמען פֿון זיין טיפֿער ליבע צום מענטש. זיינע נאַציאָנאַל־יידישע לידער זיינען דורכגעוועבט מיט גרוי־זאַמע איבערלעבונגען פֿון אונדזער פֿאָלק, מיט עקשנותדיקן קאַמף פֿאַר אונדזער קיום אַלס יידיש פֿאָלק און פֿאַרן המשך פֿון אונדזער נאַציאָנאַל־יידישער קולטור און מיט טיפֿער זאָרג פֿאַר אַ געזיכערטער מדינת ישראל אין אַ פֿרידלעכן מיטל מזרח.

די טעמאַטיק אין חיים'ס דיכטונג שפּיגלט אָפּ דעם נעכטן, דעם היינט און די אַספּיראַציעס פֿונעם מאָרגן. אינהאַלט, ציל־באַוואוסטזיניקייט און שליחות איז דער מאָטיוו אין זיינע דיכ־טערישע ווערק.

חיים שוואַרץ, דער דיכטער, איז נאָך אין סאַמע בלי פֿון זיין דיכטערישער שעפֿערישקייט.

יצחק אלחנן ראָנטש

(אַ פראַגמענט פון אַ גרעסערער אַרבעט)

אין דער ליטעראַרישער וועלט איז יצחק אלחנן ראָנטש באַוואוסט און אָנערקענט. ער באַזינגט אין זיין קרעפטיקער פּאָעמע „אַמעריקע", וואָס ער האָט געשאַפן אין 1954, לכבוד 300 יאָר יידיש לעבן דאָ אין לאַנד. ער זינגט:

ניט פרעג מיך היגעבאָרענער... צי איך האָב ליב דאָס לאַנד...
איבער אָקעאַן פון טרערן געקומען זיינען מיר אַהער...
האָבן מיר געבראַכט מיט זיך... אַן אוצרל אַן עכטס:
ליבע צו פרייהייט, פון וואָרט, פון גלויבן, פון געדאַנק...
די וועלט האָט פיינט באַצווינגער און באַדריקער...
נאָר ס'בלייבן אין דער אייביקייט... דזשעפערסאָן און
לינקאָלן...

דו פרעגסט: „ווער בין איך, ווער?... איך בין נאָך אַלץ דער פּיאָנער פון פרייהייט און פון פרייד... איך בין ניט מיד צו זינגען קלאָר אין פעלקער־כאָר, אַמעריקע, דיין פרייהייט־ליד".

ראָנטש איז געבענטשט מיט דיכטערישער אינטואיציע צו שאַפן אַ ליד, אַ פּאָעמע, וואָס וועבט אַריין סאָציאַלע מאָטיוון און אידעאישע אָנרעגונג צו קעמפן פאַר אַ באַפרייטער מענטשהייט אין אַן אויסגעלייזטער וועלט.

„יצחק אלחנן ראָנטש", האָט דער פאַרשטאָרבענער ליטעראַטור־קריטיקער און פאָרשער משה כ״ץ געשריבן, — האָט זיך גערן געלאָזט מיטציען אויפן שוים פון דער נאַטור. ער האָט באַזונגען דאָס פעלד, דעם בוים און ער האָט אונדז געגעבן אייניקע פון די בעסטע פּייזאַזשען־לידער און לאַנדשאַפט־מאָלעריי אין אונדזער אַמעריקאַנער־יידישער דיכטונג".

ראָנטש'ס פּאָעמע „אין מדבר" איז ניט נאָר אַ פּרעכטיקע לאַנדשאַפט־מאלעריי, נאָר זי רופט זיך איבער מיטן אויסגעבענקטן טאָג, וועלכן דער גרויסער י. ל. פּרץ האָט פאָראויסגעזאָגט, אַז אַ מענטש וועט אין אַ צווייטן אַ מענטש דערקענען

און אַז זייער שפּראַך וועט זיין די שפּראַך פון דער הויך, — די ליכטיקע שפּראַך, — די שטראַלן-שפּראַך.

דער נוסח אין ראַנטש'ס פּאָעמע „אין מדבר" איז ביבליש. דאָס ברוטאַלע און גרויזאַמע פונעם „צאַפּלדיקן היינט" רופט ביי אים אַרויס שרעק און צאָרן. אין דער אַטמאָספערע פון רשעות, פון שרייענדיקע פאַרברעכנס און הפקרות פאַרן לעבן פונעם מענטשן, געפינט נים דער געפּילפּולער דיכטער קיין רו.

צו באַפרייען זיך פונעם „קאַליקן לעבן", וואָס דריקט און שטיקט אין דער גרויסער מעטראָפּאָליע איז ער אין מדבר אַנ-טרונען, און וואונדער איבער וואונדער, ער האָט אַנדעקט, אַז אַפילו אינעם טויטן מדבר פּולסירט דאָס לעבן.

שוואַרצע מוראַשקעס זיך מערן,
פאַרנעמען ערד, הערשן און באַהערשן,
גריבלען זיך און גראַבלען, בויען בערגעלעך־פּיראַמידן,
טונקען זיך אין טונעלן.

די אַרבעטזאַמע מוראַשקעס, באַמערקט ער, זיינען אין דער טויטער וויסטעניש נים די איינציקע בעלי-חיים:

מיט קוויטשיקן געוואַי, מיט טענער טראַציקע,
לאָזן וויסן דעם אַרום, אַז לויפנדיקע קאַיאָטן
זיינען הערשער, זיינען האַרן
איבער ריזן־בערג ביינאַכט.

אויף די קאַלטע, נאַקעטע ריזן-בערג, וואָס חוזקן אָפּ פון דער מדבר-נידער:

ווערן פון דער זון באַפּרוכטפּערט
מיט פאַנטאַסטישע קאָלירן און פאַרבן
און ס'דוכט זיך דיר אויס,
אַז פּלוצלינג זיינען זיי באַלעבט געוואָרן...

און זע: מענטשן האָבן אינעם פאַרכישופטן טויטן מדבר אויפגעשטעלט „אַ ישוב און דאָרט צעוואָרפן הייזלעך, ווי העלע פלאַנצן".

אַ באַפרייטער פון דער שרעק, וואָס האָט אים פאַרפאָלגט, טראָגט זיך ראַנטש אויף זיינע דיכטערישע פליגל און ער באַ-זינגט דורך זיינע לירישע ווייזעס דאָס לעבן פון אונדזער פאָלקס

פאַרגאַנגענהייט. אַט־די ביבלישע סוזשעטן זיינען אַנאַלאָגיש מיטן היינט. אין זיין דמיון זעט ראַנטש משה׳ן, דעם באַפריי־ער פון די יידן פון שקלאַפעריי אין מצרים. ער קומט אַראָפּ פונעם באַרג סיני מיט די לוחות צו פּראָקלאַמירן דעם „לא תרצח״. אַ פּאַרצווייפלטער פון דער געפאַר, צו וועלכער דער „נוקלעאַרער ריז״ קאָן ברענגען, שרייט ער אויס:

וואו איז די ליזונג, וואו?
פון וואַנען וועט קומען אונדזער הילף,

אַ גייסטיק־אָנגעשטרענגטער שפּאַצירט ער איבער דעם מדבר „אין שטילקייט פון דער נאַכט״. דער אינטימער בלויער הימל מיט זיינע מיליאַסן גלאַנצנדיקע פּערל־שטערן האָבן פאַר־טרויליך אַראָפּגעקוקט אויף אים.

דער סודותפולער, שטילער באַנאַכטיקער אַרום מיט:

די באַטאַליאָנען בלישטענדיקע שטערן
באַגלייט פון יומטובדיקן הימל.

האָט דאָס הארץ פונעם דיכטער ראַנטש פון פרייד צע־ברויזט. ער שפּאַנט מיט נחת רוח אַ דערהויבענער „אויפן גלייכן, ליכטיקן און לאַשטשענדיקן וועג״ און זע: ס׳גייען מיט אים „משה מיט די לוחות״, אַן אָנדייטונג, אַז דער „לא תרצח״ איז אויך היינט נאָך דער געבאָט פון טאָג.

מיט משה׳ן גייען מיט: ירמיהו, אליהו, יהודה המכבי, חנה מיט אירע זיבן זין, זיין האַלב־בלינדער זיידע און זיין טאַטע מיט דער ברייטער, ברוינער באָרד.

באַפּאַנצערט מיט אמונה און בטחון שפּאַנען זיי אונטער די האָפערדיקע טענער פון:

אַ זינגעניש אַזאַ, אַ בלענדעניש, אַ הללויה,
וואָס איז געווען באַהאַלטן אין היילן און אין בערג.

אָנגעהויכט מיט התרוממות הלב פון אָט דער וויזיע קאָן זיך פונדעסטוועגן דער דיכטער ניט באַפרייען פון דער געדריק־טער שטימונג:

אַז האָסט געלאָזן ערגעץ־וואו די וועלט געשמידט אין קייטן:
שטעט דיינען געוואָרן חורבות,

מענטשן־גוף ווערט צעדרויבט,
אין נאָמען פון שלום — בלוטיקע מלחמות.

די וויזיע, אַז ראַנטש איז אין דער סביבה פון די „נביאים וקדושים" פאַרטרייבט זיין שרעק און די פאַרצווייפלונג. מיט פרייד, בטחון און גלויבן שפּאַצירט ער אינעם „פּאַראַד הגדול", וואָס

הילכט דאָס ליד פון יום־טוב,
שאַלט דאָס ליד פון מוטיקן מאַרטירער,
דאָס אַלט נייע ליד,
וואָס מדבר האָט באַהאַלטן טיף
אין זיך פון משה׳ס צייטן אָן.

ס׳איז געווען אַ געזאַנג פון „ליבע און פון לעבן". מיט־וואַנדערינדיק מיטן דיכטער אין דמיון איבער דער מדבר, דער־שיינט פאַר אונדז די לאַנדשאַפט מיט אירע נאַטור־פּייזאַזשען, וועלכע ער מאָלט אַזוי פּרעכטיק. באַגלייך מיט אים לעבן מיר איבער זיינע זאָרגן וועגן דעם גורל פון דער וועלט, די אומרוען וועגן די צילן פון דער „ווילדער וועלט־ציוויליזאַציע" און פון די „רויב און מאָרד אָקטן אויף דער גאַס דיין אייגענער".

מיר טיילן זיך מיט זיין „אויפגעגאַנגענער דערהויבונג, — מיט זיין ניט־דאַאיקער פרייד און שלווהדיקייט" ביים פאַרלאָזן דעם מדבר.

אין גייסט פון ישעיה הנביא׳ס „והיה באחרית הימים", זינגט ראַנטש:

דער מדבר וועט ווערן באַוואַסערט,
באַפרוכפּערט וועט ווערן די ערד
און מער וועט דער מענטש זיך ניט האַסן,
פון פרייד נאָר פאַרגיסן אַ טרער.

ניט קאָנען פאַרשטיין וועלן דורות,
ווי מענטש האָט אַ מענטשן געטויט.
פאַרשווינדן וועט אויף אייביק די מורא,
פאַרשווינדן וועט הונגער פאַר ברויט.

צו דערנעענטערן אָט דעם אויסגעבענקטן טאָג רופט ראַנטש דעם נביא זיך צואיילן איינזאַמלען די מעכטיקע כוחות פון דער וועלט. ער ווענדט זיך צו אים:

לאָמיר איבער הונגעריקע לענדער שוין אַ שפּאַן טאָן,
לאָמיר שטעלן שולדיקע פאַרן בית דין,
ווערן זאָל אַ ברידערלעכע פאָן פון אַלע פאָנען.

דורך פאַרשידענע וואַריאַנטן האָט ראָנטש איבער־געדיכטעט די ביבלישע לעגענדע „במדבר". ער האָט אין איר אַריינגעוועבט אידייאישע טראַדיציעס, מענטשלעכע אַספּיראַציעס פאַר אַ גליקלעך, געזונט און געזיכערט לעבן אין אַ וועלט פון אייביקן שלום, פרייהייט און ברידערלעכקייט.

דעם ווייטן נעכטן מיט זיין אויטענטישער און לעגענדאַריש־ביבלישער ראָמאַנטישקייט האָט ראָנטש קינסטלעריש באַזונגען אין זיין לירישער פּאָעמע „אין מדבר". דורך די ביבלישע הומאַנע עטיודן האָט ער אינעם קאַליפאָרניער טויטן מדבר אַריינגעבלאָזן אַ רוח חיים.

— — — —

אין דער אַמעריקאַנער־יידישער ליטעראַטור פאַרנעמט ראָנטש זייער אַ בכבודיק אָרט אַלס לירישער דיכטער. אין זיין אייגענעם נוסח פּראָטעסטירט ער קעגן סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע עוולות, וואָס ווערן באַגאַנגען קעגן יחידים, אַ קלאַס, אַ נאַציאָנאַליטעט און אוודאי קעגן גענאָסיד. ער פרעגט:

פאַר וואָס איז ליבער מענטש אַ צעבלוטקטער?
פאַר וואָס איז די ערד אונטער אים צעדרויבט?
פאַר וואָס רייסט זיך פון מענטשן די חיה רעה?
פאַלסט אַליין אַוועק אַ מידער
פון שטייגנדיקן צאָרן פאַרצערט.

ראָנטש איז באַשאָנקען מיט דער אינטואיציע אויפצוכאַפּן דעם סאַמע יאָדער פון איין ערנסטער סיטואַציע און זי איבער־דיכטן אין אַ ליד אָדער אַ פּאָעמע. דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין זיין ליד „אויגן דיינע". ער זינגט:

האָסט פאַרמאַכט דיינע אויגן און דערזען:
דערשראָקענע סאָלדאַטן־יינגלעך אין דזשאָנגל פון
וויעטנאַם,
צעפליקטע מענטשן־גופים אויף געשענדטער ערד,
ברענענדיקע שטרוי־ביידלעך
מיט טרויער־אויגן פון מאַמעס, וואָס פרעגן: פאַר וואָס?
פאַר וואָס !

א צעברויזטער וויל ער ווימן: „וואו איז די וועלט די גרויסע, די ליכטיקע אהינגעקומען?". ער רופט צו אויסמיידן א שוידער־לעכע קאטאסטראפע, וואס קאן חרוב מאכן די וועלט מיט דער מענטשהייט. אין זיין „דאס ליד פון שלום" שאלט ראנטש אוים:

נעם־צו די שווערד,
וואס נידערט, שווערט.
איך וויל זיין פארוועבט
מיט אלץ, וואס לעבט.
איך וויל אין מענטשן זיך פארליבן,
איך וויל זיך צערטלען מיט מיין דור.

ער וויל מיט זיינע קליינע ארעמס **„ארומנעמען די גאנצע וועלט... מיט זיינע ליפן קושן די שאפונגען פון גאט... מיט זיינע אייגענע אויגן זעען אלץ, וואס מ'קאן דערבליקן... אלץ, וואס ס'קאן די האנט דערטאפן... אלץ, וואס ס'קאן דאס הארץ דערפילן איז ליב, איז ליב, איז ליב".**

ער רופט די מענטשן צו פארברידערונג דורך אייניקייט. ער זאגט זיי זיך נעמען א ביישפיל פונעם „פעלזן גארטן אין די בראנקס", וואו די „קרייטיכצער און פלאנצונגען", וואס זיי־נען איבערגעפלאנצט געווארן פון ווייטע קאנטינענטן „לעבן און בליען זייט ביי זייט" אומגעשטערט אויף א קליינעם שטח ערד און זיי פרעזערווירן זייער נאטירלעכע אייגנארטיקייט.

„קום, קום, מענטש, לערן זיך פון די בלימעלעך, שאף אפ די סאציאלע מחיצה, וואס פירט צו שנאה, קנאה", ווארנט דער דיכטער.

— — — —

ס'צימבלט, האגלט, פויקט און דונערט אקעאן,
ס'זעצן זיינע טאצן ביז צום פלאצן
זעט נאר וויפיל גבורה ס'איז אין מיר פאראן,
יעדער רגע בוי איך מיר פאלאצן . . .

אזוי באזינגט דער דיכטער דעם ים אין זיינע 4 באלאדעס. די כוואליעס, וואס שטויסן איינע דער צווייטער צום ברעג בא־טראכט ער ווי דאס אויסשטרעקן זייערע „ווייסע ארעמס" ווי שליחים פונעם אקעאן, וואס בעטן: **„נעם אריין מיך אין דיין**

מענטשן־סביבה... זיי אַ פֿריינט מיר... נאָס בין איך", נאָר אויסגעדורשט נאָך ליבע...".

בילדלעך באַזינגט ער דעם זון־אונטערגאַנג, וואָס טוקט זיך אינעם אָקעאַן, נאָכדעם ווי זי האָט אַ גאַנצן טאָג אין די אָקעאַן־וואַסערן זיך געבאָדן. ער הערט דעם געברום פֿונעם אָקעאַן, דעם ברויזנדיקן שטורעם פֿון די כוואַליעס און דאָס פֿלאַפּלערײַ פֿון דער טשאַטע מעוועס און „אַ ליד ווערט געבוירן!" — אַ ליד, וואָס ער וויל צעטראָגן: **„בײַ יעדער טיר... אויף יעדן שוועל... (וואו) הערצט געוויין... און זעסט געקלאָג... אַ לאַך... אַ טרער..."**. מיט האָפֿערדיקן געזאַנג ווינטשט ער יעדן מענטשן: **„זאָל דער טאָג זײַן אַ מונטער ליד".**

— — — —

אַ קאַלײדעסקאָפּ פֿון געשיכטלעכע געשעענישן, פּאַסירונג און צעברויז איז ראַנטש'ס פּאָעמע „פּאַנאָראַמעס", וואָס באַשטייט פֿון צען פֿראַגמענטן, וואָס שפּיגלען אָפּ היינטצייטיקע פּראָבלעמען, וועלכע זײַנען נוגע יעדן אויפֿריכטיקן אַמעריקאַנער. אינעם פֿראַגמענט „אינדיאַנער" זינגט דער צאַרטער דיכטער:

איך, דער ייִד, אַן אײַנגעבירגערטער אין געטאָס פֿון דער וועלט, אַ געפּלאָגטער פֿאַר מײַן גלויבן/וועל אין אינדיאַנער שבט/ אַ קרובשאַפֿט דערשפּירן/און אפֿשר אַן אייגענעם דערקענען... דאָס אומעטיקע אינדיאַנער ליד און דער פּרימיטיווער טאַנץ איז ניט/צו פֿאַרווילן דעם טוריסט/(ס'איז) אַ פּאַקל־טאַנץ/צעפּעכערט און צעפֿלאַמט.../ ס'איז דער טאַנץ קעגן אונטערגאַנג און טויט...

ראַנטש געדענקט, אַז שׂמחת תּורה האָבן אויך געטאַנצט דער טאַטע און דער זיידע צו אויסדריקן דרייסטקייט און מוט קעגן די שונאים און **„ס'טאַנצט דער אינדיאַנער צו פֿאַרפֿלאַנצן אויפֿגאַנג איבער וויסטע וועגן".** זייער אומעטיק געזאַנג און דער פּרימיטיווער טאַנץ איז אַן אויסדרוק פֿון צאָרן און פּראָטעסט קעגן אונטערדריקונג. דער פֿראַגמענט „אינדיאַנער" איז אָנגעהויכט מיט גליאיקן רוף צו אויסוואָרצלען דעם ראַסיזם־אַנטיסעמיטיזם.

— — — —

עמאָציאָנעל און פֿאַרבנרײַך איז ראַנטש'ס פּאָעמע „שוואַרצוואַלד". פֿאַראינטריגירט פֿון די טורעמדיקע סאָסנע־ריזן שפּאַנט

ער אין וואַלד. די פאַראַנדערגעשפּרייטע נאָדל-צווייגן פאַרשטעלן דאָס ליכט פון טאָג. די טונקלעניש שטערט אים ניט אויפנעמען: „פויגל־רוף און אָפּרוף: — אַ רוף־געבעט, רוף־געבייזער, אַ בלע־טער־רויש, אַ פאַרליבטער־קלאַנג, אַ קאַנאַריק־טרעל, אַ הפקר־פייף". ס'איז אים איבערדריסיק פאַרוואָס „ער זאָפּט אַריין אַזוי פיל לשונות און ער פאַרשטייט זיי ניט". דער יידיש-מאָראַלישער מאָטיוו אינעם ליד איז „ווי אַ מוסטער אין דיין לעבן: די שטיל־קייט, די מנוחה, די וואַכזאַמקייט, די פרייע קלאַנגען, די זי־כערקייט פון שלום פאַרן בירגער פונעם וואַלד". באַדויערט דער דיכטער פאַרוואָס דער מענטש האָט מיט זיין גאַנצן וויסן נאָך ניט אַנטדעקט דעם סוד פונעם שוואַרצוואַלד, וואָס ער מאָלט מיט רייכע, העלע פאַרבן.

— — — —

איך בין פון בערג אַרומגערינגלט
איך ווער אַליין ווי זיי
דער נידער וועט מיך ניט באַצווינגען
מיין גלייכן איז דער רוים
אויף בערג, דאָרט בליט מיין טרוים.

אַזוי זינגט ראַנטש אין זיין ליד „באַרג אַרויף". ער ווייסט, אַז דער באַרג איז נאָך פון קדמונים אַן עדות פון אַ סך געשע־ענישן אין דער וועלט, וויל ער: „אָננעמען דעם באַרג ביי די שפּיצן-קאַלעס... אים אַ טרייסל טאָן... ס'זאָל זיך אַנטפּלעקן בילדער פון זיין עבר...".

ווען די הייסע זומער-טעג האָבן זיך אין לאָס אַנדזשעלעס אָנגעהויבן האָט ער דערשפּירט דעם רוף פון די „האַי סיעראַ" אייביק פאַרשנייטע בערג, וואו דאָס:

ניט דערוואַרטע טרעפעניש מיטן ווינטער
געלאָזט דעם זומער נאָך פון הינטן.

ער שטייט ביים נידער פון די מאַסיווע האַי סיעראַ פעלדזן-בערג, וועלכע דער סקולפּטאָר-מייסטער, די נאַטור, האָט אויפ־געבויט, און ער באַוואונדערט זייער שפּאַרן זיך מיט די שפּיצן צום הימל. ער ווערט דורכגעדרונגען מיטן באַגער צו דערגרייכן זייער הייכקייט, דאָרט, וואו דער אָדלער בויט זיין נעסט. מיט אַלע זיינע דיכטערישע חושים באַנעמט ער די ראָמאַנטישקייט

פון די נאַטור־בילדער מיט זייער פּראַכט און גלאַנץ. ער באַוואונדערט דעם פּאַרמעסט פון צוויי נאַטור־דערשיינונגען: צווישן דעם אייביק־פאַרפרוירענעם שניי מיט די הייסע שטראַלן פון דער זון, פון וועלכע:

דער שניי האָט זיך גענומען טויען... און דורכגעדרונגען
האָט די זון מיט אירע שטראַלן —
אַ שטראָם געטאָן די וואַסערפאַלן
אַראָפּ, אַראָפּ פון בערג מיט ראַשנדיקן אימפּעט:
עס ליגן אָזערעס אין קינפּעט...
די גאַלאָפּירנדיקע, זילבערדיקע וואַסערפאַלן פליסן
מיט אַ שאַל.

ראַנטש׳ס שאַרפער אויער, וואָס האָט אויפגעכאַפּט דעם גע־שאַל פונעם וואַסערפאַל האַרמאָנירט מיטן אויסצוג פון י. ל. פּרצ׳ס עסיי„ דער גילגול פון אַ ניגון״: „וואַסער, אַז ס׳לויפט, שווייגט דאָס ניט״. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די וואַסערפאַלן שטראָמען אַרונטער שטורמדיק, איז ראַנטש׳ס געזאַנג צו זיי שטיל. זיין אינטאָנאַציע האַרמאָנירט מיט דער ראָמאַנטישקייט פונעם גאַנצן רום, פון וועלכן „ס׳האָט געשפּראָצט מיט ליכט און לעבן... אויף גלעטשערדיקע האַי סיעראַס... געביטן האָט זיך די אַטמאָספערע״.

אינספּירירט פון די קינסטלערישע פאָרמאַציעס, וועלכע די נאַטור האָט אויסגעפורעמט אויף דער „שטיינערנער אימפּע־ריע״ באַזינגט ראַנטש:

די פּערצן טויזנט־פוסיקע גיגאַנטן־משפחה,
— די פּאַטריאַרכן מיט די אויסגעשפּרייטע ווייסע אייז־בערד...
מיט זייערע גראָטעסקע, חיהשע פיגורן
און סקולפּטורישע אַטראַקציעס.

אַ מאָנומענט צום דראַמאַטישן אַמאָליקן אַמאָל אַקצענטירט ראַנטש, זיינען די „שטיינערנע פּעטראָגליפן„ (געמעלן), וואָס די אינדיאַנער שבטים, וועלכע האָבן דאָ געוועלטיקט, האָבן גע־צייכנט אָדער אויסגעהאַקט. די געמעלן טראָגן נעמען פון אינ־דיאַנער, ווענען די וויסעהויטיקע אַריינדרינגער האָבן מיט שווערד און פייער אויסגעראָטן. ווענדט זיך ראַנטש צו די טו־

ריסטן, וואָס קומען באַוואונדערן די האַי סיערא פעלדן־בערג, און ער זאָגט זיי:

> נייג־אָן דיין אויער צו די גרוסן פון די עלטער־זיידעס
> און באָבעס,
> יאָ, דו וועסט זיי דאָ געפינען...
> וועסט דאָ אויך געפינען אָנזוג פאַרן מאָרגן...

ער באַשטעטיקט, אַז דער היינט איז די פאָרזעצונג פונעם נעכטן און דער אָנזאָגער פונעם מאָרגן. באַהערשט פון דעם געדאַנק, אַז צייט איז אַ „גלגל החוזר" (אַ ראָד, וואָס דרייט זיך אומאויפהערלעך), ווייל ראָנטש זיך איבערצייגן צי אין די שטיינערנע פעלדזן־בערג, איבער וועלכע ס'הערשט אַ „שעפּטשענדיקע רו" צי:

> אפשר ליגט דאָ פאַרבאָרגן דיין מאָרגן.
> אפשר וויסן זיי, די האַי סיעראַס, דעם סוד פון דיין
> זיין דאָ אויף דער ערד.

יצחק אלחנן ראָנטש איז אַ לירישער סאָציאַלער דיכטער מיט דער אחריותדיקער שליחות פון „זאָל דיך אָרן" (אַ נאָמען פון זיין ליד). זיין דיכטונג איז אָנגעהויכט מיט טרוים און וויזיע, מיט צאָרן און פראָטעסט קעגן אומרעכט, מיט האָפענונג און טרייסט, וואָס פליסט פון זיין הארץ, מיט אומרואיקייט פאַרן היינט און מיט זאָרג פאַרן מאָרגן.

די גרויסע עשירות פון זיינע ווערק, פּראָזע און פּאָעזיע, דאַרף ערשט אָפּגעשאַצט ווערן.

אברהם רייזען

דער דערציילער און דיכטער אברהם רייזען איז געבוירן געוואָרן אינעם שטעטל קאַידאַנאָוו, מינסקער גובערניע, אין 1876.

זיין מוטער איז געווען טיף-רעליגיעז און גוט באַהאַוונט אין די יידישע ספרים. דער פאָטער זיינער איז אין שטעטל געווען באַוואוסט אַלס פריידענקער.

דערצויגן געוואָרן איז אַ, רייזען אינעם טראַדיציאָנעלן יידישן שטייגער פון יענער צייט. אין זיינע קינדערשע יאָרן האָט ער אַדאַנק זיינע שאַרפע פייאיקייטן טיף באַנומען אַלץ, וואָס ער האָט געלערנט. זייער יונג איז ער געוואָרן אַ פליסיקער לייענער פון דער קלאַסישער יידישער און אויך פון דער מזרח-אייראָפּייאישער פרעמדשפּראַכיקער ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אינעם 19טן יאָרהונדערט, — די תקופה, וואָס איז אין דער וועלט-געשיכטע באַוואוסט אַלס דער יאָרהונדערט פון אויפקלערונג, קריטיק, וויסנשאַפט און פון גרויסע דערגרייכונגען אויפן טעכנישן געביט. ס'איז אויך דער יאָרהונדערט פון גרויסע רעוואָלוציעס אין פראַנקרייך, דייטשלאַנד, די פאַריזער קאָמונע, די אָפּשאַפונג פון לייבאייגנטום אינעם צאַרישן רוסלאַנד און פון אַנדערע שטורעמדיקע פאָלקס-באַוועגונגען.

אָט די היסטאָרישע געשעענישן האָבן אָנגעהויבן שטורעמען דאָס פאַרגליווערטע, איזאָלירטע יידיש לעבן פון די געטאָס אינעם צאַרישן רוסלאַנד.

די קלאַסישע יידישע, אַזוי גוט ווי די מזרח-אייראָפּייאישע ליטעראַטור אין די אַנדערע שפּראַכן, האָבן גערופן די פעלקער פונעם געוועזענעם רוסלאַנד זיך באַפרייען פון אונטערדריקונג און איבערבויען זייער לעבנסשטייגער אויף יסודות פון סאָציאַלער גערעכטיקייט.

אין דער צווישן-צייט פון סוף 19טן און דעם אָנהויב פון 20סטן יאָרהונדערט האָט זיך אין דער יידישער קלאַסישער ליטעראַטור צעקלונגען דער רוף צו די יידישע מאַסן צו מאַרשירן אין דער ריכטונג פון פּראָגרעס, כדי זיי זאָלן זיך דערשלאָגן אַ געזיכערט פלאַץ אונטער דער זון.

אַן אַנגעהויכטער מיטן נייעם גייסט פון דער צייט האָט זיך אויפֿן יידישן ליטעראַרישן האָריזאָנט באַוויזן **אברהם רייזען.**

נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַפֿרייט פון מיליטערישער דינסט, האָט ער פאַרלאָזט די ענגע קליינשטעטלדיקע סביבה, וואָס ער שילדערט אין זיינע ווערק. אברהם רייזענס וועג פון קאַידאַנאָוו ביז ניו יאָרק האָט זיך געצויגן דורך קאָוונע, וואַר־שע, קראָקע, ווילנע, מינסק און אַנדערע שטעט און שטעטלעך מיט קאָמפּאַקטע יידישע ישובים, וואוהין ער האָט געבראַכט דאָס מונטערדיק יידיש וואָרט אין זיינע דערציילונגען און אין לידער.

אָנהייבנדיק פון זיין ערשטער דערציילונג אינעם זשורנאַל „יוד", וואָס איז דערשינען אין וואַרשע, האָט ער דורך זיינע פּילצאָליקע שעפערישע ווערק דערגרייכט דעם העכסטן ליטע־ראַרישן שטאַפּל.

וואָס שייך דער טעמאַטיק פון זיינע ווערק, איז זי טיף מענטשלעך: ער שילדערט דאָס אַלטעגלעך יידיש לעבן. רייזען שפּיגלט אויפריכטיק אָפּ דעם יידישן לעבנסשטייגער אויף יע־נער זייט ים און פון זיין נייער היים אַמעריקע.

א. רייזענס דערציילונגען און לידער האָט זיין ברודער **זלמן רייזען**, דער מחבר פונעם „לעקסיקאָן פון דער יידישער קולטור", געשריבן, האָבן אים, אברהם רייזענען אַרויסגעבראַכט „אין דער ערשטער ריי פון די שעפער פון דער נייער יידישער ליטעראַ־טור".

אונטערן איינפלוס פון אָט דעם יחוס-בריוו לאָמיר כאַפּן אַ קליינעם שפּאַציר איבער רייזענס ליטעראַרישן גאָרטן.

אין זיין דערציילונג **„אַ שמעק טאַבאַק"** שילדערט ער דעם גביר יעקב מינקעס, וואָס פאַרנעמט אינעם שטעטל, קאָניווקע, דעם סאַמע אויבנאָן אינעם קליינעם בית מדרש. אַלע חנפענען זיך צו אים און אַלע קוויקן זיך מיט זיינע מעשית פון זיין אַן אַנגעלייגטער גאַסט ביים גראַף; פון די בירזשע מאַניפּולאַציעס, וואו דער קורס פונעם רובל פאַלט און שטייגט, און פון זיינע רייזעס קיין קעניגסבערג און אין אַנדערע אויסלענדישע גרויסע שטעט. שטייט דער עולם אַ פאַרכישופטער און מ'כאַפּט אויף זיינע רייד מיט גרויס באַוואונדערונג.

פאַראַן אפילו אַזעלכע, וואָס שטעלן מינקיסן אַ פּראַגע. אַן אויסנאַם איז דער מלמד, גרוינעם, וואָס ווינטשט זיך צו האָבן די „זכיה״, כאַטש אויסרעדן אַ וואָרט מיטן גביר מינקעס. ענד־לעך האָט גרוינעם געפונען אַן אויסוועג: ער וועט זיך ווענדן צום גביר, אַז ער זאָל שיקן זיין אייניקל לערנען אין זיין חדר. צו אָננעמען זיך מיט מוט האָט גרוינעם גענומען אַ שמעק טאַבאַק ביים שמש. און אָט שטייט שוין גרוינעם דער מלמד פּנים אל פּנים מיטן גביר, וואָס פרעגט אים: „וואָס ווילט איר?״.

„איך... האָב... אפּטשו...״, צעניסט זיך גרוינעם, דער מלמד דעם גביר גלייך אין פּנים אַריין. אַן אויפגערעגטער האָט דער גביר, אַ געשריי געטאָן: „טפו, וואָס איז דאָס פאַר אַ בריאה? ... גייט״. אַ פאַרשעמטער האָט גרוינעם אַרויסגייענדיק פונעם בית מדרש געזאָגט, אַז דער שמעק טאַבאַק, וואָס האָט געזאָלט זיין די רפואה האָט אים פשוט אַוועקגעהרגעט. מיט זיין שטילן הומאָר האָט רייזען אַרויסגעבראַכט אין אָט דער דערציילונג דאָס חנפענען זיך פון די שטעטלדיקע בעלי־בתים צום גביר, וואָס פאַרנעמט דעם סאַמע אויבנאָן אין בית מדרש, און פונעם „שפּיי אין פּנים״ מיט וועלכן דער מלמד האָט אומגערן דערלאַנגט דעם גרויסן גביר.

דער לייט מאָטיוו אין אָט דער דערציילונג איז אין רייזענס טיף מענטשלעכער באַציאונג צום שטאַרק־געפאַלענעם ביי זיך מלמד, וואָס איז אַזוי שטאַרק אַנטוישט און פאַרשעמט געוואָרן.

דאָס שטעטל קאָניוקע מיט זיינע מענטשן, אַזוי גוט ווי אַלע אַנדערע ענלעכע שטעטלעך, האָט רייזען געזען און גע־שילדערט „מיט אַלע זיינע חושים״. „ס'איז אַ זען מיטן האַרצן״ (ב. ריווקין).

אַ מייסטערווערק איז אברהם רייזענס דערציילונג **„אַ שטעטל אָן ווייבער״**. רייזען שילדערט ווי אַזוי אַן אַגענט פון אַ גרויסער פירמע איז צוליב געשעפט אָנגעקומען ביינאַכט אין אַ קליין שטעטל. פאַרפאַרן איז ער „עפּעס אין אַ הויז״, וואָס איז געווען די אַזוי גערופענע אַכסניא (אַ גאַסט־הויז). צוגרייטן פאַרן גאַסט עסן און אַ געלעגער האָט דער אייגנטימער פון דער אַכסניא. בעת דער אייגנטימער איז געווען פאַרנומען האָט זיך צעוויינט אַ

קינד אינעם צווייטן צימער. ער האָט אָפּגעשטעלט די אַרבעט און איז געגאַנגען באַרואיקן דאָס קינד. שטאַרק פאַראינטריגירט האָט דער גאַסט אַ פרעג געטאָן: „וואו איז די בעל הביתטע פון׳ נעם הויז?". „ביי אונדז אין שטעטל איז וואו איר זעט אַ הויז איז ניטאָ קיין באַלעבאָסטע", האָט געענטפערט דער אייגנטי־ מער. אַ צעשראָקענער האָט דער גאַסט געפרעגט: „אַלע ווייבער אויסגעשטאָרבן? אָבער פאַרוואָס בלויז ווייבער", האָט ער געוואָלט וויסן. „דערפאַר וואָס דער מלאך־המות וויל ניט קיין מענער", — האָט דער אייגנטימער געענטפערט.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז ניט ווייט פונעם שטעטל איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ פאַבריק. צו דער אַרבעט האָט דער פאַבריקאַנט אָנגעשטעלט בלויז פרויען, וועמען ער האָט עקס־ פלואַטירט פאַר אַ הונגער־לוין. די מענער זיינען געבליבן אין די היימען, געפירט די באַלעבאַטישקייט און געניאַנטשעט די קינדער.

פרייטיק צו ליכט בענטשן קומען די פאַרהאָרוועטע, אויס־ געמאַטערטע פרויען אַהיים פון דער אַרבעט. דער הומאָריסט רייזען פילט מיט מיט די מענטשן, וואָס ווערן עקספּלואַטירט און ליידן פון דחקות. מיט זיין בייסנדיקן הומאָר, שילדערט ער דעם טרויעריקן מצב פון אַ קליינשטעטלדיקער קהילה, וואו דאָס פאַמיליען־לעבן איז באַגרעניצט צו איין טאָג אין דער וואָך — שבת, — ווען די „ווייבער", די פרנסה געבערינס, זיי־ נען אין דער היים. דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער מאָטיוו וואָס שפּיגלט אָפּ דעם לעבנסשטייגער פון די יידן אין דער אַלטער היים איז טעמאַטיש צוגעפּאַסט צום לעבנסשטייגער פון יעדער פאָלק וואָס ווערט עקספּלואַטירט אין ליידט פון דחקות.

— — — —

רייזענס פיינער הומאָר איז זיין אייגנאַרטיקער שאַרפער וואָפן צו אויסדריקן אַ פּראָטעסט קעגן מיאוסע האַנדלונגען. דער עקספּלואַטאַטאָר וועמען רייזען מאָלט אין דער דערציילונג „אַ שטעטל אָן ווייבער" האָט זיך צוזאַמענגערעדט מיט זיין גלייכן אין אַמעריקע. אין זיין דערציילונג „טשואינג גאַם", שילדערט רייזען אַ פאַבריקאַנט אין אַמעריקע, וואָס באַשעפ־ טיקט נאָר מיידלעך. אין שאָפּ איז פאַרבאָטן ביי דער אַרבעט

צו זינגען אָדער אַפּילו אַ שמועס טאָן מיט אַ צווייטער מיטאַר־בעטערין. די איינציקע געלעגנהייט צו איבערכאַפּן דעם אָטעם איז ווען אַ מיידל גייט צום קעסטל צו איינהאַנדלען אַ שטיקל גאַם פֿאַר אַ פּעני. דאָס שפּאַצירן הין און צוריק האָט דער פֿאַ־בריקאַנט אויסגערעכנט איז אַ פֿאַרלוסט פֿון צייט, — און צייט מיינט אַ פֿאַרלוסט פֿון געלט. דער פֿאַבריקאַנט האָט אַרונטער גענומען פֿון דער וואַנט דאָס קעסטעל מיטן טשואינג גאַם. ווען איינע פֿון די מיידלעך האָט דערזען, אַז דאָס קעסטל מיטן גאַם איז שוין ניטאָ האָט זי העפּטיק געצאַרנט. די מיידלעך האָבן אַלס פּראָטעסט פֿאַרלאָזט די מאַשינען און האָבן באַשלאָסן צו סטרייקן. די סטראַשונקעס פֿונעם פֿאַבריקאַנט האָבן קיין ווירקונג ניט געהאַט אויף די מיידלעך. דאָס קעסטל מיטן גאַם איז צוריק אויפֿגעהאַנגען געוואָרן אָף דער וואַנט. ניט געקוקט אויף דעם וואָס אָט די צוויי דערציילונגען האָט רייזען געשריבן אין צוויי פֿאַרשיידענע לענדער און אין פֿאַרשיידענע צייטן, — זיינען די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פֿוןביידע פֿאַבריקאַנטן איינע און די זעלבע. ביי ביידע איז דער פּראָפֿיט, דאָס געלט, מער ווער־טיק פֿונם מענטשן, ווען ער עקספּלואַטירט פֿאַר זיין אייגן־נוץ.

דער געפּילפּולער קינסטלער־דערציילער, אברהם רייזען, שיל־דערט די רעאַלע, טעגלעכע ווירקלכקייט פֿון זיינע „העלדן" וועמען ער וויל **פֿאַרמענטשלעכן**.

דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין זיין דערציילונג „אַ קוש". רייזען פֿירט אונדז אַריין אין חיה־ביילעס „פֿאַרשאָלטענער הויז", פֿון וועלכער די קללות און די קריגעריי, רייסערייען קומען פֿאַר ניט נאָר צווישן חיה ביילען מיט דער טאָכטער זעלדע. דאָס גאַנ־צע הויזגעזינט קריגט זיך, ווען מ׳עסט וועטשערע, וואָס באַ־שטייט פֿון בעבלעך מיט קאַרטאָפֿל. פֿון אָט דעם געקעכץ מוז דאָס געשיר גלייך גערייניקט ווערן. מיד פֿונעם טומל און קרי־גערייען מיט דער מאַמען האָט זעלדע באַשלאָסן צו רייניקן דאָס געשיר מאָרגן אינדערפֿרי. פּלוצלונג איז אַ טעלער אַראָפּגעפֿאַלן אָף דער ערד און איז צעבראָכן געוואָרן. דערהערט דעם קלאַפּ איז חיה ביילע אַריין אין קיך, געלאָזט אין גאַנג אירע קללות און האָט אירע לאַנגע דאַרע פֿינגער איינגעקלעמט אין זעלדעס לייב. פֿון שטאַרקן ווייטיק האָט זי חיה ביילען אַ שטויס געטאָן.

זי איז צו דער ערד געפֿאַלן, געוויינט און געקרעכצט. אויפֿהייבנ־דיק זיך פֿון דער ערד האָט חיה ביילע געבעטן ביי גאָט, אַז זי זאָל דערלעבן צו זעלדעס לויה גיין. „צו דיינער בעסער", האָט זעלדע געענטפֿערט.

ליגנדיק אויפֿן בעט האָט זעלדע שטאַרק חרטה געהאַט פֿאַר אַ שטויס טאָן די מאַמע, וואָס איז אויף דער ערד געפֿאַלן. זעלדע איז אַראָפּ פֿון געלעגער, צוגעגאַנגען צו דער מאַמען, זיך אָנגע־בויגן און האָט זי אַ קוש געטאָן. אַ דערשראָקענע האָט חיה ביילע זיך צעגוואַלדעוועט: „אוי, זעלדע, ווילסט טאַקע מיך דערהרגע־נען?"... אומזיסט האָט זעלדע זיך באַמיט צו בארויקן חיה ביילען, וואָס האָט געשריגן: „די מויד איז משוגע געוואָרן!".

א. רייזען שילדערט אַ פֿאַמיליע, ביי וועלכער די נויט און דער דלות דריקט און דערפֿירט צו טראַגעדיע. די אָרעמשאַפֿט צעשטערט דעם שלום בית. כאָטש רייזען „פֿאַרשרייבט" ניט קיין „רעצעפּט" ווי אַזוי צו פֿאַרטרייבן דעם דלות, טרעט ער אָבער ניט אָפּ פֿון דער רעאַלער ווירקלעכקייט, צו וועלכער דער דלות איז פֿייאיק צו דעגראַדירן דעם מענטשן.

— — — —

דעם אוצר, וואָס נאַפּאָלעאָן זאָל האָבן באַגראָבן אין דער ערד פֿון אַ יידישן בית עלום אין אַ קליין שטעטל, האָבן די אָר־טיקע יידן מיט ליכט געזוכט אין דער פֿינצטערניש פֿון דער נאַכט און האָבן אים ניט געפֿונען. סיי שלום עליכם און סיי דוד פּינסקי האָבן אָט די לעגענדע אין אַ טעאַטער־שפּיל פֿאַרפֿאַסט אונטערן נאָמען „דער אוצר". אין רייזענס דערציילונג „דער אוצר" איז זיין העלד, זעליק דער שניידער, יאָ באַגליקט געוואָרן: ער האָט געפֿונען דעם אוצר. דער אמת איז, אַז אַ גאַנץ יאָר פֿילט זיך דער דלות ביי זעליקן זייער באַקוועם. זייער אָפֿט קריכט זעליק מיט זיין פֿאַמיליע אויפֿן דיל, אָדער טאַפּן די שפּאַלטן אין די ווענט, און זוכט, אפשר וועלן זיי געפֿינען אַ „פֿירער" (פֿיר גראָשן), אָדער אַ „זעקסער" (זעקס גראָשן) צו קויפֿן אַ „הערינגל" צו שטילן דעם הונגער. צום באַדויערן פּאַסירן ניט אַזעלכע נסים.

בלויז איינמאָל אין יאָר באַווייזט זיך „דער אוצר". דאָס קומט פֿאָר אין די ערב פּסחדיקע טעג, ווען זעליג, זיין ווייב חיה און די קינדער שטעלן איין אַ „פּאַדריאַד" (אַ וואַרשטאַט) צו

באקן מצות. זעליג איז דער „זעצער" (אריינזעצן און ארויסנע־מען די מצות פון אויוון); חיה איז די קנעטערין; די טאָכטער איז די וועלגערין; דער יונגער בחור איז דער ריגלער, און, דאָס קליינע אינגל איז דער „שיטערל". אָפּגעאַרבעט 20 שווערע שעה, נעמט זיך די משפחה ביי זיך אין דער היים ציילן און איבערציילן דעם „קאַפּיטאַל"...

אַז די יומטובדיקע פריידיקע טעג זיינען אַריבער שטויסט די גרויע וואָכעדיקייט מיט איר נויט אַרויס די כלומישטדיקע זיכערקייט. זעליק האָט געוואָלט אויפרייסן אַ ברעט פונעם דיל, האָפנדיק, אַז ער וועט געפינען אַ „פּירער" אָדער אַ „זעקסער" צו קויפן אַ „הערינגל", האָט אים חיה ניט געלאָזט. זעליק אַליין האָט געוואוסט, אַז אונטער דער פּאָדלאָגע וועט ער אַזאַ „אוצר" ניט געפינען.

— — — —

אָט די עטלעכע דערציילונגען זיינען ווי אַ טראָפּן אין ים אין פאַרגלייך מיט די הונדערטער אַנדערע, וואָס אברהם רייזען האָט געשאַפן אין משך פון זיינע זעכציק פּראָדוקטיווע יאָרן. אָפּגעשפּיגלט האָט ער אין זיינע דערציילונגען די איבערלעבונ־גען, די געפילן, די שטימונגען, די גראַנגלען, די גרויסע נויט און די געדריקטע לאַגע פון די יידישע מאַסן, וואָס האָבן גע־לעבט אונטער אַ ברוטאַלער סאָציאַלער סיסטעם.

— — — —

אין אַלע ווערק פון אברהם רייזען — אין ליד אָדער דער־ציילונג — האָט געקלונגען זיין מונטער רוף צו די יידישע פאָלקס־מאַסן צו באַפרייען זיך פונעם ביטערן לעבנסשטייגער. ער האָט זיי גערופן:

„פאַרזאַמלט זיך, ברידער, קומט אַלע אהער... זאָל יעדער צוליייגן פעסטער אַ האַנט... מיר וועלן די הויכע, פינצטערע וואַנט צעברעכן, צעברעכן".

דער לייטמאָטיוו אין רייזענס אַ דערציילונג אָדער אַ ליד, האָט אַ נאָענטע שייכות: רייזענס דערציילונג „אַ דראַמע איבער פינף קאַרטאָפל", רופט זיך איבער מיט זיין ליד: „אַ געזינט זאַלבע אכט".

פוןביידע טראָגט זיך אַ קללה אויפן ביטערן דלות, וואָס דריקט און שטיקט.

— — — —

אין אברהם רייזענס באַנד „די לידער", וואָס באַשטייט פון צוועלף ביכער, זיינען געדרוקט 700 לידער. איינע פון די לידער שליסט זיך מיט די צוויי פאָלגנדע שורות:

> אַ, מיין אָרעם יידיש לידל —
> בלייב מיר דאָ כאָטש, וואָרעם דאָ!

אין זיינע לידער זינגט רייזען פון ליבשאַפט און צערטלעכ־קייט, פון רחמים צו די מענטשן, וואָס ליידן פון דער בייזער נויט, פון פאָדערונגען פאַר אמת און יושר, פון נאַטור שיינקייטן, פון צאָרן און פראָטעסט, פון גלויבן און האָפענונג און פון ביבלי־שע מאָטיוון. סיי אין פראָזע און סיי אין ליד איז אברהם רייזען ניט „אינזיכיסטיש". ער איז פילזייטיק. ער איז דער „פאָלקס־דיכטער", וועמען ס'איז שטאַרק נוגע דער „גרויסער צער פון דער וועלט", וואָס מאַטערט יידן און ניט־יידן. אָט דער אָנגע־ווייטאַקטער געפיל צעקלינגט זיך אין זיין ליד, „איך — וועלט", וואָס ער שליסט אָט אַזוי:

> ...אָבער, אַז מיר ביידע ליידן,
> סיי די וועלט און איך אַליין,
> האָט די וועלט נישט וואו צו קומען
> און איך האָב ניט וואו צו גיין.

רייזענס ליד „קירכן־גלאָקן" וועט בלייבן פריש און צייטיק, כל־זמן דער אַנטיסעמיטיזם־ראַסיזם וועט ניט אויסגעוואָרצלט ווערן; כל־זמן די טרעגער פון גיפטיקן האַס קלינגען אין די גלעקער „די וועלט פאַרוויגן... מיט אַ שוואַרצן, טויטן ניגון ...", און זיי זיינען גרייט: „יענעם קאָפּ צו האַקן, וועלכער בייגט זיך ניט...", צעשאַלט זיך רייזען און ער וואָרנט די גיפטמישער: „כ'האָב אַ נייעם גלאָק געשאָפן, ניט אין קירכן — אין דער לופטן ... הענג איך אים אַרויף... ניט צו שרעקן... נאָר צו וועקן ... גאָר די וועלט אין אַלע עקן... קלינגט ער מוטיק, רופט ער פריילעך: שטייט צום לעבן אויף!"...

— — — —

מעשה-נביא דיכטעט רייזען אין זיין ליד „נייע איכה׳ס". ער זינגט: „נייע איכה׳ס קלינגען... אין דער גאנצער וועלט... אין שטעט די רייכסטע... ברויט א שטיקל פעלט... מענטשן וואנדלען מיט וויטאק שארף...". (און שמאכטנדיק פאלן קינ-דער... צו דער מוטערס שויס...", דער צארטער דיכטער רייזען, וואס שטרעבט צו „פארמענטשלעכן די וועלט", שפירט, אז „ירמיהוס גייסט האט ווידער אויפגעלעבט... (אז) זיין אלטע 'איכה'... איבער לענדער שוועבט...". אין אט דעם ליכט קלינגט דער וויי-געשריי פון די מיליאנען מענטשן אין און אוי-סער אונדזער לאנד אמעריקע, וואס לייגן זיך הונגעריקע שלאפן, און עס הערט זיך דער געוויין פון די הונדערטער טויזנטער קינ-דער אין א סך טיילן פון דער וועלט, וואס שטארבן פון הונגער.

פון „איכה-געזאנג" צו טרייסט און גלויבן אינעם מארגן פירט רייזענס „דאס נייע ליד". ער זינגט האפערדיק: „און זאל ווי וויט... נאך זיין די צייט... פון ליבע און פון שלום... דאך קומען וועט... צי פרי, צי שפעט... די צייט... עס איז קיין חלום".

— — — —

אברהם רייזענס קלאסישע לידער: „הוליעט, הוליעט"; „קירכן גלאקן"; „מאי קא משמע לן?"; „די וואנט"; „א געזינט זאלבע אכט"; „דער גמרא ניגון" און א סך אנדערע זיינען סא-ציאל און וועלן זיין פריש ביז די באדינגונגען קעגן וועלכע רייזען פראטעסטירט אין די אויבערדערמאנטע לידער וועלן געענדערט ווערן.

אויף זיין אייגנארטיקן נוסח האט רייזען באזונגען אין זיינע 700 לידער, וואס ער האט געשאפן אנהייבנדיק פון 1891 ביז 1951, א צייט-פארלויף פון גרויסע היסטארישע וועלט-פאסי-רונגען בכלל און פון יידישע בפרט.

דער פאלקס-משורר רייזען האט א גרויסע צאל לידער גע-ווידמעט זיין-אונדזער נייער היים, אמעריקע. לכבוד דעם 200טן יובל פון אמעריקע וועל איך ציטירן אויסצוגן פון זיין אדע „מיט די זאפטן". זינגט ער אין:

„... געלאזט האב איך זיך—א יונגער, קוים געשטילט... און

וועלט צו וואַנדערן, ביז צי קאָלאָמבוס-לאַנד; האָט ביים ברעג אָמפּאַנגען מיך דאָס פרייהייטס-בילד,... האָב איך איר געשענקט מיין האַרץ און מיין פאַרשטאַנד... לידער געזונגען איר — גאָר אַלערליי... סיי פון הי, ווייל מיר דאָס לעבן דאָ געפעלט; ... סיי פון ווייטער, אָר'מער היים — אין פרייד און וויי... און געהאַט, צי ווייניקער, צי מער — דערפאָלג... סיי-ווי-סיי, דאָס לאַנד מיט אירע איינוואוינער איך בענטש...".

אברהם רייזען האָט אין זיינע פילצאָליקע ווערק געשילדערט דאָס ביטערע אַלטעגלעכע יידיש לעבן און אויך פאַראויסגעזען די פרייד פונעם דערוואַרטן יום-טוב. אַ סך פון דעם וואָס ער האָט געשריבן פונם לעבנסשטייגער פון פאַרגאַנגענעם נעכטן אין די שטעטלעך מיט זייער ענגשאַפט „מיטן בערגל מיסט" איז שוין מער ניטאָ.

בלייבן בלייבט מיט אונדז רייזענס רייכע גייסטיקע ירושה, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט פאַר דורות. לאָמיר פאַרווירקלעכן זיין צוואה צו פאַרמענטשלען דעם סדר העלום.

כאַווער-פּאַווער

(גרשון איינבינדער)

דער טאַלאַנטפולער שרייבער, ראָמאַניסט, דראַמאַטורג, דערציילער, פּאַרפאַסער פון חנעוודיקע קינדער-מעשהלעך און קינדער-שפּילן, פאַרצייכענער פון געריכט-בילדער, מאָלער פונעם אַלגעמיינעם ברווינזדיקן יידישן לעבן און פונעם אַלגעמיינעם אַרום, פון אויטאָביאָגראַפישע ווערק, — **כאַווער-פּאַווער**, איז אין דער אייביקייט אַוועק דעם 7טן דעצעמבער, 1964.

דאָס עצמדיקע אין כאַווער-פּאַווערס ליטעראַרישע ווערק איז זיין אייגענער נוסח, זיין זאַפטיקע יידישע שפּראַך, זיין פאַרסאַנאַזש, דער דיאַלאָג-מאָנאָלאָג פון די מענטשן, וועלכע ער שילדערט, זייער געדאַנקען-גאַנג, זייער סביבה, זייערע האַנדלונגען אין אַ סיטואַציע, אין וועלכער זיי זיינען פאַרוויקלט.

כאַווער-פּאַווער, דער וואָרט-מייסטער, איז געווען באַשאַנ-

קען מיט דער פעאיקייט אַריינדרינגען אין דער נשמה פון מענטשן, וועלכע ער שילדערט אין זיינע ווערק. צו די געפאַלענע און דערשלאָגענע האָט זיך כאַוועער־פאַוועער באַצויגן מיט טיף־מענטשלעכן מיטגעפיל, מיט ליבשאַפט און מיט רחמים. ער האָט אָנגעשטעלט אויף זיי אַ העלע שיין צו באַלויכטן זייערע פּאָזי־טיווע אָדער נעגאַטיווע האַנדלונגען. אָט־די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפט שפּיגלט זיך אָפּ אין כאַוועער־פאַוועערס עטלעכע־און־צוואַנציק ווערק, וואָס ער האָט געשאַפן אין משך פון זיינע פּראָדוקטיווע 40 יאָר.

ער האָט מיט גרוים אחריות אויסגעפילט די התחייבותן פון אַ סאָציאַלן שרייבער צו אָפּשפּיגלען רעאַליסטיש אַ סיטואַ־ציע און אירע אַנטיילנעמער.

כאַוועער־פאַוועערס ליטעראַרישער דופטיקער גאָרטן, וואָס ער האָט צעאַקערט, פאַרפלאַנצט און קולטיווירט, האָט זיך ברייט צעוואַקסן. אינעם ליטעראַרישן באַגאַזש, וואָס כאַוועער־פאַוועער האָט מיטגעבראַכט ביים באַזעצן זיך אין לאָס אַנדזשעלעס, זיי־נען געווען די ראָמאַנען „בראָנזוויל”, קלינטאָן סטריט”, „צען לאַנדסלייט” און אַנדערע שריפטן, וואָס האָבן אַרויסגערופן לויב און אַנערקענונג ביי קריטיקער פון דער בעסערער ליטעראַטור אין דער יידישער שפּראַך. אין זיין קלאַסישן ווערק „קלינטאָן סטריט” האָט כאַוועער־פאַוועער פאַראייביקט די ניו יאָרקער איסט־סאַיד מיט איר אומעט, נויט, דחקות און אָרעמשאַפט.

אין אָט־דער געגנט האָט דער דלות פאַרנומען דעם אויבנאָן. קינסטלעריש מאָלט כאַוועער־פאַוועער די מענטשן, וואָס האָבן געוואוינט אין די פינצטערע טענעמענט הייזער אויף דער איסט־סאַיד. ער נעמט אונדז מיט אויף אַ שפּאַציר איבער די איסט־סאַיד גאַסן, וואו די קינדער שרייען הילכיק בעת זיי שפּילן זיך; וואו ס׳ליאַרמען די „פושקאַרט־פעדלערס”, וואָס באַטן אָן גרוי־סע מציאות; וואו דאָס לוסטיקע וויקטראָלאַ־געזאַנג טראָגט זיך פון די אָפענע פענצטער, און וואו די פערד־און־וועגענער און די „טראָקס”, וואָס קרייצן דורך די גאַסן, אַקאָמפּאַנירן דעם אומ־דערטרעגלעכן טומל מיט זייער בראַזגעריי. אין די פאַרלאָזטע, פינצטערע טענעמענט־הייזער האָבן געוואוינט פאַרהאָרוועטע,

אויסגעמאַטערטע יידישע אַרבעטער, פּאָליטישנס, אויסוואורפן און גענגסטערס.

מיט מידת־רחמים שילדערט כאַוער־פּאַווער די „קינדער פון נויט", וואָס זיינען געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין דער פאַראומערטער איסטסאַיד, — אַ יוגנט, וואָס איז פאַרפּלאָנ־טערט געוואָרן אינעם געדריי פונעם קאָכיקן לעבן אין דער גרוי־סער שטאָט, ניו יאָרק.

אין אָט־דעם אימפּעטיקן לעבנס־שטראָם ווערט מען גע־שטויסן דורך גינסטיקע אָדער אומגינסטיקע סאָציאַלע באַדינ־גונגען צו פירן אַן ערלעך און אַנשטענדיק לעבן, אָדער זינקען אינעם זומפּ פון פאַרדאָרבנקייט.

פאַרבנרייך מאָלט כאַוער־פּאַווער די מענטשן, וועלכע ער פירט אַרוים אין זיינע ראָמאַנען. מיר באַקענען זיך מיט דעם אויסגעהאָרעוועטן האָרעפּאַשניק, וואָס פּראָטעסטירט קעגן דער שווידערלעכער עקספּלואַטאַציע; מיטן אָרעמען מיידל, וואָס ליבט זיך מיטן יונגן רעוואָלוציאָנער, נאָר חתונה האָט זי פאַרן רייכן־יונג, כדי מיט זיין פינאַנציעלער הילף אַרויסשטויסן דעם דלות פון איר מאַמעס הויז; מיט דער היימלאָזער פּראָסטיטוטקע, וואָס הויכט אוים איר לעצטן אָטעם אויף אַ טענעמענט־דאַך אין אַ קאַלטער נאַכט; מיט די גענגסטערס, וואָס באַגיין פאַרברעכנס, און מיט אַ סך אַנדערע, וואָס האָבן געוואוינט אין די פאַרחושב־טע טענעמענט־הייזער אויף דער געוועזענער איסטסאַיד.

כאַווער־פּאַווער האָט געשילדערט די שאַרפע קאָנפליקטן, וואָס קומען פאָר צווישן מענטשלעכער דערהויבנקייט און פאַר־דאָרבנקייט צווישן די, וואָס ראַנגלען זיך אַרויסצורייסן פון דער סביבה, וואָס דעגראַדירט דעם מענטשן און יענע, וואָס שטרעבן דורך ברוטאַלער מאַכט צו דערגרייכן זייער „גליק".

אין דעם ראָמאַן „קלינטאָן סטריט" איז כאַווער־פּאַווער גע־בליבן געטריי צו זיין צוזאַג, אַז **„אין דער טונקעלער זייט פונעם לעבן, אין דער וואָכעדיקייט און אומעטיקייט, וועל איך אַריינ־ברענגען פאַרבן, וואָס וועלן אויסשטראַלן דעם יום טוב און די פרייד פון דעם לעבן".**

— — — —

אין דעם ראָמאַן „די צען לאַנדסלייט" מאַניפעסטירט כאַ-וווער-פאַוווער זיין באַנעם-פעאיקייט פון דעם פּראָצעס, וואָס דער אימיגראַנט מאַכט דורך צו איינבירגערן זיך אין זיין נייער היים אַמעריקע.

כאַוווער-פאַוווער שילדערט צען יידישע יוגענטלעכע, וואָס זיינען געבוירן און דערצויגן געוואָרן אינעם שטעטעלע טשערע-מייעוו אין דער געוועזענער פאַשיסטישער רומעניע. די יוגנט-לעכע בענקען נאָך אַ ווינקל אין דער וועלט, וואו מ'קאָן פריי אָטעמען. אַמעריקע, באַשטעטיקט כאַוווער-פאַוווער, איז דאָס לאַנד, וואָס זיי האָבן געזען אין זייערע קינדערשע פאַנטאַזיעס. אין אָט דעם לאַנד, האָבן זיי געגלויבט, געפינט יעדער מענטש זיין גליק.

מיט ליבשאַפט, פאַרשטענדיקונג און איינזעעניש שילדערט כאַוווער-פאַוווער די דערהויבענע און אויך די שוואַכע כאַראַקטע-ריסטישע אייגנשאַפטן פון די לאַנדסלייט.

זיי זיינען געשטעלט געוואָרן פּנים אל פּנים מיט סיטואַציעס, געראַנגלען, וואָס די נייע סביבה האָט אַרויסגערוקט. מייסטער-האַפט שילדערט ער דעם וועג, וועלכן יעדער פון זיי האָט באַ-טראָטן לויט זייער אייגענעם אויסוואַל. דער גוטהאַרציקער כאַ-וווער-פאַוווער שענקט זיי זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. ער טיילט-מיט זייערע פריידיקע און זייערע שווערע איבערלעבונ-גען מיט אַזאַ פיינקטלעכקייט, וואָס מאַכט צו גלויבן, אַז ער אַליין איז איינער פון זיי.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס „די צען לאַנדסלייט" איז טע-מאַטיש געבויט אויף צען אינדיווידועלע מענטשן מיט זייערע אייגענע כאַראַקטער-שטריכן, שטרעבונגען און אידייען, איז כאַ-וווער-פאַווערן ביז גאָר געלונגען צו פאַראַלגעמיינערן זיי אין אַ ווערק פון אַ העכערער מדרגה.

דער ראָמאַן „די צען לאַנדסלייט", איז פאַר כאַוווער-פאַווערן געווען אַ ברייטע קאַנווע צו מאָלן קינסטלעריש די טשערעמייע-ווער מענטשן-געשטאַלטן, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען דעם סדר פון „אויסגרינען" זיך.

כאַוווער-פאַווערס ראָמאַן „די צען לאַנדסלייט" איז אַ היס-טאָרישער דאָקומענט, אין וועלכן מיר פילן זיך גאַנץ „היימיש".

ער האָט אָט־דעם ראָמאַן אָנגעהויכט מיט ליבשאַפט און פריינט־שאַפט צו די מענטשן, וועלכע ער האָט אויסגעשטאַלטיקט.

— — — —

כּאַוער־פּאַוער האָט געגלויבט, אַז ס'וועט קומען די צייט, ווען „אינמיטן דער איסטסאַיד וועט מען אויסלייגן איין גרויסן וואַלד מיט טייכלעך, וועלדלעך, גערטנער, מיט בלומען־פעלדער ... און קינדערלעך אין די צענדליקער טויזנטער וועלן אַרומלויפן אין די גערטנער..., — אַ יוגנט, וואָס וועט פאַרהילכן אַלע בוי־מער".

ער האָט ליב געהאַט קינדער. די דערציילונגען וואָס ער האָט געשאַפן פאַר קינדער זיינען ניט סתם פון אַ צויבערדיקער וואונדער־וועלט, נאָר ער האָט זיי אָנגעלאָדן מיט סאָציאַלע עלע־מענטן און מיט קינדערשער חנעוודיקייט. אַ שטילקייט און אַ טיפע אויפמערקזאַמקייט האָט געהערט אין אַ קלאַס־צימער, ווען אַ לערער, כּאַוער־פּאַוער אַליין אַלס לערער, האָט פאַר די קינדער פאַרגעלייענט אַ קאַפּיטל פון זיין דערציילונג „פון יענער זייט טייך", אָדער די קינדער מעשה „לאַבזיק", וואָס ער האָט גע־שאַפן אין די 30ער יאָרן אין צייט פון דער דעפּרעסיע ביי אונדז אין לאַנד. כּאַוער־פּאַוער'ס הינטל, לאַבזיק, ברויזט מיט רע־וואָלט קעגן דער דעפּרעסיע: ער איז מיט די דעמאָנסטראַנטן אויף די פּיקעט־ליניעס צו אָפּשטעלן עוויקציעס און ער מאַני־פעסטירט פאַר אַרבעט, פאַר ברויט, יושר און גערעכטיקייט.

דאָס בוך „לאַבזיק" ווי אויך זיין בוך „וואַוויק" האָבן די שול־קינדער געגעבן אַ רעאַלן באַגריף פונעם אַלגעמיינעם לעבן מיט זיינע קלאַסן־קאַמפן און קאָנפליקטן. כּאַוער־פּאַוער איז גע־ווען געבענטשט מיט דעם גרויסן טאַלאַנט צו דערגרייכן דאָס האַרץ און די נשמה פון קינד.

— — — —

כּאַוער־פּאַוער'ס 20 יאָר ליטעראַרישע שעפערישקייט אין לאָס אַנדזשעלעס

אין 1944 האָט כּאַוער־פּאַוער זיך באַזעצט אין לאָס אַנ־דזשעלעס. די מיטגלידער פונעם געוועזענעם יידישער פאָלקס אָרדן האָבן אים אויפגענומען דורך אַרויסגעבן זיין בוך „לעבנס

אויף דער וואָגשאָל", — אַ קאָמפּילאַציע פון געריכט־בילדער, וואָס שפּיגלען אָפּ טראַגישע, ווי אויך קאָמישע געריכט פּראָצעסן..

כאַוער־פּאַווער, דער וואָרט־מייסטער, שילדערט די מענטשן אין געריכט, די וואָס משפּטן און יענע, וואָס ווערן געמשפּט. אין די געריכט־בילדער האָט ער אַריינגעוועבט זיינע צאַרטע געפילן צו די באַליידיקטע און פאַרוואָרלאָזטע, וועמען דער לעבנס־שטראָם האָט אַרויסגעשטויסן אויף הפקר און האָט זיי פאַרוואַנדלט אין געוועזענע מענטשן. ער פילט זיך פאַרשעמט און באַליידיקט פון דער „גערעכטיקייט", וואָס דער ריכטער טיילט אויס צו די געמשפּעטע און רעכנט זיך ניט מיט די סאָציאַלע איבלען, וואָס שטויסן עלטערע און יונגע מענטשן צו אויסגעלאַסנקייט, פאַרדאָרבנקייט און פאַרברעכן. זיין באַציאונג צו די קרבנות פונעם אומיושרדיקן סיסטעם איז דורך אויס טיף־מענטשלעך.

— — — —

דאָס ווערק „די גיבורים פון דער נאַכט" האָט כאַווער־פּאַווער געווידמעט צו די העלדישע יידישע פּאַרטיזאַנען. זייערע געוואַגטע שלאַכטן און צעשטער־אַקטן וואָס זיי האָבן דורכגעפירט קעגן די נאַצישע חיות שילדערט ער זייער רעאַליסטיש. אַדאַנק דעם, וואָס ער האָט אין זיין דמיון זיך אַריבערגעטראָגן אין די פּאַרטיזאַנישע רייען און האָט זיך אַריינגעלעבט אין אַלע שווערע נסיונות פון אַ פּאַרטיזאַן, איז אים געלונגען אויסמיידן מעלאָדראַמאַטישקייט. אין זיין פאַרשטעלונגס־קראַפט איז כאַווער־פּאַווער מיטגעגאַנגען מיט די פּאַרטיזאַנען, דורכגעלעבט די יסורים פון די קרבנות און געטיילט די פרייד פון די לעבנגעבליבענע, וועלכע האָבן דערלעבט די מפּלה פון היטלערן מיט זיינע מחבלים.

— — — —

כאַווער־פּאַווערס נאָוועלע „זלמן דער שוסטער" איז אַ קינסטלערישע שילדערונג פון אַ מענטשן־געשטאַלט און פון זיין ביז גאָר אינטערעסאַנטן לעבן וועג. זלמן דער שוסטער און זיין לעבנסבאַגלייטערין, גאָלדע, זיינען געווען לאַנג־יעריקע תושבים אין לאָס אַנדזשעלעס. זלמן האָט געקאָנט און ליב געהאַט צו

דערציילן פון אַלע זיינע וואַנדערונגען און איבערלעבונגען.

כּאַוועד־פאַוועד האָט זלמנס לעבנס־געשיכטע אָנגעהויבט מיט צאַפּלדיקן לעבן און ער האָט אַריינגעוועבט אידייע און געשטאַלט. שטייגעריש־סאָציאַל האָט כאַוועד־פאַוועד געשילדערט דעם האַרעפּאַשנעם פאָלקס־מענטש זלמן, זיין ליבע גאָלדע, זיין פאַמיליע, זיינע וואַנדערונגען, זיינע פּאַסירונגען און געשעענישן, וואָס קייטלען זיך מיטן ברייטן אַלגעמיינעם אַרום; זיין פּראָצעס פון איינבירגערן זיך אין אונדזער נייער היים אַמעריקע; זיין „פילאָזאָפישער" צוגאַנג צו „סאָציאַליזם", און זיין רעאַגירן אויף געשעענישן אין און אויסער אונדזער היימלאַנד אַמעריקע.

— — — —

כּאַוועד־פאַוועדס אויטאָביאָגראַפישע ווערק: „גרשון מאיר דעם בלינדס" און „גרשון אין אַמעריקע" זיינען געשילדערט מיט אַ סך קינסטלערישער קראַפט. ביידע זיינען אַ וויכטיקער עטאַפּ אויף זיין שעפערישן וועג צו דער הייַנטיקייט. אין אָט־די ווערק האָט ער פאַרצייכנט אַ צייט־אָפּשניט, וואָס פאַרסכהכולט היסטאָרישע געשעענישן און ראַדיקאַלע ענדערונגען. ער האָט פאַראייביקט דאָס לעבן פון די יידן אין זיין געבורטשטעטל בערשאַד, אינעם געוועזענעם צאַרישן תחום המושב. קרעפטיק מאָלט ער דעם לעבנס־שטייגער פון די יידן: זייער דחקות־פרנסה, די שרעק און די אומזיכערקייט פונעם מאָרגן, די רעכטלאָזיקייט און זייער פעסטן גלויבן אין פרייהייט און גלייכהייט, וואָס זיי וועלן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער אויסקעמפן. ער שילדערט די ווייען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, דעם פּאָגראָם אין זיין שטעטל, די רעוואָלוציע, און זיין אַריבערקומען אין זיין נייער היים אַמעריקע.

ביידע אויטאָביאָגראַפישע ווערק זיינען אָנגעלאָדן מיט ביז גאָר ערנסטע סיטואַציעס און אויך מיט שאַרפן הומאָר, וואָס האַלטן דעם לייענער געשפּאַנט.

— — — —

מיט זיין נעמען אייביגן אָפּשייד פון אונדז רוט זיין פּען. ס'בענקען נאָך אים די פּאַרוואָרלאָזטע און די באַליידיקטע, וועמענס מליץ־יושר ער איז געווען; די שול־קינדער, וואָס האָבן מיט גרויס פאַרגעניגן אויפגענומען זיינע פּרעכטיקע מעשהלעך;

די בינע־שפּילער וואָס האָבן אויפגעפירט זיינע דראַמאַטישע ווערק, און אַלע זיינע חברים, פריינט און פאַרערער. מיט ווע־מענס הילף ס'איז אין 1976 אין לאָס אַנדזשעלעס אַרויסגעגעבן געוואָרן אין בוך־פאָרם זיין ראָמאַן „בראָנזוויל".

אינעם אַריינפיר פון דער נייער אויפלאַגע שרייבט יצחק אלחנן ראָנטש אין זיין „וואָרט וועגן בראָנזוויל": „כאַוועד־פאַ־ווערס „בראָנזוויל" וועט בלייבן אַ לעבעדיקער מאָנומענט פאַר דור־דורות. ניטאָ מער די אַמאָליגע בראָנזוויל, און ס'זיינען אויך פאַרשוווּנדן די כאַראַקטערן, וועלכע כאַוועד־פאַווער האָט געשילדערט אינעם בוך, נאָר כאַוועד־פאַווער איז דאָ אין אַלע ווערק, וואָס ער האָט געשאַפן און ער וועט בלייבן לעבן".

מרים פייערמאַן-לעווין

אינעם אַריינפיר צו מרים פייערמאַן־לעווינס בוך, „ציט אַ שנירל זיך", שרייבט דער באַוואוסטער דיכטער און ליטעראַ־טור קריטיקער בער גרין: „... די דערציילונגען זיינען עמאָציאָ־נעל, מיט יוגנטלעכן אימפּעט, מיט רעאַליסטישן סאָציאַלן צו־גאַנג, מיט פּראָלעטאַרישער אידייאישקייט... פאַראַן אין זיי שמייכל פון איראָניע, ביטערער סאַרקאַזם, אויך צערטלעכקייט, טיפע סימפּאַטיע, מאַמעשע וואַרעמקייט... אין די לידער שפּירט זיך דיכטערישער אומרו און אויפברויז. זיי זיינען אָבער מערסטנס דעקלאַראַטיוו..." אַט דער פּילזאַגנדיקער אַריינפיר צו מרים פייערמאַנס בוך אַטעסטירט בער גרינס ליטעראַרישע מדרגה פונעם בוך.

דעם בוך עפנט די שרייבערין מיט דעם ליד „מיין קרעדאָ". זי זינגט:

ציט אַ שנירל זיך פון מיין זיידן צו מיין טאַטן
און צו מיר.
און דאָס שנירל וועט אויף וייטער
אויך ציען זיך, קינד, צו דיר.

מרים, אַ געוועזענע לערערין פון אונדזערע וועלטלעכע קינדער־שולן, איז טיף איבערצייגט, אַז ס'איז דאָס קינד, וואָס

איז ממשיך דעם נאַציאָנאַלן קיום פון אונדזער יידיש פאָלק מיט זיינע אָנגעזאַמלטע קולטור אוצרות.

זינגט זי צו איר קינד:

ס׳האָט בר כוכבא און הירש לעקערט גאָלד
אין שנירן איינגעוועבט.
ס׳האָבן דורות גאַנצע פון די געטאָס
מיט גאָלד דאָס שנירעלע באַצירט.
וואַקס זשע, קינד מיינס, אַ גאָלד־וועכטער.
היט דאָס גאָלד אין שנירל, היט.

דער בוך באַשטייט פון דערציילונגען, מיניאַטורן, רעפּאָר־טאַזשן, ביאָגראַפישע סקיצן, הומאָרעסקן, לידער און אימפּרע־סיעס. די מענטש-געשטאַלטן מאָלט מרים רעאַליסטיש: זי ברענגט אַרויס זייערע אינערלעכע געפילן, זייער אַרט דענקען, זייער וועלט-באַנעם און דאָס אָרט, וואָס זיי פאַרנעמען אין דער געזעלשאַפט.

אין דער דערציילונג „אויף אַ זאַמדיקן באָדן״ פירט מרים אַרויס דעם מר. מאַרלענבוים, מאָדעלירער פון פרויען-קליידער. ער איז אַן „אינזיכיסטיש״ מענטשל. ער באַטראַכט זיך פאַר אַ גוואַלדענעם אינטעליגענט. אויף די אַרבעטער פון שאַפּ קוקט ער פון אויבן-אַראָפּ. זיי זיינען ניט זיין גלייכן. ס׳איז „נידעריי־קער פון זיין ווירדע״ צו אָנשליסן זיך אין דער יוניאָן. ער איז טיף איבערצייגט, אַז ניט אים וועט דער באַלעבאָס אָפּזאָגן פון זיין פּאָזיציע. ער איז דאָך אַ „דעזאַינער״. פּאַסירט האָט דאָס אומדערוואַרטעטע. אַ דערשטוינטער איז ער געוואָרן ווען דער באָס האָט אים געזאָגט: „מר. מאַרלענבוים, פון קומענדיקער וואָך אָן קריגט איר בלויז 65 דאָלאַר אַ וואָך...״. באַפרייט פו־נעם ספּאָנטאַנעם איינדרוק, פאַרלאָזט מאַרלענבוים דעם שאַפּ. אַרויסבאַגלייט האָט אים בערל דער פּרעסער מיט די שטעכיקע ווערטער: „מר. מאַרלענבוים, איר שטייט אויף אַ זאַמדיקן באָדן!״.

איבער דעם באַרג־אַראָפּ פון דער עקאָנאָמיע אין לאַנד איז מאַרלענבוים געוואָרן אַרבעטלאָז. מרים שילדערט זיין געדריקטע שטימונג: „חדשים לאַנגע מאָנאָטאָנע ציען זיך... פאַרשוואונדן

איז די רואיקייט פון הויז... מארלענבוים שפּאַצירט פון ווינקל צו ווינקל און ער שרעקט זיך".

מאַרלענבוים קאָן נישט שלום מאַכן מיטן פאַקט, אַז אים, דעם דיזאַינער, האָט דער באָס באַהאַנדלט, ווי וועלכן ס'ניט איז שאַפּ־אַרבעטער. וואו ער גייט פאַרפאָלגן אים בערל דעם פרעסערס שטעכווערטער: „מר. מאַרלענבוים, איר שטייט אויף אַ זאַמדיקן באָדן". ניט זעענדיק קיין אויסוועג פילט טאַקע מר. מאַרלענבוים, ווי ער זינקט אין אַ זאַמדיקן באָדן.

— — — —

אַנאַלאָגיש צו דער אויבנדערמאָנטער דערציילונג, איז מרים'ס שילדערונג „באַרג אַראָפּ". די מרס. בלומענקראַנץ, שרייבט מרים, האַלט זיך פאַר אַ ראַפינירטער פערזענלעכקייט, וואָס שטאָלצירט מיט איר פאַרמעגן: די רייכע היים־אויסשטאַטונג, די דריי הייזער און אַ שאַפּ פון זעכציק וועב־משינען. אָט דעם פאַרמעגן, באַרימט זי זיך, האָט זי אָנגעזאַמלט אַדאַנק אירע „ביזנעס־פעיאיקייטן". זי איז איבערצייגט, אַז זי וועט אַרויפּאַרבעטן איר מאַן צום העכסטן שטאַפּל פון דערפאָלג.

דער אומדערוואַרטערטער עקאָנאָמישער קריזיס אין לאַנד האָט צונישט געמאַכט אירע האָפענונגען. אַלעס האָט זיך אַ קייקל געטאָן „באַרג אַראָפּ". צו פאַרלייכטערן איר אייגענע עקאָנאָמישע לאַגע האָט מרס. בלומענקראַנץ פאַרדונגען דאָס אויבערשטיבל צו אַן אומבאַקאַנטן, ניט וויסנדיק, אַז ער איז אַ יוניאָן פירער, וואָס וועט אָרגאַניזירן די אַרבעטער פון איר שאַפּ.

פון אָט דעם „אומגליק" האָט זיך מרס. בלומענקראַנץ דערוואוסט, ווען איר מאַן איז אַ דערשראָקענער אַריין אין הויז און איבערגעגעבן, אַז די שאַפּ־אַרבעטער סטרייקן. מרס. בלומענקראַנץ ווייסט, אַז די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד און דער סטרייק אַלס צוגאָב איז דער שטאַרקסטער שטויס צו איר „באַרג אַראָפּ", וואָס זי איז ניט בכוח אָפּצושטעלן אפילו מיט דער הילף פון אירע „ביזנעס פעיאיקייטן".

מרס. בלומענקראַנץ איז שטאַרק פאַרצווייפלט. פון יעדן טראָט, וואָס דערטראָגט זיך צו איר פונעם קוואַרטיראַנטס אַרומשפּאַצירן איבערן אויבערשטיבל הערט זי: „באַרג אַראָפּ!, באַרג אַראָפּ!". איןביידע דערציילונגען שילדערט מרים רעאַליסטיש

דעם באַרג אַראָפּ פונעם עקאָנאָמישן קריזיס אין אונדזער היימ־
לאַנד אַמעריקע, וואָס האָט רואינירט דעם קליינעם געשעפטס־
מאַן און נאָכמער דעם אַרבעטער.

דער בייסנדיקער הומאָר אין דער דערציילונג איז ניט קיין שטערונג צו דער טראַגעדיע, וואָס מרים שילדערט אין אָט דער דערציילונג.

— — — —

מרים'ס דערציילונג „אָלגאַ" איז אַ דראַמאַטישע אָפּבילדונג פון אַ קאַפּיטל אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער באַוועגונג. זי מאָלט דאָס לעבן פון אַן אימיגראַנט, זיין פרוי און זייער טאָכ־טער, אָלגאַ. אין דער נייער היים אַמעריקע פון וועלכער דער אימיגראַנט איז שטאַרק באַגייסטערט, אַרבעט ער אַלס קוילן־גרעבער. פון דער שווערער אַרבעט אין דעם פינצטערער קוילן־גרוב ווערט ער אַנטוישט. ער פּלאַנירט זיך אומקערן צו זיין היימלאַנד. דאָס ביסל אָפּגעשפּאָרטע געלט פאַר דער רייזע איז דורך זיין אויסשטיין פון דער אַרבעט פאַראורזאַכט פון זיין אָפּגעשוואַכטן געזונט און דורך די אָפטע סטרייקס, ווי מיטן רויך אַוועק. פון ערגערניש נעמט ער זיך צום ביטערן טראָפּן. מיט טיף מיטלייד שילדערט מרים דעם קוילן גרעבער, וואָס עגבערט אַ שטיינערנע וואַנט אינעם קוילן גרוב, ווען „ס'האָט אַ זעץ געטאָן אַ פּלאָס, אַ פּלאַקער...". פאַרברענט געוואָרן איז דער קוילן גרעבער...

אָלגאַ האָט געהייראַט אַ קוילן־גרעבער, וואָס גרייט זיך צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע פון זיין פאַך צו סטרייקן. גלייכצייטיק גרייטן זיך אויך די באַראָנען פון די קוילן־מינען צוצעברעכן דעם סטרייק מיט דער הילף פון זייערע אַרויסהעלפער: דער מעיאָר, וואָס האָט איינגעשוואוירן 25 שעריפס; דער גאָלעך, וואָס פּריידיקט צו די פרויען פון די קוילן־גרעבער, אַז זיי זאָלן ניט דערלאָזן זייערע מענער צו סטרייקן און ס'זיינען אויך געדונגען געוואָרן אַ צאָל שפּיאָנען. אָלגאַ איז די איינציקע, וואָס האָט פרייוויליק אונטערגענומען צו פאַרשפּרייטן צווישן די קוילן־גרעבער דעם רוף צו סטרייקן.

אָלגאַ, וואָס האָט קלאַסנקאַמף געלערנט פון ביטערער דער־פאַרונג און פונעם טראַגישן טויט פון איר פאָטער, רעפּרעזענ־

טירט די העלדישע ארבעטער-פרויען, וואָס קעמפן פאַר ברויט און פאַר גלייכע רעכט מיט די מענער-אַרבעטער.

אין אָט דער דערציילונג שילדערט מרים אַן עפּיזאָד, וואָס איז אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער געשיכטע פאַרשריבן מיט בלוט און מאַרך פון די קוילן-גרעבער.

———

אין דער דערציילונג „דאָס שולד-געפיל", מאָלט מרים דאָס געזעגענען זיך פון אַ מוטער מיט איר זון, — אַ רעקרוט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי פאַר דער שמוציקער מלחמה אין וויעט-נאַם. ביידע, די מוטער און דער זון, זיינען פּרינציפּיעל-אויסגעהאַלטענע קעגנער פון דער מלחמה. דאָס שולד-געפיל מאַטערט דער מוטער, פאַר וואָס איר איז ניט געלונגען צו באַוועגן דעם זון צו בלייבן געטריי זיינע פּרינציפּן. אויך דער זון פילט, אַז ער איז שולדיק פאַר נעגירן זיין קעגנערשאַפט צו דער באַרבאַרישער מלחמה אין וויעטנאַם.

צו אויסדריקן איר שאַרפן פּראָטעסט צו דער בלוטיקער מלחמה באַטייליקט זיך די מוטער אין דעמאָנסטרירן פאַר שלום. איינדרוקספול איז מרים'ס שילדערן אַ דעמאָנסטראַציע פאַר שלום, אין וועלכער זי איז אויך פאַרטראָטן. ס'איז אַן ערלעך בילד פון אַ דעמאָנסטראַציע פון צענדליקער טויזנטער מענטשן מיט זייערע פּלאַטערנדיקע טראַנספּעראַנטן, וואָס ציט זיך פאַר מיילן לאַנג.

———

אַ נאָכקלאַנג פון דער צווייטער וועלט-מלחמה איז מרים'ס דערציילונג „מודה אני לפניך". ס'איז די געשיכטע פון אַ יידיש קינד, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון זיכערן טויט אַדאַנק דעם, וואָס ער איז אַריינגענומען געוואָרן אין אַ מאָנאַסטיר. דעם קינדס מוזיק-פעיאיקייטן האָבן ביי די מאָנאַסטיר-שוועסטער אַרויסגערופן באַוואונדערונג. פאַרן יידישן מוזיק לערער, וואָס איז נאָך דער גרויליקער וועלט מלחמה געקומען אין שטאָט, האָט מען פון מאָנאַסטיר אים דערציילט וועגן דעם באַגאַבטן בחורל. דער מוזיקער איז געווען פאַראינטערעסירט אויסגעפינען דעם נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם פונעם קינד. אַלץ, וואָס דאָס קינד האָט געדענקט זיינען געווען די דריי ווערטער, וואָס זיין באָבע האָט

יעדן פרימאָרגן געזאָגט: „מודה אני לפניך". פאַנטאַזיע, אָדער ווירקלעכקייט האָט אין געוויסטע פאַלן געהאָלפן קינדער צו דערוויסן זיך זייער נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייט.

— — — —

כאַראַקטעריסטיש איז מרים׳ס דערציילונג „אויפן פּיקעט לאַין", — איר ערשטע דערפאַרונג אין צייט פון אַ סטרייק. זי שילדערט איר ציטער-געפיל און דאָס האַרץ-קלאַפּעניש, וואָס זי האָט געליטן, ווען דער פּאָליציאַנט מיט זיין וואַלגער-האָלץ האָט ניט אויפגעהערט צו באַפעלן שטרענג: „קיפּ אָן וואָקינג".

— — — —

מרים׳ס בוך „ציט אַ שנירל זיך" שליסט איין דער-ציילונגען, מאָנאָלאָגן, הומאָרעסקעס, מיניאַטורן, רעפּאָרטאַזש און ביאָגראַפישע סקיצן. פון אַלע דערמאָנטע איז דער מאָנאָלאָג „אַ פּינטעלע", — אַ פּסיכאָ-אַנאַלאָגישע פאָרשונג, אין וועלכער מרים וויל זיך דערגרונטעווען „ווער בין איך?, און וואָס בין איך?". זי גריבלט זיך אַזוי לאַנג ביז זי קומט צום שלום: „איך בין דער מענטש, — דער קעניג פון דעם קאָסמאָס".

— — — —

פון די 21 לידער אין מרים׳ס בוך „ציט אַ שנירל זיך" איז וויכטיק ציטירן אויסצוגן פון זיי. אינם ליד „דער רויטער נביא" שטעלט ער זיך פאָר:

„איך בין דער גילגול פון דעם בלוט / פון אַלע מענטשלעכע מאַרטירער... / געבראַכט איך האָב אַ נבואה: / נישט לאַנג נאָך וועט איר זיין געדריקט — / אָט באַלד וועט קומען די ישועה. / אויף די קברים פון די מאַרטירער / שפּראָצן וועט אַ נייע וועלט".

אָוודאי האָבן שוין אַ סך דיכטער אונדז צוגעזאָגט אַז די „ישועה" איז שוין ביי דער טיר, אָבער כל-זמן די וועלט איז נאָך ניט אויסגעלייזט און די מענטשהייט איז נאָך ניט פריי וויסן מיר, אַז צו פאַרווירקלעכן אָט-די נבואה מוז מען קעמפן פאַר דער „נייער וועלט".

— — — —

מיט פּראָטעסט און אויפברויז קלינגט דאָס נעגער-ליד „היט דאָס גאָלד אין שנירל, היט!". דער נעגער ברויזט קעגן „גרויע טעג פון נויט / טעג פון קייטן / טעג פון דחקות און פון קויט".

דאָס ליד איז אַ פֿאָדערונג אויסצוווארצלען דעם ראַסיזם, וואָס פֿאַרפֿלייצט אַמעריקע.

אַ פּאַראָדיע אויף דער דורכגעפֿאַלענער „בעי אָוו פּיגס" אינוואַזיע אין קובאַ איז מרים'ס ליד „אַ חתונה אויף דעם אַטלאַנטיק".

אינעם ליד „דאָס טעלערל פֿון הימל„ זינגט מרים אַן אָדע צו דער היינטצייטיקער פּרוּוו פֿאַר צערייסן „די מיטלאַלטערלעכע פּענטעס", וואָס האָבן פֿאַרלאַנגזאַמט דער מאָמעס טריט / און פֿאַר באַפֿרייען זיך פֿונעם חושכדיקן געמיט", „פֿאַר אַנהויבן זיך מיט גלויבן אין אַ שטראַלנדיקן מאָרגן / פֿאַר מאַרשירן מיט דער מענטשהייט (צו) דערגרייכן דאָס טעלערל פֿון הימל".

מיט פֿריידיקער באַגייסטערונג באַגריסט די שרייבערין „דעם נייעם טאָג מיט זיינע טרוימען„ אין איר ליד „וועלט, נעם-צו מיין האַרציקן צושטייער". „כ'שפּאַציר מיט פֿריידן און גע-נוּם געאָרעמט און אַ ניגון שטיל איך ברום: / איך בין אַ שותּף צום אָרום!". די חיות רעות וואָס שרעקן פֿאַריאָג איך מיט אימ-פּעט פֿון מיין שטעקן / שוואַכער ווערן בייזע ווינטן / אונטער גלויבן מיין געזונטס". פֿרייד און גלויבן זיינען די שטאַרקסטע וואָפֿן צו באַזיגן אַלע שמרויכלונגען, וואָס צוימען דעם גאַנג צום ליכטיקן מאָרגן.

מרים איז שעפֿעריש פּראָדוקטיוו, אירע דערציילונגען און אירע לידער דערשיינען אין צייטשריפֿטן. אַ ביז גאָר קרעפֿטיקע פּאָעמע איז „איענדע", דער געוועזענער פּרעמיער פֿון טשילע, וועמען די אינלענדישע פֿאַשיסטן מיט דער מיטווירקונג פֿון אויס-לענדישע שונאים פֿון דעמאָקראַטיע האָבן אים אומגעבראַכט. שליסט מרים די פּאָעמע מיט אַ רוף צו די דעמאָקראַטישע כּוחות פֿון טשילי: „גייט אָן מיט אייער שטרייט!... נצחון איז ניט ווייט!... איענדע איז דאָ!... טויזנטער איענדעס זיינען דאָ!... ס'האָט ניט געשלאָגן נאָך... די לעצטע שעה!".

אין אירע ווערק דריקט מרים אויס אירע פּערזענלעכע באַ-ציאונגען צו די מענטשלעכע געשטאַלטן, וואָס זי שילדערט און צו די סיטואַציעס, וואָס די צייט רוקט אָרויס. דער בוך „ציט אַ שנירל זיך" איז דער צווייטער, וואָס מרים האָט געשאַפֿן. ס'איז אַ נייער שטאַפּל אין איר ליטעראַרישער אַנטוויקלונג.

ברוך מילער-דער דערציילער

אין זיינע פילצאָליקע דערציילונגען פירט דער שרייבער מילער אַרויס אַ פיל-געשטאַלטיקן פערסאָנאַזש. ער שילדערט דראַמאַטישע סיטואַציעס, צוזאַמענשטויסן, אָנשטרענגונג, ליבע, צאָרן און האַס, דאגות-פּרנסה, אַרבעטער-קאַמפּן און איבער-געלאָדענעם וואָוילטיק פון דעם פאַרמעגלעכן.

מילער איז אַ גוטמוטיקער און געלאַסענער מענטש, אַט-די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפט זיינע שפּיגלט זיך אָפּ אין זיין שעפערישקייט.

כאָטש אַ סך פון זיינע דערציילונגען, פאַרצייכענונגען, ביל-דער און נאָוועלן זיינען אָנגעלאָדן מיט פּראָבלעמען און קאָנ-פליקטן, באַנוגנט זיך מילער מיט בלויז שילדערן די סיטואַציע, די האַנדלונג אָדער די אַקציע, אין וועלכע זיין פּערסאָנאַזש איז פאַרוויקלט. ער רעאַגירט ניט דורך אויסטייטשונג, גוטהייסונג אָדער קריטיק. דעם פּערסאָנאַזש, וואָס מילער צייכנט אין זיינע ווערק, שטייט-פאַר איינע-און-די-זעלבע אויפגאַבע: קעמפן צו אָפּשאַפן דעם סאָציאַל-עקאָנאָמישן אומיושרדיקן לעבנסשטיי-גער און איבערבויען די וועלט אויף נייע סאָציאַל-יושרדיקע יסודות.

מילערס ווערק זיינען איינגעזאַמלט און פיר ביכער. זיינע דערציילונגען דערשיינען אין דער „מאָרגן-פרייהייט", אינעם איקוף-זשורנאַל „יידישע קולטור" און אינעם זשורנאַל „זאַמ-לונגען".

מילערס ערשטער בוך „פּשוטע מענטשן", אַרויסגעגעבן פון ברענטש 220 פונעם געוועזענעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער-אָרדן (1941), באַשטייט פון 36 דערציילונגען פון פאַרשיידענער טעמאַטיק: שאַפ-בילדער און פון דעם אַלגעמיינעם ברייטן אַרום, וואו דער „פּשוטער מענטש" (פאָלקס-מענטש) ראַנגלט זיך טאָג איין, טאָג אויס מיט פּראָבלעמען און שטרענגט זיך אָן צו גע-פינען אַן אויסוועג, וואָס זאָל אים, אויב ניט אינגאַנצן באַפרייען פון דער שווערער לאַגע, זאָל ער כאָטש קאָנען פאַרבעסערן זיין צושטאַנד.

„אין אַ העלן טאָג„ די דערציילונג אינעם בוך „פּשוטע מענטשן”, פירט מילער ארוים דעם שאַפּ אַרבעטער זעלניק, וואָס איז שטאַרק אויפגערעגט אויפן באַלעבאָס פאַר באַליידיקן זיין ווייב, וואָס אַרבעט מיט אים אַ מאַשין קעגן אַ מאַשין.

זעלניק פילט זיך שולדיק פאַר איר, וואָס זי מוז אַרבעטן אין שאַפּ און איבערלאָזן די קליינע קינדער, אַז זיי זאָלן אויפפּאַסן אויף זיך אַליין.

נאָך דער אַרבעט זיינען זעלניק מיט זיין פרוי געגאַנגען צו דער יוניאָן אָנקלאָגן דעם באַלעבאָס פאַר זיין ווילדער גראָבקייט. דאָס מיידל אויף יענער זייט פענצטערל פונעם אָפיס האָט גאַנץ געלאַסן אויסגעהערט די באַליידיקטע מרס. זעלניק און האָט פאַרציכנט די אָנקלאַגע אָן באַמערקונגען.

אויפן וועג אַהיים האָט זעליק געטראַכט, אַז דאָס מיידל וועט זיי צוריקרופן. אַזוי שליסט מילער די דערציילונג, גלויבנדיק, אַז די שאַפּ אַרבעטער ווי אויך די יוניאָן וועלן ניט פאַרשווייגן דעם ווילדן אויסברוך פונעם באַלעבאָס.

אין דער דערציילונג „אין אַ קענדי סטאָר” באַווייזט מילער, אַז ער האָט אַן „אָפן אויג” פאַר סיטואַציעס, וואָס ער אַבסערווירט.

מילער שילדערט דעם מר. לאַנדיס, אַ געוועזענער אַרבעטער, וואָס האָט באַשלאָסן צו פאַרלייכטערן זיין אַרבעט. געקויפט האָט ער אַ קענדי סטאָר, וואו ער, צוזאַמען מיט זיין פרוי האָרעווען שווער זיבן טעג אַ וואָך, פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין אָוונט. קרעפּטיק מאָלט מילער דאָס „פאַרלייכטערטע” לעבן פון די לאַנדיסעס.

מיטן גאַנג פון דער צייט איז זיי נמאס געוואָרן דאָס חנפענען זיך צו די קאָסטימערס. דאָס רופן די שכנים צום טעלעפאָן, די וויציקע געשפּרעכן צווישן זיך אַליין צו פאַרברענגען די צייט ווען קיין קונים זיינען ניטאָ, און, ענדלעך, דער באַשלוס צו פאַרקויפן דאָס „געשעפט” צו באַפרייען זיך פון דער „לייכטער” פּרנסה. ווען זיי האָבן זיך באַפרייט פונעם געשעפט, האָבן זיי פּשוט ניט געוואוסט ווי אַזוי אויספילן די „פרייע” צייט. אין זיין לאַנגוויייליקייט האָט מר. לאַנדיס געזאָגט צו זיין ווייב: „דבורה,

ניט געווען באַדאַרפט פאַרקויפן די „קענדי סטאָר״. זי האָט אַ ציטער געטאָן און געשוויגן״.

אין אָט דער דערציילונג שילדערט מילער אַ בילד ווען אַן אויסגעמאַטערטער שאַפּ אַרבעטער האָט צוליב איין סיבה אָדער אַ צווייטער געקויפט אַ קענדי סטאָר, אָדער אַן ענלעך געשעפט, צו „פאַרלייכטערן״ דאָס לעבן. די לאַנגע שעהן און די מאָנאָטאָנקייט האָבן צונישט געמאַכט די האָפענונג.

— — — —

אין דער דערציילונג „אַ גנבה״ נעמט אונדז מילער מיט אַלס עדות פון אַ טראַגישער פּאַסירונג אין אַ קליין שטעטל אין דער אַלטער היים.

שמואל, דערציילט דער מחבר, איז באַשעפטיקט בייטאָג ביי פאַרשיידענע מלאכות און ביינאַכט איז ער אַ היטער פון די קראָמען אין מאַרק. מאַטערט זיך דער שטאַרק באַשעפטיקטער פרנסה־געבער צעזאַמען מיט זיין פאַמיליע, וואָס לעבט אין גרויס אָרעמקייט און נויט.

די פיינלעכע שרעק, וואָס שמואל האָט איבערגעלעבט אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, ווען אַ גנב האָט זיך אריינגעבראָכן אין אַ קראָם, מאָלט מילער זייער איינדרוקספול. אינדערפרי, ווען די קרעמער האָבן אויסגעפונען וועגן דער גנבה, האָבן זיי געשאָלטן שמואלן פאַר דערלאָזן צו אַ גנבה.

אומדערוואַרט האָט זיך די צערייצטע שטימונג פון די קרעמער געענדערט: שמואלס טויטער קערפער איז געפונען געוואָרן צווישן די הילצערנע קראָמען.

„די קרעמער האָבן באַדויערט און די קרעמערקעס האָבן מיט זייערע שמוציקע פאַרטוכער געווישן זייערע פאַרוויינטע אויגן״. „פון צייט צו צייט״, שליסט ברוך די דערציילונג, „קומט גאָלדע, שמואלס ווייב, אויפן בית־עולם, צעלייגט זיך אויפן בערגל, אונטער וועלכן ס׳רוט איר שפייזער און בעט אים, אַז ער זאָל זיך מיען פאַר איר און פאַר די קינדער...״.

אין אָט־דער דערציילונג באַווייזט דער שטילער, רואיקער שרייבער, אַז ער באַנעמט אַ טראַגישן פאַל און ער מאָלט אים מיט טיפער פילבאַרקייט.

— — — —

מילערס ביכל „אַ וועלט מיט וועלטעלעך" איז אַ זאַמלונג פון מעשיות פאַר קינדער. אינעם מעשהלע „דער רבי וויל ניט שטאַרבן", שילדערט ער, ווי שטאַרק דאָס קינד, לייבל, ווערט באַווירקט פונעם רבינס רייד וועגן „יענער וועלט". דאָס קינד האָט זיך איינגאַנצן אַריבערגעטראָגן אין זיין געדאַנק אין דער פאַנטאַסטישער „יענער וועלט" מיטן גן־עדן, מיט אַלע גוטע זאַכן, וואָס וואַרטן אויף אַ צדיק נאָכן טויט. לייבל גייט אַרום אַ פאַרכישופטער, ער עסט, און טרינקט ווייניק און שלאָפט ניט געזונט. ער האָסט די וועלט דערפאַר, וואָס זי איז לויטן רבין ניט קיין שיינע. מילער מאָלט די יסורים פון טאַטע־מאַמע און פון דעם אויסגעצערטן פאַרחלומטן קינד, וועמען דער טויט איז ניחא, כדי זיך אַריינכאַפּן אין „יענער וועלט". פּלוצלינג ווערט דער רבי שטאַרק קראַנק. דער טויט וויל אים אַריבערשיקן אויף „יענער וועלט", וואו ס'וואַרט אויף אים אַ בענקעלע אין גן־עדן. שטאַרק איז לייבלס אַנטוישונג, ווען דער רבי בעט זיך: „ראַטעוועט מיך! איך וויל ניט שטאַרבן!" „דער רבי איז געזונט געוואָרן און האָט פאַרגעזעצט זיינע צויבער־מעשיות פון יענער וועלט. לייבל האָט זיך צום רבינס מעשיות מער ניט צוגעהערט. ער האָט ניט מוחל געווען דעם רבין, פאַרוואָס ער „וויל ניט שטאַרבן"" און וויל לעבן אויף דער „ניט שיינער וועלט", וואָס ער פאַרמיאוסט אין זיינע מעשיות פאַר די קינדער.

— — — —

אין די יידישע קינדער־מעשיות פאַרנעמט דער הונט אַן אָנגעזעען אָרט: „ראַבטשיק" אין שלום־עליכמס ווערק; „טיגער" אין לאַמעד שאַפּיראָס אַ דערציילונג און „לאַבזיק" ביי כאַוועראַפאַוועור. דער הונט אין מילערס קינדער־מעשה, הייסט „דער גילגול". מיט אַט־דעם נאָמען האָט אים געקרויינט דער רב פון שטעטל. דער רב האָט דערקלערט, אַז אַ נשמה פון אַ זינדיקן מענטשן איז נאָך זיין טויט אַריין אינעם הונט, אָפּקומען די שטראָף כדי ער, דער פאַרשטאָרבענער ייד, זאָל זיין באַרעכטיקט צו זיצן אין גן־עדן. דער „גילגול" איז, אַזוי ווי זיינע ברידערהינט „ראַבטשיק" און „טיגער", אויסגעשטאַנען גענוג צרות און געליטן הונגער. טראַגיש איז „דער גילגול" אומגעקומען:

ער האָט, זוכנדיק שפּייז, אַריינגערוקט דעם קאָפּ אין אַ טאָפּ, פון וועלכן ער האָט זיך ניט געקאָנט באַפרייען. „ער איז באַגאַנגען זעלבסמאָרד", האָט מען געשמועסט. דער הונט איז באַפרייט געוואָרן פון דעם פינצטערן לעבן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט. זיין ביטערן גורל האָבן באַוויינט די קינדער ווי אַ נאָענטן מענטשן. די דערציילונגען „דאָס לאָשיקל", „אַ טשערעדע האָט געוויינט" און אַלע אַנדערע אינעם ביכל, „אַ וועלט מיט וועלטעלעך" באַווייזט מילער, אַז ער האָט אַ פיינעם חוש פאַר קינדער-מעשיות. ער הויכט זיי אָן מיט קינדערשן חן און ער פלאַנצט איין אין די קינדערשע הערצעלעך אַ פריינטלעכע באַציאונג צו היימישע חיהלעך.

— — — —

די דערציילונגען אין מילערס בוך „אין גרויע טעג" זיינען טאַקע „גרוי" אין שייכות מיט דעם, וואָס די געשילדערטע מענטשן מאַכן דורך. דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם בילד „אַ שאַפּ האָט זיך צוגעמאַכט". פאַרשיידן זיינען די סיבות פאַר וואָס אַ שאַפּ מאַכט זיך צו. די סיבה פאַר וואָס אָט דער שאַפּ מאַכט זיך צו איז דערפאַר וואָס דער אייגנטימער האָט שוין אָנגעזאַמלט אַ סך געלט האָט ער באַשלאָסן אַז ער וויל זיך באַפרייען פון די אַרבעטער מיט דער יוניאָן. דעם קלאַנג, אַז דער שאַפּ מאַכט זיך צו האָט פאַרשפּרייט די בוכהאַלטערין.

שטאַרק אומעטיק איז געוואָרן אין שאַפּ. אַלע אַרבעטער זיינען באַאומרואיקט. פאַרלאָזט האָבן דעם שאַפּ אַלע אַרבעטער, געבליבן איז בלויז באַרני דער פּרעסער. פון דער פּוסטקייט אין שאַפּ איז אים אַ שרעק באַפאַלן. אָן אויפגעצאָרנטער האָט ער אַ שליידער געטאָן דעם פּרעס-אייזען אויפן טיש אַלס פּראָטעסט קעגן דעם וואָס אויף דער עלטער דאַרף ער זוכן אַ דזשאַב, נאָכדעם וואָס זיינע בעסטע כוחות האָט ער פאַרשווענדט אינעם שאַפּ, וואָס מאַכט זיך צו דערפאַר וואָס דער אייגנטימער האָט אָנגעזאַמלט אַ סך געלט. אָט די דערציילונג איז געשריבן געוואָרן אין צייט פון דער צווייטער וועלט-מלחמה. ביז גאָר רירנדיק און האַרציק זיינען אַלע דערציילונגען, וואָס מילער שילדערט אינעם בוך „גרויע טעג". דער לעבנס-גאַנג פון די מענטשן וואָס ער מאָלט איז פאַרצוויגן אין אַ גרויען נעפּל.

סאַרקאַסטיש מאָלט מילער דעם מר. גאָלדשטיין, אַן אייגנ־טימער פון אַ שאַפּ און אַ פּרעזידענט פון אַ סינאַגאָגע, אין דער דערציילונג „אין אַ הייליקן טאָג". די יום כיפּורימדיקע תפילות, דאָס געזאַנג פונעם חזן מיט די זינגער, דאָס שורשען פון די מחזורים־בלעטער מאַכן אים נערוועז. זיינע געדאַנקען זיינען אינעם שאַפּ און דער עיקר דאָס טרעפן זיך מיט זיין פריינט דזשעק, וואָס האָט זיין שאַפּ אַריבערגעפירט אין אַ קליין שטעטל און ער האָט זיך באַפרייט פון דער יוניאָן מיט אירע פאָדערונ־גען. די באַגעגעניש מיטן פריינט קומט פאָר אין אַ „גויאישן" רעסטאָראַן, וואו זייער שמועס קומט פאָר.

מוראָ האָבנדיק, אַז זיי וועלן פאַרשפּעטיקן צו „יזכור" איילן זיך ביידע אָנגעפּרעסענע באַלעבעסלעך צוריק אין שול אַריין.

מיטן צעעפנטן מחזור אין די הענט איז מר. גאָלדשטיין שטאַרק פאַרנומען אויסאַרבעטן פּלענער ווי אַזוי אַריבערפירן דעם שאַפּ אינעם שטעטל פון זיין פריינט דזשעק, כדי זיך באַ־פרייען פון דער יוניאָן. אין דער געלונגענער דערציילונג האָט מילער קלאָר אַרויסגעבראַכט צוויי שאַפּ־באַלעבאַטים, וואָס עקספּלואַטירן זייערע אַרבעטער, מאַכן אַ פרומען אָנשטעל, אַז זיי גלויבן אין גאָט. סיי די געשפּרעכן, סיי די כאַראַקטער־שטריכן פון ביידע באַלעבעסלעך האָט מילער רעאַליסטיש אי־בערגעגעבן.

אין קאָנטראַסט צו דער דערציילונג „אין הייליקע טעג" — אַן אָפּשפּיגלונג פונעם יידישן אַמעריקאַנער לעבן — שילדערט ברוך מילער טיף־מענטשלעך צוויי וואַסערפירער אין דער „אַלטער היים" אין זיין בילד „אַ נאַסער מלך".

ערב־פּסח האָט אבע'ס פערד אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם. אַ פאַראומערטער דערציילט ער זיין „קאָנקורענט", יאָסל, פון דעם גרויסן אומגליק, וואָס ס'האָט אים געטראָפן. גערירט פון דער געשעעניש, שלאָגט יאָסל פאָר, אַז זיי זאָלן אַרבעטן צוזאַמען. שפּעט פאַרנאַכט איז יאָסל אַהיים געקומען „פיטש־נאַס" און שרעקלעך אויסגעהאָרעוועט. אַן אויסגעצוי־גענער אויפן בעט, איז זיין מוח איבערגעלאָדן מיט צאָרן, מיט־געפיל און מיטלייד. מיט צוגעמאַכטע אויגן מורמלט ער: „מי

במים, אוי, מי במים!" דאָס איז אַ פּרעכטיק בילד, קינסטלעריש געמאָלן!

— — — —

רעאַליסטיש איז מילערס דערציילונג „דער גאַנג פון לעבן". ער דרינגט אַריין פּסיכאָלאָגיש אינעם געדאַנקען-גאַנג פון די עלטערע מענטשן, וואָס זיינען געצוואונגען אויסבייטן זייער היים פאַר אַ „האָום". דער שרייבער פירט פאַר אונדז אַרום אַ גרופּע עלטערע מענטשן, וואָס וואוינען אין דער :האָום". מיר הערן זייערע געשפּרעכן, וואָס איז דער עיקר פון זייער צייט-פאַרטרייב; די געשאַפענע סביבה וואָס אָט דער עלעמענט באַטראַכט אַלס סביבה פון „געוועזענע מאַכערס". דאָס בילד איז פּאַטעטיש. אַן ענדערונג קומט פאַר, ווען איינער פון זיי פאַרבענקט זיך נאָר דער ניו יאָרקער איסטסאַיד, וואו ער האָט אַמאָל געוואוינט. אויף זיין שפּאַציר איבער די גאַסן זעט ער ווי דאָס נייע שטויסט אַרום דאָס אַלטע. טיילנדיק זיך זיינע איינדרוקן מיט זיינע פריינט אין דער „האָום" קומען זיי צום שלום, אַז: „מ'דאַרף לעבן מיטן גאַנצן האַרצן, הנאה האָבן פון יעדער מי-נוט". כאָטש דער שרייבער מילער דערזאָגט ניט ווי אַזוי „דער גאַנג פון לעבן" „זאָל אין דער „האָום" ניט זיין לאַנגווייליק און אויסגעליידיקט איז זיין דערציילונג אַ פּיל באַדייטנדיקע.

— — — —

אין דער נאָוועלע „צוויי משפּחות" שילדערט מילער אַ פאַר-שידנאַרטיקן פּערסאָנאַזש מיט זיינע אַמביציעס, אַנטוישונגען, האָפענונגסלאָזיקייט, געיעג נאָך פּראָפיטן, ראָמאַנטיזם, אינ-טריגעס און גראָבקייט. אין דער נאָוועלע שפּיגלט זיך אָפּ טראַ-געדיע, פאַמיליע-צעשטערונג, וואָס דאָס יאָגן זיך נאָך פּראָפיטן פאַראורזאַכט. פון צייט צו צייט פירט ברוך מילער אַרום ליכ-טיקע מאָמענטן און מענטשלעכע באַציאונגען צווישן די צוויי משפּחות. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די זייער געלונגענע נאָ-וועלע ליידט פון צופיל „באַריידעוודיקייט", מאָלט אָבער מילער זייער געטריי די מענטשן-געשטאַלטן און זייערע האַנדלונגען, וואָס קומען-פאָר אין צייט פון דער ערשטער וועלט-מלחמה.

— — — —

אין די פיר ביכער, וואָס ברוך מילער האָט אַרויסגעגעבן, זיינען אָנגעזאַמלט 100 דערציילונגען, שאָפּ-בילדער און פאַרצייכענונגען פונעם אַלגעמיינעם ברייטן אַרום. זיינע שאָפּ-בילדער זיינען רעאַליסטיש געמאָלן, אַדאַנק דעם, וואָס ער אַליין האָט יאָרן-לאַנג געאַרבעט אין אַ שאָפּ. מילער איז אָבער אויך „היימיש", ווען ער מאָלט דעם ברייטן אַרום. די מענטשן-געשטאַלטן, די געשעענישן און די פּאַסירונגען, וואָס ער אָבזערווירט. די „העלדן" פון זיינע ווערק זיינען יידן און ניט-יידן, שוואַרצע און ווייסע. זיין טיפּאַזש איז געמאָלן מיט אינדיווידועלע כאַראַקטער-שטריכן. אויך זיינען זייערע האַנדלונגען אייגנאַרטיק. אַזוי ווי אונדזער ברוך מילער איז זייער שעפעריש, וועט מען דאַרפן מיט דער צייט נאָך ברייטער אַנאַליזירן און אָפּשאַצן זיין ווירדיקן צושטייער צו אונדזער פּראָגרעסיווער יידישער ליטעראַטור.

רפאל פּאָזנער

אין דעם אַריינפיר צו זיין ערשטן בוך „אַ מענטש אין וועג" (1954) שרייבט רפאל פּאָזנער: „אין קיין אוניווערזיטעטן בין איך נישט געגאַנגען. דאָס ביסל קענטעניש, וואָס איך האָב זיך דערוואָרבן, איז דורך מיין אייגענער מי — אַדאַנק דעם פּראָגרעסיוון קרייז, פון וועלכן איך בין אַ טייל, און וואו מען האָט מיך געלערנט שטרעבן צו וויסן, צו שיינקייט און ריינקייט פון מענטשלעכע טאָטן. איך קאָן דעריבער ניט פּרעטענדירן אויף אַ ליטעראַרישן סטיל".

אין זיין ניי-דערשינענעם בוך, „וועגן פעלקער און לענדער", שרייבט פּאָזנער אינעם אַריינפיר: „... איך האָב ניט געהאַט קיין הויכע בילדונג, — וואָס איז זיך דאָ צו שעמען?". אָט די אָפנהאַרציקייט דאַרף ניט פאַרשטאַנען ווערן, ווי אַ ווענדונג צו די קריטיקער צו זיין צו קריטיש צו זיינע ביכער, וואָס ער האָט געשאַפן.

דער תמצית פון זיין שרייבן, דערקלערט ער, באַשטייט אין דעם, וואָס: „איך קאָן ניט אויסטראַכטן קיין מעשה, אָדער אַ

דערציילונג, — דאָס, וואָס איך שרייב דאַרף זיין אַ שטיק אמת".

אוודאי איז באַשיידנקייט מצד דעם שרייבער אַ גרויסע מעלה. זי מינימיזירט אָבער ניט זיינע פעאיקייטן צו באַנעמען געשעענישן אויף זיין פאָלקסטימלעכן שטייגער צו פאַרצייכנען רעאַליסטיש אַלץ, וואָס ער אָבסערווירט דורך דעם געשריבע־נעם וואָרט אין דער זאַפטיקער טאָג־טעגלעכער יידישער שפּראַך.

די פּעריפעריע וואָס פּאַזנער דעקט אין זיינע דריי בי־כער, איז גרויס: **ער איז אַ מענטש אין וועג.**

אין דעם באַלוט (לאָדזש), וואו ער איז געבוירן געוואָרן האָט ער זיינע קינדער־יאָרן פאַרבראַכט.

ער נעמט אונדז פאַר אַ שפּאַציר איבער די גאַסן און געס־לעך פונעם באַלוט מיט די אָפּגעלאָזטע הייזער. שווער און איבל־דיק איז די לופט פון די הויפנס שמוץ, אין וועלכע ס'פּלאָדיען זיך ראַצן און ווערים. פון יעדער וואוינונג שרייט אַרוים די אָרעמ־קייט. אומדערטרעגלעך איז די צאַרישע לאַפּע וואָס הערשט איבער לאָדזש, דער עיקר קעגן די רעוואָלטירנדע אַרבעטער.

אין צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט פּאַזנער פאַרלאָזט דעם באַלוט. ער פאָרט קיין אַמעריקע. דער וועג ציט זיך דורך דייטשלאַנד, בעלגיע, פּאַריז, קובאַ און מעקסיקאָ. אַ לאַנגן שווערן וועג האָט ער דורכגעקרייזט ביז ער איז ענדלעך „מיט דער לינקער פוס אַריין אין אַמעריקע".

פּאַזנערס איינבירגערן זיך דאָ אין אַמעריקע איז אונדז אי־מיגראַנטן ניט פרעמד. אין 1946 האָט ער באַזוכט לאָדזש, וואַר־שע, טשענסטאָכאָוו און אַנדערע שטעט. שפּאַצירן מיר מיט אים אין דמיון איבער די שטעט, וואָס די נאַצישע בעסטיע האָט חרוב געמאַכט; מיר בראָדזשען איבער די גאַסן, אויף וועלכע ס'וואַלגערט זיך ברוכוואַרג פון די פאַרברענטע הייזער, און אַ שרעק באַפאַלט אונדז פון זיין אויסגעשריי: „אַלץ איז אָפּגע־מעקט!". אַ גרויל גייט איבערן לייב אַז מיר לייענען פון זיין באַזוך אינעם מאָרד־לאַגער דראַנסי, ניט ווייט פון פּאַריז. די געדריקטע שטימונג לייזט זיך ביסלעכווייז אויף פון דער אויפ־שריפט אויף אַ וואַנט: **„מוטיק געלעבט, מוטיק געשטאָרבן".**

„פּאַזנער שרייבט זיינע איינדרוקן מיט אַן אָפּגעהאַקטן

אַטעם", האָט דער פאַרשטאָרבענער ליטעראַטור-קריטיקער י. ב. ביילין געשריבן.

— — — —

אינעם צווייטן בוך „היים און וועלט" איז פּאַזנער אויפן וועג צו מדינת ישראל. ער באַזוכט בערלין, פּאַריז, איטאַליע און אַנדערע געגנטן. ער שילדערט אינטערעסאַנט זיינע „נסיות און אימפּרעסיעס" פון די שטעט, פון די מענטשן, מיט וועלכע ער קומט אין באַרירונג. זיינע איינדרוקן וואָס מדינת ישראל מאַכט אויף אים מאָלט ער ראָמאַנטיש. פון באַזונדערן אינטערעס איז זיין איין-טאָגיקער באַזוך ביים אייכמאַן-משפּט.

ער שילדערט דאָס עדות-זאָגן פון די היטלער-קרבנות, וואָס האָבן זיך על פּי נס געראַטעוועט פון די נאַצים. די גרויזאַמע איבערלעבונגען, וואָס די עדות דערציילען אין געריכט, רופן-אַרויס אַ יאָמערלעכן געוויין ביי די עדות, ביי די ריכטער און ביי די אַנוועזנדע אין געריכט. אָט-דאָס גרויל-קאַפּיטל מאָלט פּאַזנער שטימונגפול. זיין שווערער געמיט-צושטאַנד ווערט פאַרגיטיקט דורך דער באַגייסטערונג, וואָס פילט-אָן זיין גאַנץ וועזן פון דעם „קאָכיקן לעבן" אין מדינת ישראל. אַ „פאַרכישופטער" שפּאַצירט ער איבער די גאַסן און בולוואַרן אויף וועלכע דער מענטשן-פאַרקער איז גרוים און שפּרודלדיק.

אין זיינע פאַרצייכענונגען דערציילט דער מחבר פון „צופרידענע און אומצופרידענע געשפּרעכן", וואָס די מענטשן פירן צווישן זיך. ער שילדערט דעם קאָנטראַסט פון אָרעם און רייך, וואָס זעט זיך זייער בולט אין מדינת ישראל. מיט פאַרדראָס שרייבט ער פון די בעטלער און פון די גראָשינאָווע געוועלבלעך, וואָס דערמאָנען אים אין דעם געוועזענעם פּוילן. ער פּראָטעסטירט קעגן דער שענדלעכער צעטיילונג צווישן „ווייסע" און „שוואַרצע" יידן. פּאַזנערס באַגייסטערונג פאַר די גרויסע דערגרייכונגען אויף דעם אַגריקולטורעלן, אינדוסטריעלן, קולטורעלן און עקאָנאָמישן געביט וועגדט ניט אָפּ זיין חוש פון די סאָציאַלע אומגלייכהייטן און אומרעכט, וואָס עקזיסטירן אין מדינת ישראל. ער שילדערט פּשוט און פאַרשטענדלעך זיינע איינדרוקן.

— — — —

אינעם בוך „היים און וועלט" לאָזט זיך פאָזנער אַרויס אויף לאַנגע שפּאַצירן איבער די גאַסן און געסלעך פון האַליוואוד. ער דערציילט וועגן דער אַזוי־גערופענער צויבער־שטאָט מיט אירע וואונדער: „די פּראַכט און גלאַנץ פון די פילם־הייזער; די גרויסע קראָמען מיטן בלענד פון די נעאָן רעקלאַמעס און די אָרעמקייט, וואָס האָט זיך באַזעצט אין די זייטיקע געסלעך...".

זיין בוך „היים און וועלט" שליסט זיך מיט עסייען וועגן שרייבער. צום שבח פון פאָזנערן דאַרף מען אונטערשטרייכן, אַז סיי די פאָרם, סיי דער אינהאַלט זיינען געשריבן אין אַ פיינעם ליטעראַרישן סטיל.

פאָזנערס בוך „וועגן פעלקער און מענטשן" באַשטייט פון דריי טיילן: „אין וועג", — זיין באַזוך אין אַ צאָל אייראָפּייאישע לענדער, זיינע באַגעגענישן מיט מענטשן, עפּיזאָדן, איינדרוקן און אָבסערוואַציעס.

די צווייטע טייל איז געווידמעט דער שטאָט לאָס אַנדזשע־לעס, וואו ער מיט זיין פרוי שרה זיינען לאַנגיאָריקע תושבים. אין אָט דער אָפּטיילונג שילדערט ער געשעענישן, דערציילונ־גען, איבערלעבונגען פון מענטשן, מיט וועלכע ער טרעפט זיך, זייערע ראַנגלענישן מיטן טעגלעכן לעבן און מיט זייערע האָ־פענונגען צו באַפרייען זיך פונעם צושטאַנד, וואָס דריקט און שטיקט.

די דריטע טייל פונעם בוך „אימפּרעסיעס" איז אַן אויסדרוק פון אָנערקענונג צו מענטשן פאַר זייערע וויכטיקע און ווירדיקע פּאָזיציעס, וואָס זיי פאַרנעמען אינם קולטורגעזעלשאַפטלעכן יידישן לעבן.

אין זיינע דריי ביכער, וואָס ער האָט אונדז געשאָנקען, דערשיינט דער מחבר פאָזנער „דער מענטש אין וועג", — אויף אַ וועג, וואָס ציט זיך פונעם באַלוט אין לאָדזש ביז זיין היים אין לאָס אַנדזשעלעס, — אַ וועג אַ לאַנגער, אָנגעלאָדן מיט פרייד און אויך מיט שוועריקייטן.

דער וועג פאַר זיינע ווייטערדיקע **„נסיעות און אימפּרעסי־עס"** איז נאָך אָפן. האָפן מיר, אַז ער וועט אונדז נאָך מכבד זיין מיט זיינע נייע רייזע־בילדער און איינדרוקן.

פאַזנערס דריטער בוך „וועגן פעלקער און לענדער" איז אייגנטלעך אַ פאָרזעצונג פון זיין ערשטן בוך „אַ מענטש אין וועג". ער לאָזט אונדז וויסן, אַז ער איז אויפן וועג קיין פוילן. ער באַזוכט שיקאַגאָ — „די שטאָט, וואו ער און זיין פרוי שרה האָבן געלעבט, געקעמפט, געסטרייקט, געזיגט, געוואונען און פאַרלוירן... נאָסטאַלגיע... זכרונות פון ראָמאַנטישע צייטן". אין האַליפאַקס, קאַנאַדע, וואַרט די שיף „באַטאָרי", וואָס פירט פאַסאַזשירן קיין פוילן. (די פאַזנערס פאָרן צום 25טן יאָרטאָג פונעם אויפשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ). ער דערציילט אונדז פון זיינע שמועסן מיט פאַסאַזשירן, וואָס קערן זיך אום צו זייער היימלאַנד, פוילן און פון דעם גורל פון די יידן אין דענמאַרק אין די פינצטערע טעג פון היטלעריזם...

איינדרוקספול שילדערט פאַזנער זיין באַזוך אין די רעס־טאַוורירטע שטעט, וואַרשע, לאָדזש און טשענסטאָכאָוו. זיין באַ־זוך אין אוישוויץ — דער גיהנום אין וועלכן די היטלעריסטן האָבן פאַרגאַזט און פאַרברענט פיר מיליאָן מענטשן. פאַזנערס באַשרייבונג פון זיין באַזוכן דעם אוישוויענטשים־מוזיי דרינגט אַריין טיף אין דער נשמה. איר ברויזט אויף פון די אופשריפטן אויף די ווענט, וואָס דערציילן פון די פיזישע און גייסטיקע יסו־רים, וואָס די קרבנות זיינען אויסגעשטאַנען. איר ווערט דער־שיטערט פון „... די בערג קינדערשע שיכלעך... פון די קינסט־לעכע גלידער פון אינוואַלידן", וואָס דער מחבר רעכנט־אויס אויף זיין באַזוך אינעם אוישוויענטשים לאַגער. מיר פאָלגן אים נאָך אויף זיין באַזוך אין פראַג. ער פירט־אַרום געשיכטע־עפּי־זאָדן פון דער אַלטער שטאָט, וואו יידן האָבן געלעבט, געשאַפן, סיי אין צייטן פון אונטערדריקונג און פאַרפאָלגונגען, און אוודאי אין צייטן פון גלייכבאַרעכטיקונג. דאָס קאַפּיטל פראַג מאָלט ער איינדרוקספול. מיט נשמה־ציטער שרייבט ער פון די אומגע־קומענע יידן און ניט־יידן, קרבנות פון די נאַצישע רוצחים.

די שטעט, וואָס פאַזנער באַזוכט אויפן וועג אַהיים, ווי אויך די מענטשן, מיט וועמען ער קומט אין באַרירונג, די פּאַסירונ־גען, וואָס קומען־פאָר און אַפילו קוריאָזן, וואָס רופן אַרויס אינ־טערעס, זיינען קורץ און בילדלעך אָפּגעשפּיגלט.

פאַזנער, „דער מענטש אין וועג", האָט אין זיינע דריי בי־

כער געשילדערט רייזע־בילדער, זכרונות, מיניאַטורן, פּאַסירונ־גען און באַגעגנישן מיט מענטשן. דער סטיל פון זיינע באַשריי־בונגען איז דורכגעוועבט מיט דראַמאַטישקייט און ראָמאַנטיש־קייט, עמאָצין און מיט לייכטן הומאָר.

ער באַנעמט גרינטלעך דאָס פּאָזיטיווע, דאָס גוטע און יושר־דיקע און אויך דאָס נעגאַטיווע, די סאָציאַלע עוולות, דיסקרי־מינאַציע, די אָרעמקייט און דעם העסלעכן ראַסיזם.

— — — —

אין פּאָזנערס בוך „וועגן פעלקער און לענדער" פאַרנעמט די שטאָט לאָס אַנדזשעלעס מיט איר „צויבער־געגנט", — האָ־ליוואוד, — דעם סאַמע אויבן אָן. אַנהייבנדיק מיטן אַריינפיר „ווען האָליוואוד איז געווען אַ ווילדערניש", פאָלגן נאָך באַ־שרייבונגען פון פּאַסירונגען, באַגעגנישן מיט פילם דירעקטאָרן, באַזוכן אין פילם־סטודיאָס מיט זייערע מאַגישע אויסשטאַטונ־גען, וואָס פאַרכאַפּן דאָס אויג, די געגנטן וואו די רייכע וואוינען, די געסלעך וואו די נויט און דחקות שרייט פון די הייזער אַרוים, בילדער פון סטודענטן־־דעמאָנסטראַציעס, פון „היפּים", וואָס פּראָטעסטירן קעגן דאָס בייזע, פונעם „פאַרשוואונדענעם, פאַנ־טאַסטישן פּעריאָד אין האָליוואוד" און פון הייזער, וואו מ'היילט אַלקאָהאָליקער און נאַרקאָטיקער פון „דער העכערער געזעל־שאַפט".

פאַר אַ צייט האָט פּאָזנער געוואוינט אין איינע פון די האָליוואודער געסלעך זיינע פּרימאָרגנדיקע שפּאַצירן האָבן פאַר אים געשאַפן די מעגלעכקייט צו אָבסערווירן און אָפּבילדן שריפטלעך זיינע איינדרוקן.

פון די בילדער, וואָס שמידן־צו די אויפמערקזאַמקייט פו־נעם לייענער איז „אַ קינד וויינט אין האָליוואוד". פּאָזנער שרייבט פון זיין באַגעגענען אַ צען יעריקע וויינענדיקע מיידע־לע, אַ באָרוועסע און געקליידעט אין טראַנטעס. דאָס קינד האָט פאַרלוירן דעם האַלבן דאָלאַר, וואָס די מאַמע האָט איר געגעבן איינקויפן מעל צו באַקן ברויט. פּאָזנער, וואָס האָט זיין יוגנט געלעבט אינעם לאַדזשער באַלוט, באַנעמט אָט די טראַגעדיע מיט אַלע זיינע מענטשלעכע חושים. ער פירט אַריין דאָס מיידע־

לע אין אַ דערבייאיקן מאַרק, וואו מעל קאָן מען, כלומרשט, באַקומען אויף באָרג.

ניט קיין רחמנות-געפילן וויל פּאָזנער אַרויסרופן ביים לייענער, נאָר אָפּשפּיגלען דעם קאָנטראַסט צווישן דעם לעבנס-שטייגער פון די האַליוואָודער „שטערן" און די האַליוואָודער פּאַמיליעס ביי וועמען דער האַלבער דאָלאַר איז דאָס סאַמע לעצטע פונעם פאַרמעגן.

— — — —

דאָס בילד „זעקס פייגעלעך" איז אַ מעשׂהלע מיט אַ מוסר-השכל, שרייבט פּאָזנער. דאָס יונגע פּאָרל, וואָס וואוינט אַנטקעגן „קאָן מען מיט דער האַנט דערלאַנגען". די רוטין פון זייער טעגלעכן לעבן איז מאָנאָטאָן: אַרבעטן, אָנשטעלן די טעלעוויזיע, וואָס גרילצט אויף די העכסטע טענער, ווען זיי קומען אַהיים נאָך דער אַרבעט, צוגרייטן און עסן דעם אָוונט-מאָלצייט. זייער צייט פאַרטרייב זיינען די קאַץ „קוואַטראַ" און דעם הונט „סינקאַ", אויף וועמען זיי פּאַסן אויף מיט ליבשאַפט ווי אויף צוויי קינדער. ווען קוואַטראַ האָט שפּאַצירנדיק אין הויף באַמערקט ווי צוויי פייגעלעך זיצן אויפן פּלויט און שמועסן געמיטלעך, האָט זי זיך אַלאַז געטאָן מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ, אַריינגעכאַפּט אין אירע לאַפּעס דאָס קליינע פייגעלע, דאָס דערשטיקט, אויפגעגעסן, זיך באַלעקט און מיט די לאַפּעס זיך אַרומגעוואַשן.

שפּאַצירנדיק איבערן הויף אַ צווייטן מאָל האָט קוואַטראַ באַמערקט ווי זעקס פייגעלעך האָבן זיך אויסגעזעצט אויפן פּלויט. דער אַפּעטיט פון פייגל-פלייש האָט זי גערייצט. ווען זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך די פייגעלעך האָבן זיי זי אַרומגערינגלט און זיי האָבן זי אַטאַקירט. ווען דער הונט, סינקאַ, איז אויף איר ביטערן מיאַוקען געקומען זי ראַטעווען, זיינען די פייגעלעך אַרויף אויף די ביימער.

„די קאַץ איז געבליבן מיט טיפע רויטע פלעקן אויף איר ווייסער פעל. וועט דאָס די קאַץ געדענקען?", פרעגט ער.

פּאַנטאַזיע, אָדער ווירקלעכקייט קאָנען יחידים און אַפילו פעלקער פון אַט דעם מעשׂהלע אַ סך לערנען.

— — — —

דער אינהאַלט פון פּאַזנערס בילד „אַ רייזע אין דער מדבר" איז אַן אַוואַנטורע פון אַ פּיפּיקן אַגענט, וואָס זאָגט צו דאָס טעלערל פונעם הימל. דער אַגענט שלאָגט פאָר אַן אומזיסטיקע רייזע אין דער מדבר, וואו מ'קאָן איינהאַנדלען לאַנד פאַר אַן אייגן ווינקל מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן.

די רייזענדע וועלן אין משך פונם טאָג אויך באַקומען גע־שמאַקע מאָלצייטן אין מיליאָנערסקע רעסטאָראַנען אומזיסט. דער שאָפער פונעם באָס קלערט אויף די אינטערעסאַנטע פלע־צער וואָס מ'פאָרט פאַרביי. דער וועג צום צוגעזאָגטן לאַנד ציט זיך דורכן געדיכטן מדבר, וואו די זון באַקט אונדערטרעגלעך. ענדלעך איז מען שוין אויפן געהעריגן פּלאַץ.

דער אַגענט וויקלט פאַנאַנדער אַ גרויסע מאַפּע מיט פּינ־טעלעך, וואָס זיינען די לאַנד־שטרעקעס, אויף וועלכע מ'קאָן בויען הייזער דורך איינצאָלן אַ קליין ביסל געלט. יענע, וואָס וועלן אויפשטעלן אַ וואוינונג פאַר זיך, וועלן זיין שכנים מיט די גרעסטע האָליוואודער שטערן, וואָס וואוינען טאַקע ניט ווייט פון דאַנען, פאַרזיכערט דער אַגענט. די אומזיסטיקע מיט־פאָרער האָבן זיך ניט געלאָזט כאַפּן אויף דער ווענטקע...

דר. חיים לובין

פון דער צייט ווען דר. לובין האָט פאַרלאָזט דאָס שטעטל ברוסילאָוו, וואו ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן, ביז זיין באַזעצן זיך אין לאָס אַנדזשעלעס, האָט ער דורכגעמאַכט אַ לאַנגן וועג. אין משך פון אָט דער צייט זיינען פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען אויפן פּאָליטיש־עקאָנאָמישן און סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכן געביט אין אַ סך לענדער אין דער וועלט, ענ־דערונגען, וואָס האָבן געווירקט ניט נאָר אויפן לעבנסשטייגער, נאָר אויך אויפן געדאַנקען־גאַנג פון די מענטשן.

באַשאָנקען מיט אינטעלעקטואַלע פעיאיקייטן האָט דר. לו־בין באַנומען דעם באַטייט פון די ענדערונגען, וואָס די צייט האָט אַרויסגערוקט. אָט די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפט

האָט אים באַגלייט ווען ער האָט אַלס יונגער בחור באַטראָטן אונדזער נייע היים אַמעריקע.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך עטאַבלירט אַלס דענטיסט האָט ער זיך גענומען באַרייכערן זיין וויסן. דאָס בוך און דער ספר זיינען ביי אים עד היום דער קוואַל פון וועלכן ער שעפּט זיין וויסן.

זיין קרעדאָ איז לערנען, שטודירן און פאָרשן, כדי צו העלפן באַדינען די קולטור-געזעלשאַפטלעכע קרייזן מיט זיין וויסן. אַ דאַנק זיין באַהאַוונטקייט אין דער העברעיאישער, רוסישער און דער עיקר אין דער יידישער און ענגלישער שפּראַך, איז זיין וויסן אַ פיל באַדייטנדיקער.

דר. לובינס אַ פאָרטראַג אויף אַ ליטעראַרישער טעמע אין דער יידישער אָדער ענגלישער שפּראַך ווערט אויפגענומען מיט טיפן אינטערעס און ווערט ווי געהעריג אָפּגעשאַצט. גאָר באַזונדערס צייכנט ער זיך אויס מיט אַ לעקציע אויף דער טעמע פון פּלאַסטישער קונסט, דער עיקר יידישע, ווי אויך פון אַלגעמיינער יידישער קונסט.

אין זיינע לעקציעס אָדער אַרטיקלען ברענגט דר. לובין אַרויס ניט נאָר די פאָרם פון דעם קונסט-ווערק, וואָס ער שאַצט אָפּ. ער טייטשט-אויס און פאַרטייטשט די סוביעקטיווקייט פון יעדן שטריך פון דער סקולפּטור, קונסט-בילד אָדער צייכענונג, וועגן וועלכער ער רעפערירט אָדער שרייבט. ער קלערט-אויף דעם סאָציאַלן כאַראַקטער פון דעם קונסט-ווערק און די צייט — דעם געשיכטלעכן מאָמענט — וואָס דאָס ווערק קאָנקרעטיזירט. דר. לובינס אַ רעפעראַט אָדער אַ געשריבענע אָפּהאַנדלונג וועגן אַ קונסט-ווערק, וואָס רופט זיך איבער מיטן ווייטן נעכטן פונעם יידישן לעבן, איז אָנגעהויכט מיטן גייסט פון די סאָציאַלע נביאים און מיט די דערהויבענע מאָראַלישע מענטשלעכע געדאַנקען.

דר. לובין איז גוט באַהאַוונט אין דער יידישער און ניט-יידישער געשיכטע. ער באַנעמט די וויכטיקסטע געשעענישן פון יעדער געשיכטלעכער עפּאָכע וואָס האָט פאַר אַלע מענטשן בכלל און פאַר די יידן בפרט געבראַכט גליק, פרייד און ליכט, אָדער אומגליק, טרויער און פינצטערניש.

אין אַ רעפּעראַט אָדער אין אַ געשריבענער אָפּהאַנדלונג וועגן אַ סטאַטוע, אַ בילד, אָדער אַ צייכנונג, וואָס פּערזאָניפי־צירט אַ ביבליש, תנ״כיש אָדער מיטאָלאָגיש געשטאַלט, וואָס איז פּאַראייביקט אין דער יידישער אָדער ניט יידישער געשיכטע, קלערט־אויף דר. לובין דעם באַטייט פון „ליכט, קאָליר, רואי־קייט, געמיטלעכקייט, עמאָציע, שאָטן און דינאַמיק״, מיט וועל־כע דער קינסטלער האָט זיך באַנוצט, כדי אָפּצושפּיגלען דעם כאַראַקטער און די קוואַליטעט פון דעם קונסט־ווערק.

מיט אויסערגעוויינלעכער פּינקטלעכקייט פירט דר. לובין אַרויס יידישע סקולפּטאָרן, מאָלער, קינסטלער פון פּלאַסטישע ווערק און סטאַטועס, ווי אויך צייכנער. ער שטעלט זיי פאָר דורך זייער אינטערעסאַנטע ביאָגראַפישע באַמערקונגען וועגן זייער אָפּשטאַם, זייער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס אויפן קינסטלע־רישן געביט; דערמאָנט די ווערק, וואָס זיי האָבן געשאַפן און ברענגט־אַרויס דעם קינסטלערישן ווערט און די מדרגה פון זייע־רע געשאַפענע קונסט־ווערק.

דר. לובינס אַרויספירן יידישע קינסטלער דאַרף פאַרשטאַ־נען ווערן ווי אַ פּראָיעקט צו באַשטעטיקן, אַז ס׳איז דאָ יידישע קונסט פון אַ ספּעציפיש יידישן כאַראַקטער, און וואָס איז גע־

שאַפן פון יידישע קינסטלער.

אין דעם זשורנאַל „יידישע קולטור״ (מאַי, 1944) שרייבט ער: „... ווילן מיר זוכן דעם סאָציאַלן מאָטיוו פון וועלכער ס׳ניט איז קונסט־פאָרם, מוזן מיר זיך אַרונטערלאָזן אין די טי־פעניש פון פאָלקס־שאַפונג. דאָס הייסט (נעמען אין באַטראַכט — י. א.) זיין דעקאָראַטיווע קונסט, זיין אַרכיטעקטור, וואָס זיינען שטאַרק באַאיינפלוסט פון לאָקאַלן שטייגער־לעבן, פון איינגעבאָרענער טראַדיציע און געשמאַק״.

ער באַשטעטיקט פאַקטיש, אַז „יידן האָבן שטענדיק גע־האַט גרויסע מייסטערס פון מעטאַל אַרבעט, שמוק, זייד און געוואַנט־פאַרבעריי. זיי האָבן זיך באַנוצט אויף אַ ברייטן מאָס־שטאַב מיט זייער גראַפיק אין זייערע מגילות, הגדות, און אַנ־דערע אויסגאַבן. מ׳קאָן זאָגן, אַז ס׳איז ניטאָ קיין געביט פון דע־קאָראַטיווער קונסט, מיט וועלכער יידן האָבן זיך ניט באַנוצט אין זייער קולטורעלן אויסלעבן זיך״.

דר. לובין איז באַלאָדן מיט וויסן פון דעם „בראשית" אין דער יידישער קונסט, מיט איר אַנטוויקלונגס פּראָצעס ביז דער סאַמע מאָדערנסטער פאָרמע.

אין זיינע אַנאַליטישע אָפּשאַצונג וועגן קונסט, מינדלעכע אָדער שריפטלעכע, איז זיין יידישע שפּראַך ניט נאָר טערמינאָלאָגיש צוגעפּאַסט צום ענין, נאָר איז בכלל ריין, דייטלעך און קלאָר.

דער ליטעראַטור קריטיקער שלום שטערן שרייבט: „דר. לובין לייענט אַ קונסט-בילד ווי מיר לייענען אַ בוך... ער איז אַ גוטער אויסטייטשער מיט אַ קלאָר לשון".

אין אַן אַרטיקל אין דער „יידישער קולטור" פון דעם 27טן מאַי, 1958, האָט דר. לובין מיט צער און ווייטיק רעאַגירט אויף יוסף סאַנדעלס צוויי בענד „יזכור" נאָך די אומגעקומענע יידישע קינסטלער אין פּוילן. גרויס אַנערקענונג קומט דעם דר. לובין פאַר זיין געלונגענער איבערזעצונג אין דער ענגלישער שפּראַך הערש סמאָליאַרס בוך „אין דער מינסקער געטאָ".

דר. לובינס פאַרצווייגטע טעטיקייט אויפן ליטעראַרישן און אַנאַליטישן קונסט געביט שפּיגלט זיך אָפּ אין פּראָגרעסיווע צייטשריפטן איןביידע שפּראַכן: יידיש און ענגליש.

ער באַקעמפט די פאַלשע נביאים, וואָס זאָגן פאָרויס דעם אונטערגאַנג פון דעם לשון יידיש. ער שרייבט: אַלס סעקולערע, פּראָגרעסיווע יידין איז אונדזער אָריענטאַציע געבויט אינגאַנצן אויף די פאָלקסווערטן, פאַרקערפּערט אין דער יידישער שפּראַך. מיר מוזן אָבער זוכן דערנענטערונג מיט אונדזערע ענגליש-רעדנדיקע ברידער און שוועסטער".

— — — —

באַלערנד און אינפאָרמאַטיוו-אינטערעסאַנט איז דר. לובינס בוך „ריבוירט אָוו דזשואיש אַרט" (דער ווידערגעבורט פון דער יידישער קונסט). ס'איז אַ גרויסער צושטייער צו דער געשיכטע פון קונסט ביי יידן.

אינעם אַריינפיר צו זיין בוך ווייזט ער אָן, אַז די קינסטלער מרדכי אַנטאָקאָלסקי, איסאַק לעוויטאַן, באָריס שאַץ, יוסף איזראַעלס, מאָריס גאָטליב, שואל הירשענבערג און ענריקאָ גלינצשטיין ווערן זעלטן דערמאָנט, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי-

ערע קונסט־ווערק אויף יידישע אָדער אַלגעמיינע מאָטיוון זיינען אַ וויכטיקער ביישטייער צו דער מאָדערנער קונסט.

די זיבן קינסטלער, וועלכע ער שילדערט זיינען געבוירן געוואָרן אין די יידישע געטאָס פון די מזרח, אָדער צענטראַל־אייראָפּייאישע לענדער. אַט די קינסטלער האָבן באַנומען די היסטאָרישע צייט מיט אירע פּראָגרעסיווע ריכטונגען און באַוועגונגען וואָס האָבן זיך אָנגעהייבן אין מיטן 19טן און אין אָנהייב 20טן יאָרהונדערט. יענע תקופה איז באַוואוסט מיט אירע גרויסע דערגרייכונגען מיט אירע סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע אידייען און מיט אירע נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע באַוועגונגען צו באַפרייען זיך פון די דעספּאָטישע הערשער. אין יענע טעג האָבן זיך אָנגעהייבן ברעכן די געטאָ־ווענט וואו די יידן זיינען געווען פאַרשפּאַרט.

דר. לובין אונטערשרייכט, אַז די כמעט פאַרגעסענע קינסטלער, וועלכע ער שילדערט, האָבן איז זייערע שאַפונגען אַרויסגעבראַכט די געשטאַלטן, די טראַדיציעס און די סביבה פון יענע ווייטע טעג און זיי האָבן באַלעבט אַן עפּאָכע, וואָס רופט אַרויס גרויס אינטערעס ביי אונדז יידן ווי אויך ביי ניט־יידן.

די זיבן יידישע קינסטלער האָבן אין זייערע ווערק געשאַפן דער עיקר אויף יידישער טעמאַטיק, „שופר בלאָזן". ליכט בענטשן" לכבוד שבת „דער יידישער שניידער", וואָס פאַרפעדימט אַ נאָדל; „שפּינאָזאַ", בעת מען פאַר'חרמ'ט אים; „יום כיפור אין שול" בעת יידן דאַווענען; און אַנדערע בילדער. זיי שפּיגלען־אָפּ געמיטלעכקייט, עמאָציע, פרייד, טרויער, גלויבן און האָפענונג.

פאַראַן יידישע קינסטלער, וואָס באַשטרייטן דעם געדאַנק, אַז ס'איז דאָ אַ ספּעציפיש־יידישע קונסט. אַט־די אָפּלייקענער ווייזן־אָן, אַז דאָס אָפּבילדן אַן אָביעקט דורך שניצן דאָס האָלץ, אָדער מאָלן דאָס אויף פּאַפּיר, אָדער דורך אויסגיסן דאָס פון מעטאַל, אָדער אויסהאַקן דאָס פון שטיין, אָדער פּראָדוצירן דאָס דורך אַנדערע מאַטעריאַלן, איז ניט די נאַציאָנאַלע אָנגעהערי־קייט פון וועלכן־ניט־איז פאָלק.

די פּלעאַידע יידישע קינסטלער, דער עיקר יענע פון זיי, וואָס זיינען געווען באַהאַוונט אין יידישער געשיכטע, האָבן זיך

פאַרנומען אַפּבילדן היסטאָרישע עפּיזאָדן פון יידישן וויטן אַמאָל דורך פאַרשיידענע קונסט־פאָרמאַציעס.

איינער פון אַזעלכע קינסטלער איז יצחק איטקינד, אַ געוועזענער רב, וואָס האָט אויפגעגעבן זיין שטעלע אַלס רב און זיך גענומען צו דער דלאָטע און צום האַמער אָפּבילדן זיינע געדאַנקען און אידייען.

אין אַ עסעי (אינעם איקוף־זשורנאַל „יידישע קולטור") שרייבט דר. לובין, אַז איטקינדס מאָטיוון זיינען געווען דאָס יידישע לעבן, בעסער געזאָגט, דער געראַנגל צו לעבן. איטקינדס סקולפּטורן בילדן־אָפּ גירוש, דלות, רעכטלאָזיקייט, בטחון, טראַדיציע, מנהגים און אַנדערע מאָטיוון פון דעם יידישן לעבן.

אין זיינע באַלערנדיקע עסייען וועגן יידישער קונסט בכלל און נאָך מער אין זיינע אָפּהאַנדלונגען וועגן די זיבן קינסטלער אינעם בוך „ריבוירט אָוו דזשואיש אַרט", באַשטעטיקט דר. לובין, אַז אָט־די קינסטלער האָבן גרינטלעך באַנומען דאָס פאָלקיש־טראַדיציאָנעלע פון דעם יידישן לעבנסשטייגער פון דער צייט און זיי האָבן דאָס אָפּגעבילדט אויף פּאַפּיר, לייוונט, האָלץ, שטיין, מעטאַל, גראַפיק, גראַוויר, בוך־אילוסטראַציעס און דורך אַנדערע קונסט־אופנים.

דר. לובין גלויבט, אַז די זיבן קינסטלער, וואָס האָבן געלעבט אין די געטאָס פון דעם געוועזענעם רוסלאַנד און פּוילן זיינען אויך געווען די אַספּיראַנטן פון דער מאָדערנער יידישער קולטור און פון אַ געזונט יידיש לעבן.

אין זייערע קונסט־שאַפונגען האָבן זיי קאָנקרעטיזירט תנכישע וויזיעס, פאָלקס באַוועגונגען, טרוימען, אַספּיראַציעס און גלויבן פאַרן ליכטיקן מאָרגן.

דר. לובינ'ס בוך „ריבוירט אָוו דזשואיש אַרט" איז אַ ווערטפולער צושטייער פאַר יידן, נאָכמער פאַר דער יוגנט, וואָס איז ניט באַקאַנט מיט דער געשיכטע פונעם יידישן אַמאָל און מיט די שעפערישע קולטור כוחות, יידישע קינסטלער ארייגנערעכנט.

צווישן די פאָרשער פון קונסט און איר געשיכטע, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן מיט אויפריכטיקער אָפּשאַצונג אויף דר. לובינ'ס בוך איז דר. עריק רעי, קונסט דירעקטאָר פון דער „יוניווערסיטי אָוו דזשודאַיזם" אין לאָס אַנדזשעלעס „אייער בוך",

האָט ער געשריבן, „איז אַ גרויסער צושטייער צו דער געשיכטע פון יידישער קונסט. ס'דערשיינען ניט מער קיין שריפטן וועגן די קינסטלער פון יענעם פעריאָד. אין אַ סך פאַלן איז שווער צו באַקומען ביכער אין די „פּאַבליק לייבררערים"", אַפילו פאַר איבערגעגעבענע דערציער אין דער יידישער קהילה".

די רעפּראָדוצירטע בילדער פון די זיבן קינסטלער אין דר. לובינ'ס בוך, שפּיגלען אָפּ געשטאַלטן אין דער געשיכטע פון יידן און ניט־יידן, וואָס זיינען פאַראייביקט געוואָרן.

———

דר. לובינ'ס פאַרשערישע אַרבעט אויף דער טעמע „די אילומינירטע כתובות און זייער באַדייט", באַלויכט אוראַלטע צייטן מיט זייערע מנהגים. זיי דאָקומענטירן אַ לעבנסשטייגער פון יידישע קהילות אין זייערע פאַרשיידענע ישובים, וואָס אַ סך פון זיי זיינען מיטן גאַנג פון דער צייט אָפּגעווישט געוואָרן.

אין אָט־דער עסעי נעמט ער אונדז אויף אַ לאַנגן שפּאַציר איבער אונדזער דורות־אַלטער יידישע געשיכטע. אין די רע־פּראָדוצירטע בילדער פון די אָרנאַמענטירטע כתובות, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין דער צייט פון גלות־בבל, אין רוים, אַפריקע, ארץ־ישראל, דייטשלאַנד, האָלאַנד און אין אַנדערע לענדער, וואו יידן האָבן געלעבט, ווייזט ער אָן, אַז אָט־די כתו־בות זיינען ניט נאָר אַ רינג אין דער לאַנגער קייט פון דער יידי־שער סאָציאַל־קולטורעלער אַנטוויקלונג, נאָר אויך אַ וויכטיק קאַפּיטל פון אונדזער פאָלקישער שעפערישקייט. גאַנץ פאַר־שטענדלעך, אַז די כתובות זיינען אויך עדות פון די תקופות פון יידישער וואַנדלונג און וואַנדערונג פון לאַנד־איין, לאַנד־אויס, פון וועלכע זיי זיינען געטריבן געוואָרן.

דר. לובינ'סביידע ביכער „אין דער מינסקער געטאָ", אי־בערזעצט פון הערש סמאָליאַרס בוך מיטן זעלבן נאָמען אין דער ענגלישער שפּראַך און דאָס בוך „ריבוירט אָוו דזשואיש אַרט" פון דר. לובין אין דער ענגלישער שפּראַך, זיינען אַ גרויסער צושטיי־ער צו אונדזער יידישער ליטעראַטור.

רחמיאל פאַרבער

„מיין פאַרמעג כ׳האָב ניט געזאַמלט אין חדר און אין ישיבות,
אין פאַבריקן כ׳האָב געמאַכט דעם ערשטן טראַט,
אין פאַבריקן האָב איך געהערט דאָס ערשטע וואָרט,
וואָס האָט געפירט מיך צו אַ וועלט פון רחבות״.

(ר. פאַרבער)

אינעם אויסצוג פון אָט דעם ליד דערוויסן מיר זיך, אַז פאַר־בערס שטודיר־אינסטיטוציע איז געווען אַ פאַבריק, וואו ער האָט געהערט דאָס וואָרט פון „ליבע און האַס״ און אַז דעם „פאַרמעג״ פון וויסן וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט „היט איך ווי אַן אוצר... אָף מיינע דערנער־וועגן״.

אין יעדן שטאָך פון דער ניי־מאַשין־נאָדל, דערציילט אונדז פאַרבער, האָט ער געהערט דעם קלאַנג פון די ווערטער, וועלכע ער האָט אין בילדער, דערציילונגען, לידער און עסייען טראַנס־לירט.

אַדאַנק דעם, וואָס פאַרבער איז אַלע זיינע יאָרן ניט גע־ווען קיין זייטיקער אָבסערווירער האָט ער טיף באַנומען די ענדערונגען, וואָס די צייט מיט אירע געשעענישן האָבן באַ־איינפלוסט.

אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע פאַרצייכענונגען מאָלט פאַר־בער ניט נאָר דאָס פערזענלעכע, נאָר דעם ברייטן אַרום מיט די טעגלעכע געשעענישן, וואָס האָבן אים באאיינפלוסט צו באַטרעטן דעם וועג, וואָס פירט צו וועלט אויפלייזונג און באַ־פרייאונג פון דער מענטשהייט.

אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע סקיצן, געדרוקט אין פאַר־זעצונגען אין דער פאַריזער צייטונג „נייע פרעסע״, שילדערט ער זיינע קינדער־יאָרן.

זיינע דערציער זיינען געווען דער פאַנאַטיש־רעליגיעזער פאָטער און מוטער, וואָס איז געווען באַשאַנקן מיט „פאָלקישן אינסטינקט וועגן וואָס ס׳איז רעכט, אָדער אומרעכט״. אין זיין אָדע „מיין מאַמע״ זינגט פאַרבער:

פון מיין מאַמען זיינען וועלטלעכע עשירות ניט פאַרבליבן,
אין די אַנאַלן פון דער שטאָט איז איר נאָמען ניט פאַרשריבן...
זי האָט מיט דער וועלט שלום ניט געמאַכט,
געזוכט צו ברעכן אַלטע צאַמען...

פאַרבער׳ס פאָטער, אַ שניידער, האָט פון זיינע קליינע פאַר־דינסטן די אָרעמשאַפט פון הויז ניט געקאָנט פאַרטרייבן. צו העלפן שפייזן זיבן קינדער און זיך אַליין איז אַנטקעגנגע־קומען פאַרבערס געטרייע מאַמע, מינדל, וואָס האָט געמאַכט גילדזן פאַרן פאַבריקאַנט, וואָס האָט אומברחמנותדיק עקס־פּלואַטירט זיינע אַרבעטער.

מינדלס פאַרדינסטן האָבן באַטראָפן 27 קאָפּיקעס אַ טאָג. די גילדזן האָט מינדל געמאַכט ביי זיך אין דער היים. איר אַרויסהעלפער איז געווען רחמיאל, איר 9 יעריג בחורל. ביי אָט דער פּראָפעסיע איז ער געווען באַשעפטיקט צוויי יאָר צייט. צו 13 יאָר האָט ער פאַרלאָזט זיין היים. ער האָט זיך שוין באַ־טראַכט ווי אַ דערוואַקסענער מענטש, וואָס דאַרף אַליין באַ־שטימען זיין אייגענעם גורל. דער באַשלוס זיך אַרויסרייסן פו־נעם פאַרשאָלטענעם קרייז פאַרצייכנט אינעם קאַפּיטל „יוגנט־לעכע חלומות״ פון זיינע מעמואַרן איז געווען זיין שטרעבונג צו דערגרונטעווען זיך דעם באַדייט פון „זיין״ און צו געפינען דאָס אָרט, וואָס ער דאַרף פאַרנעמען אַלס מענטש. אַן ענטפער אויף די פּראָבלעמען דריקט ער אויס אין זיין ליד:

אויב איך בין אַ טייל פון וועלטלעכן באַשאַף
בין איך אַ וויכטיקע טייל פון דער גרויסער וועלט,
וואָס שפּרייט זיך אויס מיט ליכט און זון צעהעלט.

אין יעקאַטערינאָסלאַוו, וואו ער האָט זיך באַזעצט, האָט ער דורכגעמאַכט נייע דערפאַרונגען: זוכן באַשעפטיקונג, ראָ־מאַנטישע איבערלעבונגען איינגעהילט אין יינגלעשע חלומות, וואָס פאַרשווינדן מיטן אויפגאַנג פון דער פרימאָרגנדיקער זון.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אַסך יאָרן זיינען שוין פאַרלאָפן זינט פאַרבער האָט פאַרלאָזט יעקאַטערינאָסלאַוו, וואונדערט ער זיך אין זיין ליד „חלומות״:

פאַרוואָס קומען זיי צו מיר
חלומות פון פאַרגאַנגענע טעג?
דו ליגסט און טראַכסט:
ביסט עלטער און גרוי געוואָרן,
ס'קומט דער חלום פאַרבייטן די וואָר,
קומט און מאָנט אַלע נעכט פונעם יאָר.

זיין ריכטונג אין לעבן האָט ער געפונען אין דער צייט וואָס ער האָט אַלס שניידער געאַרבעט אין פּאַריז, וואָס אין יענע טעג באַטראַכט געוואָרן אַלס „די הויפּט שטאָט פון דער וועלט".

אָט די שטאָט איז ערב דער ערשטער וועלט-מלחמה געווען דער קאָנצענטראַציע פּונקט פון רוסישע רעוואָלוציאָנערן פון די פאַרשיידענע פּאָליטישע ריכטונגען: סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן, „בלאַנדזשענדיקע" אָן אַ באַשטימטער ריכטונג און אויך באַרימטע שאַפער פון דער וועלט ליטעראַטור. אָף דער יידישער גאַס זיינען געווען בונדיסטן, ציוניסטן און אַנטי-ציוניסטן. דאָס לעבן אין דער אימיגראַנטישער קאָלאָניע אין פּאַריז איז געווען קאָכעדיק, לעקציעס געהאַלטן פון פּלעכאַנאָוו, לונאַטשאַרסקין, פון חיים זשיטלאָווסקי, י. לעסטשינסקי, א. א., וואָס זיינען אַרויסגעטראָטן פאַרן יידיש-ריידנדיקן עולם.. אין אָט די קרייזן האָט דער יונגער האַרעפּאַשניק פאַרבער זיך אויסגעלעבט גייסטיק נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט. דאָס האָט געוועקט אין איר דער באַגער צו שטודירן און צו אויסברייטן זיין וויסן פון דער יידישער שפּראַך.

פאַרבער האָט זיך איבערצייגט אַז זיין אָנגעהעריקייט איז מיט די אַרבעטער מאַסן און מיט אַלע פאָרגעשריטענע מענטשן, וואָס מאַרשירן אין דער דירעקציע פון פּראָגרעס צו איבערבויען דעם לעבנס-שטייגער אָף יסודות פון סאָציאַלן יושר, פרייהייט און גלייכהייט אין אַ וועלט פון אייביגן פרידן.

— — — —

כאָטש זיין ליד „ס'קומט אַ שטורעם" האָט ער ניט געשאַפן אין 1914, האַרמאָנירט זי מיטן אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט-מלחמה. ווי אַ וואָרנונג קלינגט דער פאָלגנדיקער פערז אין אָט דער ליד:

וואַלקנס שפּרייטן זיך
איבער בערג און טאָל,
זיי זאָגן אָן:
עס וועט זיין אַ שטורעם
עס האָט דער שטורעם זיך שוין צעטראָגן...

איבערצייגט, אַז דער גרוילי‌קער מלחמה־שטורעם באַדראָעט פראַנקרייך, האָט פאַרבער צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע פאַרלאָזט דאָס לאַנד און זיי האָבן עמיגרירט קיין אַמעריקע.

באַזעצט האָט ער זיך אין ניו־יאָרק, וואו דער גרויסער יידישער ישוב האָט געברויזט מיט אידעאָלאָגישע באַוועגונגען. אַלס באַוואוסטזיניקער מענטש האָט ער זיך אַקטיוויזירט אין דער יידישער פּראָגרעסיווער באַוועגונג. לידער, וועלכע ער האָט פאַרפאַסט ווען ער איז אַלט געווען 17 יאָר און אויך אַרטיקלען האָט ער געדרוקט אין דער ניו יאָרקער צייטונג „רוסקי גאָלאָס״.

אין 1924 איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן זיין בריוו אויף יידיש אין דער שריפט „נייע וועלט״. ווען ער מיט זיין פרוי האָבן זיך באַזעצט אין לאָס אַנדזשעלעס זיינען זיי אויפגענומען געוואָרן ווי צוויי וויכטיקע טוער אין דער ברייט־פאַרצווייגטער יידישער פּראָגרעסיווער באַוועגונג.

מיט זיינע קאָרעספּאָנדענצן, דערציילונגען, בילדער, פאַרצייכענונגען, לידער און עסייען איז ער פאַרטראָטן אין יידישע צייטשריפטן אין און אויסער אַמעריקע.

פאַראַן ביי אים דערציילונגען וואָס זיינען אילוזאָריש, ניט געקוקט אויף דעם וואָס אַזעלכע פאַלן זיינען אַ געוויינלעכע דערשיינונג. דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין זיין דערציילונג „בלאַדזשנדיקע פייערלעך״, אין וועלכער ער האָט אַריינגעוועבט אַ סך שרייבערישע מי צו מאָלן זיינע באַגעגענישן מיט אַן אומבאַקאַנטער פרוי אינעם פּאַרק ביי די ברעגן פונעם פּאַציפיק אין לאָס אַנדזשעלעס. ניט געקוקט אויף אַלע ספּעציפישקייטן וואָס זיינען אין דער דערציילונג אַריינגעוועבט, איז דער סוזשעט ניט נאַוואַטאָריש און אינעם האַרץ־אויסגאָס פון דער פרוי פעלט טעמפּעראַמענט.

דער בלויז ווערט פאַרגיטיקט דורך דער אימפּרעסיאָניס־

טישער שילדערונג פון דעם וואַלד, דעם ברויזנדיקן ים, דעם בלויען הימל, די פּרעכטיקייט פון דער גאַנצער נאַטור אומגעבונג.

פון גאָר אַ באַזונדערן זשאַנר איז פאַרבערס דערציילונג „זי איז געווען אין דייטשלאַנד". ער מאָלט דאָס יידישע מיידל ראַזע, אַ געראַטעוועטע פון היטלערס גיהינום, וועמען איר אַן אייגענער האָט אַריבערגעבראַכט קיין אַמעריקע. שנעל האָט זי גרינטלעך דערלערנט די ענגלישע שפּראַך און זיך ספּעציאַליזירט אין סטענאָגראַפיע. זי האָט באַקומען אַ שטעלע אין אַן אָפיס. אירע איבערלעבונגען האָט זי פון זכרון ניט געקאָנט אויסמעקן.

די גרויליקע איבערלעבונגען האָבן אויפגעלעבט ווען דער פאַרוואַלטער פונעם אָפיס האָט פאַרגעשטעלט פאַר ראַזען אַ מיידל, וועמען זי זאָל לערנען סטענאָגראַפיע. קיין צופיל צייט האָט די נייע אָנגעשטעלטע, וואָס קומט פון דייטשלאַנד ניט פאַרלאָרן צו זאָגן ראַזען, אַז „די רוסן וועלן נאָך קריגן, וואָס זיי קומט.. די היסטאָרישע גערעכטיקייט האָט זיך אירע וועגן, און מיט דער הילף פון אייער לאַנד אַמעריקע, וועלן מיר נאָך אָפּנעמען, וואָס באַלאַנגט צו אונדז". צו איבערצייגן זי ווי שיין דייטשלאַנד איז האָט זי ראַזען איינגעלאַדן קומען צו באַזוכן איר „היימאַט". אַ צעוויטיקטע האָט ראַזע איר געזאָגט: „איך בין געווען אין דייטשלאַנד, וואָס הייסט „אוישוויץ". דאָס איז פאַר מיר גענוג".

ראַזע האָט זיך אויפגעהויבן, אָנגעטאָן איר מאַנטל און ניט קוקנדיק אויף קיינעם האָט זי פאַרלאָזט דעם אָפיס.

פאַרבער באַדויערט פאַר וואָס „כ'בין שפּעט געקומען צו מיין ליד". ער זינגט:

איך ווייס: ס'האָט פאַרשפּעטיקט זיך מיין ליד,
ס'וואַרט ניט קיינער אויף זיין וואָרט, זיין קלאַנג.
מיין האַרץ איז נאָך ניט אַלט,
ס'פליסט ווי קוואַל־וואַסער מיין געדאַנק...

אין זיין ליד: „אַמעריקאַנער געדאַנקען און שטימונגען", צאַרנט פאַרבער קעגן די אַמעריקאַנער אַריינדרינגער אין וויעטנאַם, וואו

„ס׳בלאָנדזשען קינדער... פרויען, זקנים... פאַרטריבענע פון היימען... צעשטערטע רייז־פעלדער פאַרברענטע... וואו איז דער „באחרית הימים?״... וואו איז דער צוגעזאָגטער שלום? ... וועט עס קומען?, וועט עס קומען?...״.

אין זיין ליד „בייזע ווינטן״ פאַרזיכערט פאַרבער:

„איך האָב קיין מורא פאַרן ווינט... וואָס רייסט און בו־שעוועט אַצינד... אונטער וואָלקנס ס׳שיינט דער פאַרשטעל־טער הימל־בלוי״.

אין זיין ליד „פרייד און פיין״ זינגט פאַרבער, אַז אינעם אויסדרוק: דור הולך, ודר בא... איז דער צער פון אונטער־גיין... און אויך די פרייד פון אויפגיין... פונעם קומענדיקן דור... ס׳איז די פרייד פון לעבן...„ וואָס ציט זיך נאָך אונדז ... דורך דעם געפיל פון פיין... גייט אויף די פרייד פון זיין...״.

אין זיין ליד „מיין חלום״, זינגט ער:

„איך האָף, אַז דער אמת וועט קומען... און וועט ווי אַ מאַמע צעשפרייטן די הענט... און מיט וואַרעמער ליבשאַפט באַנעמען... צו לינדערן צער פון דער וועלט... דאַן וועט קריגן אַ תיקון... פאַרמאַטערט פון ליידן די וועלט... און ליכט וועט זיך שפרייטן צעהעלט...״.

די עטלעכע אויסצוגן פון פאַרבערס לידער דריקן אויס זיינע אַספּיראַציעס פאַר אַן אויסגעלייזטער וועלט אַף יסודות פון אייביקן פרידן, פרייהייט און פרייד אין לעבן.

פון די עסייען וואָס פאַרבער האָט געשאַפן איז כדאי צו דערמאָנען: „די פּראָבלעם פון קינסטלערישן שאַפן״; „דערציי־לער און לייענער״; „דאָס קליינע מענטשעלע״ פון מענדעלע מוכר ספרים; „איציק מאַנגער״ און אַנדערע, וואָס זיינען דער־שינען אין אַ צאָל צייטשריפטן.

אַ שאָד פאַר וואָס דער שרייבער רחמיאל פאַרבער האָט זיינע ליטעראַרישע ווערק ניט איינגעזאַמלט אין בוך־פאָרם.

זיינע ליטעראַרישע ווערק, זיין אַקטיוויטעט אין דער יוניאָן און זיין צושטייער צו בויען די ברייט פאַרצווייגטע פּראָגרע־סיווע יידישע באַוועגונג מיט איר קולטור בנין זיינען זיין יחוס־בריוו.

דאָרא ביירעק

די צוויי ביכער לידער „ליכט און שאָטן" און „געזאַנג פון די טעג" געשאַפן פון דער דיכטערין דאָרא ביירעק זיינען באַשאַנקען מיט אימפּרעסיעס, וויזיעס, מיט געזאַנגען צו דער נאַטור מיט אירע שיינקייטן, בענקשאַפט נאָך ליכטיקע טעג, רוף פאַר אייביגן שלום אויף דער וועלט, קאַמף פאַר סאָציאַלן יושר און גערעכטיקייט.

איר ליד „ליכט און שאָטן", — דער נאָמען פונעם בוך —, איז געבויט אויף צוויי אַנטאַגאָניסטישע דערשיינונגען, וואָס קומען פאַר אינם טעגלעכן לעבן פון דער דיכטערין:

א וואָרט קאָן פאַרווישן פון האַרצן דעם פּיין,
און א וואָרט קאָן פון סם נאָך סמ׳יקער זיין.

זי ווייסט, אַז:

עס שטייען ביי מיין שוועל פילצאָליקע פריידן
און גערן זיי וואָלטן זיך מערן און שפּרייטן.
נאָר קינדער ניט זאַטע, אַפילו פון ווייטן,
מיינע ליכטיקע שעהן מיט שאָטן פאַרבייטן.
. . . .

דאָרא רופט די מענטשן וואָס קעמפן פאַר שלום און פרייד אין לעבן, „אויף ערד שאַפן א גן עדן".

איר וואונטש צו וואַקסן מיטן אויפבלי פון „ליכטיקן פאַרטאָגן", דריקט זי אויס אין איר ליד „צו וואַקסן קלוגער (מיט וועלט צו גלייך)".

באַגייסטערט פון די גרויסע דערגרייכונגען אויפן וויסנשאַפטלעכן און טעכנישן געביט, וואָס דער מענטש באַווייזט, וויל זי וויסן צי איז:

לבנה פלי, א וויסער מלאך, צי א וויכער?
צילט עס אַלץ צו פרידן, אָדער קריג?
. . . .
דורות האָבן פיל געשאַפן פאַר מיין וואוילזיין,
נאָר פיל שיינקייטן מיט גרוילן אויסגעמישט . . .

דעם וואוילזיין פאַר דער מענטשהייט, וואָס אַט די וואונ־דער־דערגרייכונגען איז דורך חכמה פאַרווירקלעכט געוואָרן ניט פאַר גרויליקע אַקטן געגוצט צו ווערן. דאָרא דריקט אויס אונדזער אַלעמענס איבערצייגונג, אַז:

אין יעדן שאַפן פאַרויס — אַ טראָפּן גליק.

„פריער פון אַלץ איז געווען דאָס וואָרט" באַשטעטיקן אונדז־ערע אַלטע חכמים. מיטן וואָרט האָט מענטש באַשאַפן זיין וועלט. די דיכטערין איז מיט דער מיינונג, אַז אינעם מענטש־לעכן וואָקאַבולאַר פעלט נאָך אַ וואָרט. אַט דעם געדאַנק דריקט זי אויס אין איר ליד „ניטאָ דאָס וואָרט". זי אַנערקענט, אַז:

וואָרט אַ שליח צו פאַרבינדן
אַלץ, וואָס לעבט אין דיין געביין
עכטע ברודער־פריינדשאַפט צינדן
און איינשטילן אַ שטיל געוויין.

ס'איז אָבער:

גרויס דער מהלך פון האַרץ ביזן מויל,
ווי פון טיפן קוואַל צום שפּיץ פון באַרג.

פון אַט דעם וויטן מהלך גלויבט דאָרא „טליעט דער אמת בלויז אין האַרצן... און ער וויל מיט ווערטער זיך באַקליידן".

דער אמת, וואָס איז לויט דאָרען גליאיק־היים אין האַרצן זוכט דאָס וואָרט, וואָס זאָל פון מענטשנס מויל אַ תיקון באַקומען.

———

אינעם ליד „גאָט פון אברהם" האָט דאָרא אויסגעדיכטעט אַן אויפשריפט פאַר אַ מאָנומענט צו איר מאַמען, וואָס זאָגט: „גאָט פון אברהם": „ווען די זון נעמט אום שבת אין מערב פאַרגיין... שטיל איז איר קול, טיף איז איר פּיין. פאַר די קינ־דערלעך צען, וואָס טוליען זיך צו דער מאַמע און פאַרן קינד, וואָס איז נאָך ניט געבאָרן, בעט זי ביי גאָט ער זאָל איר שענקען יאָרן". אין דער דיכטערינס זכרון לעבט אויף דער מאַמעס איידל געשטאַלט און איר פאַרהונגערט לעבן. זי בעט ביי גאָט, אַז ער זאָל „אירע זינד פאַרגעבן".

אַט דאָס קרעפטיקע ליד דערציילט פון דאָראס שטאָט און

פון איר היים-סביבה, אין וועלכער זי איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן.

— — — —

„מיין פאָלק" איז אַן אָדע צום יידישן פאָלק. זי בלעטערט געשיכטע קאַפּיטלעך פונעם פּילגעליטענעם יידישן פאָלק, וואָס האָט זיינע גדוליקע ליידן מיט בלוט און מאַרך פאַרצייכנט. ס'איז אַ געשיכטע, וווייזט אָן דאָרא, וואָס ציט זיך „פון מצרים, שפּאַניע... ביז מאַידאַנעק און אוישוויץ".

אין די רוימען טראָגט זיך נאָך דער ווויי-געשריי פון די קרבנות וואָס זיינען פאַרגאָזט אָדער פאַרברענט געוואָרן. ס'איז אָבער „דער הייסער בטחון... אויף אייגענעם באָדן... דאָס לעבן צעגרינען..." פאַרווירקלעכט געוואָרן. פרייט זיך דאָרא אינם כלל פון די: „יידישע רעשטלעך, אויף אייגענעם באָדן... דעם פאָדעם נאָך שפּינען... צום גאָלדענעם המשך... מיט אייגענעם כוח — ... זיך באַנייען... אין וואַקסנדיקן לעבן צעגרינען...".

צו פאַרווירקלעכן אָט די דיכטערישע וויזיע, וואָס איז אונדזער אַלעמענס האָפענונג, איז אָפּהענגיק פון אַ געזיכערטן שלום אויפן מיטל מזרח.

— — — —

פאַראַן ביי דער דיכטערין אַ צאָל לידער געווידמעט דעם פּאַציפישן ים, וואו זי האָט געוואוינט אין איינע פון די דערבייאיקע גאַסן. באַזינגט זי דעם ים, ווען זי הערט אים „רוישן געזאַנג און געוויין... ווען זיין אומרו גיסט זיך אין מיין אומרו אריין...".

זי פרעגט אים:

„צי ברענגסטו מיר גרוסן פון די ימים טיפע?... צי מאָנסטו ווי איך צו אומרעכט אַ סוף?... צי זינגסטו דאָס ליד פאַר פרידלעכן שלאָף?...".

צו אָט דעם וואַסער-גיגאַנט, זינגט זי: „הויכט פון דיין אָטעם מיט רחבות פון וועלטן... פון די כלעריליי טייכן, וואָס פליסן אין דיר אריין". זי איז אים מקנא פאַרוואָס: „דו שווימסט צו די ברייטע האָריזאָנטן אַוועק...".

באַזוכנדיק דעם ים, וואָס טראָגט די שיפן אויף זיין רוקן

אין די ווייטע לענדער, ווערט די דיכטערין אַנגעלאָדן מיט פאַ־טישער וויזיע און זי דערפילט, אַז דער ים הויכט זי אָן „אי מיט שטורעם, אי מיט רו".

— — — —

דאָרא איז פאַרליבט אין דער נאַטור מיט אַלע אירע דער־שיינונגען, וואָס דערפרייען, אַנטוישן און אַפילו יענע וואָס וואַרפן אָן אַ שרעק אויפן מענטשן. זינגט זי פון אַ פאַרמעסט, וואָס קומט פאָר צווישן דעם אַרויסגייענדיקן ווינטער מיט זיינע פרעסט און שניי־זאַווערוכעס מיט דעם אַריינקומנדיקן פרי־לינג, אינעם ליד „פרילינג".

ס'איז „דער פרילינג־שניי", וואָס בייזערט און סטראַשעט .... ווי איינער מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ שטאַרקן". דער שניי פאַלט אויף הייזער, אויף גאַסן און באַפאַרבט זיי אַלע ווייס. ער וויל ניט רעכענען זיך מיטן פאַקט, אַז זיין צייט איז אַריבער. אינם פאַרמעסט געווינט דער פרילינג אַדאַנק דער „צעשמייכעל־טער זון" מיט אירע וואַרעמע שטראַלן, וואָס לאָזט דעם שניי וויסן, אַז ער „זיין ווינטער־ראָלע פאַרשפּילט". פרייט זיך „דאָס גרעזעלע, דאָס בלימעלע און די פעלדער צעאַקערטע, פאַרזיי־טע„ און ס'פרייט זיך אויך דער מענטש, וואָס „דער פרילינג שפּראָצט מיט לעבן, מיט געבענטשט".

— — — —

יעדער טאָג פילט אָן די דיכטערין מיט געזאַנג: „לידער פון פרייד און פון טרערן". אַ ניגון בליצט אויף, וואָס דערמאָנט די „רויטע פאַרנאַכטן פון ליבע, וואָס דערפרייט". אַזעלכע זכרו־נות צעקלינגען „שענסטע געזאַנגען". פאַרקערט, פון נאַכט צע־שראָקענער, ווען שטורעם צעברויזט זיך „ווערט דאַן דאָס ליד טיפער פאַרטראַכט". דאָרא'ס מוזע ווערט באַווירקט פון איר געמיט צושטאַנד, ווען זי שאַפט אַ ליד.

דאָרא, אַזוי גוט ווי אַלע דיכטער, האָט אירע אילוזאָרישע פליגל פאַנאַנדערגעשפּרייט און זיך אַוועקגעלאָזט טרוימען ווי־פיל זי וואָלט אויפגעטאָן: „ווען איר טאָג וואָלט געווען אַ יאָר ... און דאָס יאָר זאָל אָן אייביקייט ווערן". פאַרטיפט אין איר חלום זינגט זי: „איך וואָלט מיט קינדער געשטיפט, מיט גרויסע געלאַכט, מיט יעדן אַ לחיים געטרונקען, אַ טרייסט וואָרט מיט

גויטיקן געטוישט... און די פלאַנצן מיט אייגענע הענט אָפּ־געהיט...". פון די אַלע שיינע חלומות געשפּונען... כ'וואָלט אין האַרץ ביי מיר לידער געפונען". הכלל, זי וואָלט מיט אירע אָרעמס די גאַנצע וועלט אַרומגענומען און זי באַזונגען מיט האַ־פּערדיקע לידער, ווען ניט „דער טאָג אַזאַ קורצער... מינוטן אַנטלויפן... זיי לאָזן קיין וואָרט ניט אָנשרייבן... ווען איך טו מיינע שעהן פאַרוויילן...". ,

---

ווען אַ מענטש מיט אַ געוויסן דערהערט דעם נאָמען „טרע־בלינקע", ווערט ער אַ דערציטערטער. אַט דעם יאָמער־טאָל „פון גרויל און פון בלוט" האָט דאָרא באַזוכט. מיט אַ געבראָכענעם געמיט דיכטעט זי „איך וויל גלויבן קוים מיין בליק... און מיין טראָט... אַז דאָ האָבן מענטשן... מענטשן געברענט!".

זי שטייט אונטערן הימל און זעט ניט דאָס ליכט. זי פילט, ווי זי וואָלט אין „אַ פרעמדער וועלט געווען, — אַ וועלט „פאַר־שאָלטן פון מענטש און פון גאָט". זי הערט „דאָס כליפּן און קייכן פון קליינע קינדער און פון גרויע זקנים", וואָס זיינען אומ־געבראַכט געוואָרן על קידוש השם. אַ שרעק באַפאַלט זי פון די בערג שרייענדיקע ביינער.

„עס וויינט מיין געוויסן, מיין מוח, מיין האַרץ... ס'רוישט אין מיין בלוט... זייער פּיין, זייער ברען". דאָרא פילט: „ווי איך וואָלט דאָ אַליין... אינעם קאַלך־אויוון געווען...".

מיט אַ קללה אויף אירע ליפּן אויפן נאַצי־מערדער און מיט אַ שבועה „קיינמאָל ניט דערלאָזן... אַזאַ וויסטע קללה אין מענטשלעכן לעבן", האָט דאָרא דאָס ליד „טרעבלינקע" מיט נשמה־ציטער געשאַפן.

אין אירע צוויי ביכער „ליכט און שאָטן" און „געזאַנגען פון די טעג" האָט דאָרא איינגעזאַמלט צוויי הונדערט און דרייצן לידער. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער מאָטיוו אין אַ צאָל לידער איז דער זעלבער, איז אָבער, צו איר קרעדיט, דאָס גע־זאַנג אַנדערש.

מיט ליבע, געטריישאַפט און בענקשאַפט זיינען אָנגעהויכט אירע לידער: „מיין טאַטע", „גאָט פון אברהם" און „מאַמעס

ליכט", „זין מיינע צוויי", „מיינע שוועסטער" און „אייניקלעך".
דאָס ליד „סטרייק" איז דער בן יחיד, וואָס באַזינגט די אַרבעטער באַוועגונג.

דראַ ביירעקס לידער דערשיינען אין פּראָגרעסיווע צייט־שריפטן. איר צושטייער צו דער בעסערער יידישער ליטעראַטור, דער עיקר אויפן דיכטערישן געביט, איז אָנערקענט און איז ווי געהעריק אָפּגעשאַצט.

דער דיכטער שלמה בעלסקי

אין משך פון 51 יאָר האָט דער דיכטער שלמה בעלסקי געוואוינט אין לאָס אַנדזשעלעס. ווען ער האָט זיך דאָ באַזעצט איז די אינדוסטריע נאָך ניט געווען פון באַדייטנדיקן פאַרנעם. אויך איז דער יידישער ישוב ניט געווען גרויס אין צאָל.

מיט זיין דיכטערישן אינטעלעקט שפּיגלט בעלסקי אָפּ דעם באַשטאַנד פון די יידן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין לאָס אַנדזשע־לעס. אין זיין ליד „קאַליפאָרניע" דיכטעט ער:

מיט שטויב פון וועגן ווייטע און געדרייטע
דערזען דעם ווי, דערהערט דאָס ברומען,
די קללה פון הונגעריקע מיליאָנען . . .

צאָרנט בעלסקי קעגן אַוואַנטוריסטן, לאַנד־פאַרכאַפּער און פּראַצענטניקעס פאַר „זויפן דאָס בלוט" פון דער באַפעלקערונג אין קאַליפאָרניע, און ער וויינאַקט אויפן ביטערן גורל פון די

אַרבעטער, פרויען און מענער, אַרויסגעוואָרפענע
פון פאַבריק שטעט . . .
קראַנקע פון צעפרעסענע לונגען . . .
פאַרנאַרטע קייכן זיי אויס דער רויטן הוסט . . .

אַ צעברויזטער וואָרנט ער די לאַנד־פאַרכאַפּער און פּראָ־צענטניקעס:

ווי וועט זיין צו די געכאַליעטע האָרן,
ווען איבער די שטאָטישע בולוואַרן
וועט זיך דורכרייסן די כוואַליע פון רעוואָלט,

װען דער האַרעפּאַשניק װעט דערװאַכן
צו דײַן שײנקײט, צו דײַן גאָלד.

בעלסקים שטורעמדיקער אױפבראָז קעגן הונגער, נױט און לײדן, שטאַמט פון דער צײט, װען ער אַלס קינד

האָט אין װיגל
פון הונגער אַ דערװאַכטער
מיט דראַטיקע קראַמפּן
צו דער סטעליע געשריען:
מאַמעס ברוסט איז לײדיק און אָפּן,
אַ פאַרטשאַדעטע שאָקלט זי די מולטער
דעש הונגער אין מיר פאַרשלאָפן,
ביז אַ העניטל אַ דאַרס
פאַרשטופּט אין מױל מיר
דאָס צװײטע, דער מאַמען אין בוזעם.

דער הונגער־מאָטיװ אין אַ סך לידער, װאָס ער האָט געשאַפן, האָט אַ שטאַרקע שײכות מיט זײַן הײם־סביבה, אין װעלכער ער איז געבױרן און דערצױגן געװאָרן. זײַן פאָטער דער רב איז געװען פאַנאַטיש־רעליגיעז. ער האָט זיך ניט געזאָרגט פאַרן װאױלזײַן פון זײַן פרױ און די פינף קינדער. „בײַם רודער פונעם משפחה־שיפל איז געשטאַנען די מאַמע מיט אירע דאַרע הענט", אונטערשטרײַכט ער.

אינעם ליד „סטאַנציאַ נאָװאָ יעלנאַ", דאָס שטעטל, װוּ בעלסקי איז געבױרן געװאָרן, שילדערט ער זײַן הײם־סביבה:

די אָרעמקײט אַ האַרטע, אַ בײזע —
טאַטע מאַמע קריג, דאָס טעגלעכע ברױט...
אַ פאַרלאָרענער ס׳װערט דער בן־זקונים
צעטראָטן אונטער האַמעטנע, שװערע טריט...
װײ־און־װינד די קלײנע קינדער,
װען טאַטע־מאַמע חלום פאַרבײַט זיך אױף גרױל...

די האַרטע, בײזע אָרעמקײט, באַשטעטיקט בעלסקי, איז געװען דער ביטערער גורל ניט נאָר פון ײדן אַלײן, נאָר אױך פון ניט־ײדן אינעם שטעטל װוּ:

קראָען קרײַזן איבער ביטערע כאַלופּעס
מיט הונגער־הײזעריקן װײ־געשרײ,

הונגער שרייט פון שטומע קאַלטע קוימענס...
ווינען קינדער פון קאַקליוש און ראַכיטיס
אין ווינטערדיקע, צעקרימטע, נאַסע ווענט...

בעלסקי האָט ניט געקאָנט אויסמעקן פון זיין זכרון דעם פאַל, ווען זיין פאָטער האָט אים דעם 8־יעריקן געשמיסן איבערן נאַקעטן לייב. אָט דעם עפּיזאָד באַשרייבט בעלסקי אינעם זשור־נאַל „בעכער", איינע פון די צייטשריפטן „מעריב", „זונלאַנד" און „ביים פּאַסיפיק", וועלכע ער האָט מיטגעהאָלפן ארויסגעבן אין לאָס אַנדזשעלעס.

ניט געקאָנט האָט דאָס טיף־באַליידיקט בחורל, בעלסקי, אין זיין קינדערשן באַוואוסטזיין שלום־מאַכן מיט דער אומברח־מנותדיקער אומרעכט, וואָס איז קעגן אים באַגאַנגען געוואָרן". ער אַנטלויפט פון דער היים און פאַרברענגט די קאַלטע נאַכט אויף סקידרע שפּאַלן, וואָס איז געווען אויפגעשטעלט ביים זייט וועג פון דער באַן־סטאַנציע נאַווא יעלנא. ער פילט זיך דער־וואקסן און שטאַרק דערמיט, וואָס ער האָט ניט נאָכגעגעבן דער מאַמעס פאַרלאַנג, אַז ער זאָל זיך אַנטשולדיקן פאַרן פאָטער.

מייסטערהאַפט מאָלט ער דעם עפּיזאָד „אַליין". ער שרייבט: „די וועלט האָט אָנגעהייבן אַריינדרינגען אינעם קינדערשן באַ־וואוסטזיין. די שטילקייט, די לייכטנדיקע פייערלעך פון די ווייטע שטיבלעך, דער וואַלד, דער וואונדער פונעם פאַרבייגייענ־דיקן טאָג, וואָס איז פאַרביטן געוואָרן פון דער שטומער נאַכט, האָבן אים אַרומגענומען מיט מיסטעריעזע הענט. ער האָט גע־נומען דרימלען,. אין הימל האָבן די שטערן זיך איבערגעוואונ־קען און זיך געוואונדערט: „וואָס וועט ווערן פון שלומען?"".

צו באַשטימען זיין אייגענעם גורל איז ער נאָך זיין בר־מצווה שוין געווען אין קאָוונע, וואו ער האָט זיך געלערנט אַ מלאכה. ער האָט אָנגעהויבן לייענען יידישע ליטעראַטור און די „בונד"־בראָשורן און האָט שוין ביי־געוואוינט געהיימע „סכאָדקעס".

די נויט און דער הונגער האָבן בעלסקין ניט פאַרלאָזט, ווען ער איז אין 1904 געקומען קיין ניו יאָרק. זיין גייסטיקער גענוס איז געווען די דערנעענטערונג מיט די שרייבער פון דער גרופּע

„יונגע", און באַזונדערס די פריינטשאַפט מיט משה־לייב האַל־פּערן און משה נאַדיר.

בלעטערנדיק בעלסקים שריפטן, דערשינענע און ניט־גע־דרוקטע, האָב איך ניט אויסגעפונען, צי האָט ער עפּעס געשאַפן אין משך פון די 17 יאָר, וואָס ער האָט געוואוינט אין ניו יאָרק.

פון דערפאַרונג ווייסן מיר, אַז יעדע נייע דערשיינונג, יעדע ענדערונג באַווירקט יעדן באַוואוסטזיניקן מענטשן, און נאָך מער דעם געדאַנקען־גאַנג פון אַ שרייבער און דיכטער. אָט־די אייגנ־שאַפט שפּיגלט זיך אָפּ אין בעלסקים פּאָעמע „מיין היים", מיין אַמאָליקע", וואָס איז דערשינען אין די „קאַליפאָרניע שריפטן", אַרויסגעגעבן פונעם שרייבער־פאַראיין אין לאָס אַנדזשעלעס אין 1961. אויף די פליגל פון נאָסטאַלגיע טראָגט זיך בעלסקי אַריבער:

צום אָרט פאַרשאָלטענעם
אויף הונגער און גריזאָטע
וואו טאַטע־מאַמע אויף חיונה
עסן זיך די גאַל —
דאָרטן בין איך געקומען
טרינקען פונעם זעלבן קוואַל.

אַן אויסגעמאַטערטער פונעם לאַנגן שווערן לעבנס־וועג באַ־דויערט בעלסקי די פאַרגאַנגענע יאָרן. ער גלויבט:

ווי גוט עס וואָלט געווען אויף לאַנגע טעג
אין וויג זיך לייגן
פאַרוויגט צו ווערן אין אַ ניגון
פון מאַמע־האַרץ און אויגן...

שפּאַנט ער אין זיין דמיון איבער „וואַלד־וועגעלע, וואַלד־שטעגעלע", וואָס פירט צו זיין היים־שטאָט און ער זעט זיין טאַטן

ער פירט די קאַפּעליע,
וואָס רופט און מאָנט:
זאָג: וואו ביסטו געווען
ווען מ'האָט אונדז געברענט
און פאַרשעמט?
און אָט איז די מאַמע אַ נאַקעטע

זי בויגט זי איבער און זאָגט:
„שאַ, מיין קינד״,
און שטופּט מיר אין מויל
אַ פּאַרסמאַליטע ברוסט.

מיטן מאַרך פון זיין אויסגעדאַרטן קערפּער האָט בעלסקי געשאַפן די פּאָעמע „וואַלד-וועגעלע, וואַלד-וועגעלע״. ער האָט געקלאָגט אויפן גרויסן בראָך פון די יידן אין די פינצטערע היטלער טעג און ער האָט אין גייסט פון ישעיה הנביאם „נחמו, נחמו, עמי״ (טרייסט זיך, מיין פאָלק) דערזען די זון, וואָס איז אויפגעגאַנגען אויף יענער זייט באַרג.

———

בעלסקים לידער זיינען געשריבן מיט נשמה-צאַפּל פאַרן אונטערדריקטן און פאַרפאָלגטן. צו זיי וויל ער טראָגן זיין קאַמף-ליד אויף „די וועגן און סקווערן... וואו מענטשן האָבן זייער שוויים און בלוט פאַרזייט... לאָמיר שטורעמען, וואַרענען און וועקן״.

אינעם ליד „פרימאָרגן״ הערט בעלסקי, ווי „די מלכה-נאַכט זינגט איר אָפּשייד-ליד צום טאָג, וואָס גייט אויף מיט מיידלשאַפט פאַרשעמט״. אין שיין פונעם אויפגייענדיקן טאָג הערט ער ווי דער טאַטע זינגט „אַ ניגון ברומט״:

דערוועק דיך, קינד מיינס,
צום בייזן קומט דער סוף פון אַלע סופן
און פון אַלע טירן, — די גערעכטיקייט זי קומט אַריין.

דערמוטיקט פונעם טאַטנס רייד, אַז דער טאָג וואָס קומט וועט דאָס בייזע פאַריאָגן, צעזינגט זיך בעלסקי:

נעם איך קלייבן סנאָפּעס ליכט
און זאָג צו זיך: ס'איז גוט,
ס'איז גוט צו זיין!
....

———

באַגייסטערט פונעם „צעגליטן פרימאָרגן, פונעם וואַלד און פייגל-כאָר״, רופט ער די מאַסן צו פאַרשנעלערן דעם קאַמף פאַר דער נייער צייט, וואָס וועט ברענגען זיכערקייט און פרייד אין לעבן. ער רופט די „בראַווע יאַטן, (די) דרייסטע טרעגער פון

גרויסע טאַטן... צעיאָגן די כמאַרעס פון אַלע עקן, צעשטויבן די צרות און אַלע שרעקן... די האָפענונג צעפאָכן... איבער אַלע מענטשלעכע בראָכן...".

— — — —

אין דעם ליד „פאַרבלאַנדזשעט" דיכטעט בעלסקי מיט אַ צעבראָכענעם געמיט דעם ביטערן גורל פון „די פאַרבלאָנדזשע־טע יידן פון פוילן".

אַ צעוויטאָקטער ווענדט זיך בעלסקי צו די פאַרטריבענע יידן פון פוילן און ער זאָגט:

דאָס לאַנד,
וואו יעדע גאַס און וואַנט
דערמאַנט די מערדער־האַנט
וואָס האָט מיט קינדער־בלוט
די ברוק־שטיינער געפאַרבט...

ער טרייסט זיך, וואָס נאָך דעם ווי דער פאַרדאַרבער, היט־לער, ימח שמו, איז פון פוילנס ערד פאַרטריבן געוואָרן, „האָט ווידער צעבליט זיך... דער דורות־אַלטער פייער..." — זעט ער אָבער: „דאָס פייער איז צו אונדזער אַלעמענס וויטאָק אוים־געלאָשן געוואָרן פון „די פייגל ווילדע... די שיפעלעך אַ קער געטאָן... און פליגל שוואַרץ־נייע־שונאים

פיקן שוין ווידער אין די פענצטער.

צאַרנט בעלסקי קעגן דעם, וואָס „פאַרראָטן האָט דער פאַס־טוך דאָס שעפעלע צום ווינט". באַלאַדן מיט עגמת־נפש, בליצט־אויף ביי בעלסקין אַ שטראַל פון האָפענונג, מיט וועלכער ער טרייסט די אַרויסגעטריבענע פוילישע יידן:

אפשר וועט אַ שוועלבעלע
מיט איר ניגון
אונדז שטילערהייט פאַרוויגן
ביז בלויער טאָג געדעכטער
וועט אַ לעק טאָן מיט זיין צונג
און ווי גרעזעלעך מיט קינדערשן געלעכטער
מיר וועלן אויפשטיין ווידער יונג.

— — — —

אין זיין היים־סביבה האָט בעלסקי אַלס קינד ניט געגאָסן

פון טאַטע־מאַמע צערטלעכקייט און ליבשאַפט. פון אַט־דער וואונד האָט ער געליטן אַלע זיינע יאָרן. אַ „רפואה" האָט ער געפונען אין צערטלעכער און ליבלעכער באַציאונג צו קינדער, אַן אויסערגעוויינלעכע באַגייסטערונג האָט ביי אים אַרויסגערופן, ווען ער האָט בייגעוואוינט אין אַ פּאַרק די שטיפעריי פון אַ גרופּע נעגער־קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט. דער רעזולטאַט פון זיין באַגייסטערונג איז דאָס „וויג־ליד", געווידמעט צו אַ נעגער־קינד. אין זיין דמיון פאַרוויגט בעלסקי דאָס נעגער־קינד און ער זינגט:

> האַלט איין דיין אָטעם, וועלט, דיין צאַפּלדיקן גלי,
> אין דיינע טויערן שלאָפט אַ נעגער־קינד.
> די מאַמע האָט אים געלאָזן אויף מיינע הענט.
> זי איז פאַר קינד מיט הוילע הענט אין פייער
> פאַר גערעכטיקייט אוועק אין קריג...

„דאָס נעגער־פאָלק", באַטאָנט בעלסקי, „אין פייער גייט... צו אויסלייזן פאַרגאָסן בלוט". דעם קינדס מאַמע איז אויך מיט זיי. אהיים וועט זי קומען: „מיט זון באַקליידט... מיט נייעם ניגון... נייע רייד". און ביז זי וועט קומען, וויגט ער דאָס קינד און זינגט: „שלאָף, מיין קינד... פאַרמאַך דיינע אויגעלעך... דרייסטע שטערן וועלן דיך באַוואַכן... מיין יידיש האַרץ מיט זיי...".

———

אין זיין ליד געווידמעט צו „די העלדישע פּען־קאַפּיטאַנען" פון די פּראָגרעסיווע צייטשריפטן, זינגט בעלסקי: „אין שוואַרצע שטורעמס, נעכט און שטערן,... איך בין מיט אייך אין ברי און ברען... נאָך איין שטוים פאַראויס, פאַראויס... און מיר דערגרייכן נצחונדיקע ברעגן...".

דאָס לעצטע ליד וואָס ער האָט געשאַפן פאַר זיין אוועק אין דער אייביקייט איז „אַנדזשעלאַ דעיווים", די מיליטאַנטע פירערין פון נעגערמאַסן אין אַמעריקע, וואָס שטייען אין גערא‏נגל פאַר גלייכבארעכטיקונג. אַ צעברויזטער שטורעמט בעלקי „קעגן די ווייסע האַרן" פאַר פאַרשפּאַרן די נעגער אין געטאָס. ער ווענדט זיך צו אַנדזשעלאַ דייווים און ער זאָגט איר:

„שריי, אנדזשעלאָ, שריי... שטאָלצער הויב דיין קאָפּ..." ער איז טיף איבערצייגט, אַז די נעגער־מאַסן וועלן אין אַמעריקע ווערן גלייכבאַרעכטיקט. דאָס איז דערפאַר, וואָס „ניט אַלץ איז אויסגעברענט פון טרערן... גוטע דרייט די ווייזערס גיכער ווי די שטערן... אָט קומט די יוגנט... דערהויבן און צורודערט... מיט ליכטיקן פאַרברודערט... און איך כאָטש ניט יונג... שטיי ניט פון דערווייטנס... אַלץ וועט גיין שווינדל גיך... און וועט אויפזידן... ביי יוגנט אין די הענט..."

— — — —

צו פאַרשנעלערן דעם טאָג, ווען מענטש וועט מער ניט ליידן פון נויט און הונגער, האָט בעלסקי אין זיין אַ ליד זיך צע־זונגען:

איך פלי אויף שטראַליקע פליגל
צו שפרייטן בלויע מאָרגן־פרייד אויף יעדן דאַך,
אויף יעדן נייעס קוימען, יעדן פולן קריגל, —
דעם הימל הויבן העכער, דעם חלום האַלטן וואַך..."

בעלסקיס דיכטערישע ווערק, וואָס ער האָט אין משך פון צענדליקער יאָר געשאַפן זיינען דערשינען אין פאַרשיידענע שריפטן. אַ שאָד, פאַר וואָס ער האָט זי ניט אַרויסגעגעבן אין אַ בוך־פאָרם.

דאָס מינימיזירט ניט זיין ווירדיקן צושטייער צו דער פראָ־גרעסיווער ליטעראַטור אויף יידיש. דער מאָטיוו אין זיינע לי־דער איז געראַנגל פאַר לעבן, אומרו, פרייד, בענקשאַפט און ווי־זיע פאַרן ליכטיקן מאָרגן, וואָס קומט.